STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01290

FAR FREYHEYT UN REKHT

N. A. Rubakin

Permanent preservation of this book was made possible
by Robert Jaffe
in memory of
Esther & Sidney Bailey

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. רובאקין.

פאַר פרייהייט און רעכט

היסטאָרישע כראָניק, אויס דער צייט פון
דער שפּאַנישער אינקוויזיציע אין האָלאַנד

יידיש ז. רייזען

ווילנער פארלאג פון ב. א. קלעצקין.

נאָכדרוק פאַרבאָטן.

דרוקעריי „ווילנער פאַרלאַג" פון ב. א. קלעצקין,
ווילנע, קליין-סטעפן גאס 23

קאַפּיטל איינס.

היסטאָרישע פּערספּעקטיוון.

דאָס איז געוועזן אין יאָר 1572 אין די פאַראייניגטע פּראָווינצן פון נידערלאַנד.

די דאָזיגע פּראָווינצן האָבן געהערט דאַן צום שפּאַנישן קיניג. שפּאַניע איז אין יענע צייטן געווען די מעכטיגסטע מלוכה אין גאַנץ אייראָפּע. געקיניגט האָט דאָרטן דער שטאָלצער און בייזער קיניג פיליפּ דער II, וועלכער האָט געהאַט אַזאַ מין טיטל: „פון גאָטס חסד דער קיניג פון גאַנץ שפּאַניע אוןביידע סיציליעס, דער געוועלטיגער פון אַזיע, אַפריקע און אַמעריקע, דער זעלבסטהערשער פון האַלב וועלט, דער הערצאָג פון מילאַן און ביידע בורגונדיעס, דער קייזער־יורש פון די זיבעצן פאַראייניגטע פּראָווינצן (נידערלאַנדן)".

די פאַראייניגטע פּראָווינצן האָט פיליפּ דער II באַקומען בירושה פון זיין פאָטער קאַרל דעם V, און קאַרל האָט זיי געקריגן פון זיין מוטער יאָהאַנע, דער הערשערין פון די דאָזיגע מדינות. דאָס איז געווען איר נדן.

אָט אַזוי האָט דער בלינדער כוח פון דער געשיכטע, אָן אַ זין און אָן אַ ציל, פאַראייניגט גאַנץ צופעליג אין איין מלוכה אַזעלכע צוויי פאַרשיידענע לענדער, ווי די קליינע נידערלאַנדן און די ריזעדיגע שפּאַניע, פאַרבונדן אין איין קנופּ מדינות, וואָס אין עצם האָבן זיי זיך גאָרנישט געלאָזט פאַרבינדן.

די פּראָווינצן פון נידערלאַנדן האָבן געלעבט גאָר אַן אַנדער לעבן ווי שפּאַניע. די געדאַנקען און שטרעבונגען, די זיטן, מנהגים און אינסטיטוטן פון די נידערלענדער זיינען גאָר ניט געווען ענליך

אויף די, וואָס זײַנען פון קדמונים אָן געווען אײַנגעוואָרצלט בײַ דעם שפּאַנישן פאָלק.

די נידערלענדער זײַנען שוין פון לאַנג אָן געוויינט געווען צו לעבן מיט זייער אייגענעם שכל, האָבן ניט אינטערעסירט זיך מיט דעם אײַנזעהן און פאַרלאַנג פון זייערע הערשער, וואָס מיט זיי זײַנען זיי אַלע מאָל געווען קידער־ווידער. מיט כּלערליי מיטלען, צי מיט געווער אין די הענט, צי מיט אַ וועלכן עס איז אײַנפאַל, צי מיט געלט האָבן זיי געפּועלט בײַ זייערע הערשער גרויסע זכיות און פרייהייטן. זיי האָבן אליין געהאַט צו שאַפן איבער זיי־ערע אייגענע ענינים, אַליין געשריבן פאַר זיך געזעצן, אַליין זיך אויסגעקליבן ריכטער, ניט געלאָזט נעמען פון זיך קיין שום שטייער אָן דעם הסכּם פון דעם נידערלענדישן פאָלק; אַפילו אויף מלחמה פלעגן זיי גיין נאָר דאַן, ווען זיי אַליין האָבן עס געפונען פאַר נייטיג. מיט איין וואָרט, זיי האָבן געפאָלגט נאָר די געזעצן און תקנות, וואָס האָבן ניט אָנגערירט זייערע לאַנגיאָריגע רעכט.

גאָר עפּעס אנדערש איז געווען אין שפּאַניע. דאָרטן האָט געוועלטיגט אַ קיניג „מיט גאָטס באַווילליגונג און דעם הערשערס רצון". אַ געזעץ איז דאָרטן געווען יעדער פאַרלאַנג, יעדער קאַפּריז פון דעם קיניג. שטעלן זיך אים אַקעגן איז געווען אַלצאיינס, ווי שטעלן זיך אַקעגן גאָט אַליין. דאָס גאַנצע לאַנד האָט געציטערט און געפלאַטערט און געשוומט פאַר דער פינסטערער געשטאַלט פון פיליפּ, וואָס האָט קיינמאָל קיין שמייכל ניט געטאָן.

אין נידערלאַנדן האָבן זיך פון לאַנג אָן געהאַט אײַנגעפלאַנצט פאַרשיידענע פרייע שיטות און ס'האָבן געלעבט אַ סך מענטשן אַזעלכע, וואָס האָבן זייער אייגענער איבערצייגונג געגלויבט מער ווי די גלחים. אַקעגן־זשע אין שפּאַניע האָט יעדער ספק אין דער תורה פון די גלחים און דעם פּויפּסט זיך גערעכנט פאַר אַ מורא־דיגן חטא, פאַר אַ שרעקליכער אַפּיקורסות.

דער אומבאַגרעניצטער האַר איבער די נשמות פון אַלע גלויביגע קאַטוילן, דער רוימישער פּויפּסט, האָט אַ נאָמען געגעבן פיליפּן „דער אַלקריסטליכסטער קיניג פון דער גאַנצער וועלט". פיליפּ האָט געטאָן אַלצדינג, וואָס דער פּויפּסט האָט פון אים פאַר־

לאַנגט. דער פּויפּסט האָט דערפאַר געהאָלפן פיליפּן אין אַלע זיינע נויטן.

מאַכט און עשירות האָבן זיי ביידע געדאַרפט האָבן נייטיג ווי לעבן. אַכטונג געבנדיג אויף דעם לעבן פון דעם נידערלענדישן פאָלק, האָט פיליפּ און דער פּויפּסט זיך אַלע ווילע אָנגעשטויסן אויף די „פּרייפּע פרייהייטן און אויסטערלישע רעכט" פון די נידערלענדער, און די דאָזיגע פרייהייטן און רעכט זיינען געווען פאַר זיי די גרעסטע מניעה ביים דורכפירן זייערע פאַרלאַנגען און אינטערעסן. אַז דער קיניג האָט געדאַרפט האָבן געלט און ער פלעגט ווילן אַרויפלייגן אויף דער אָדער יענער שטאָט אַ שטייער, פלעגן די בירגער אים אָנווייזן אויף זייער „כאַרטיע"*) פון פרייהייט" און זעלטן ווען זיי פלעגן אים געבן זייער הסכמה אויף דעם שטייער. האָט דער קיניג געפּרובט מבטל זיין די כאַרטיע גופא, פלעגן די בירגער אים דערמאָנען זיין שבועה אָדער די שבועה פון זיין טאַטן, וואָס זיי האָבן געשוואָרן הייליג צו האַלטן און אָפּצוהיטן אַלע זכיות און פרייהייטן פון דעם נידערלענדישן פאָלק. און ווען אין דעם ענין פלעגט זיך לסוף אַריינמישן דער פּויפּסט אַליין און מחמת גוטפריינדשאַפט צום קיניג פלעגט ער אים מתיר שבועה זיין, פלעגן די בירגער גאַנץ אָפט זיך נעמען צום געווער און מיט געווער אין די הענט זיך איינגעשטעלט פאַר זייערע רעכט, זיך אַריינגעלאָזן אין חקירות און טענות וועגן דעם, וואָס דער פּויפּסט מעג יאָ און וואָס ער טאָר ניט, און פלעגן זיך שטאָל און אייזן האַלטן פאַר זייער האָב און גוטס, וואָס זיי האָבן געשאַפן מיט זייער אַרבעט, מיט זייער ענערגיע און מיט זייער קענשאַפט.

אַזעלכע חקירות וועגן דער מאַכט און די רעכט פון דעם פּויפּסט האָבן זיך אין יענע צייטן גערעכנט פאַר אַ גרויס אַפּיקורסות. די הייליגע רוימישע קירך האָט אָן רחמנות גערודפט די אַפּיקורסים, און דער אַלקריסטליכסטער קיניג פיליפּ, אַזוי ווי זיין

---

*) כאַרטיע האָט פאַרצייטנס געהייסן אַזאַ כתב, וואָס פלעגט באַשטעטיגן די פּאָליטישע רעכט פון אַ וועלכן עס איז פאָלק אָדער לאַנד.

פּאָטער קאַרל, עליו השלום, און זיין קרוב פּערדינאַנד*), האָבן איר אין דעם פלייסיג געהאָלפן.

די אונטערשטע שורה איז געווען — אַז אַלע האָבן סוף־כל־סוף איינגעזעהן, אַז כדי צו באַקומען פון די רייכע פּאַראייניגטע פּראָווינצן וואָס מער הכנסה, מוז פיליפּ — עס מעג אים קאָסטן, וואָס עס וויל — צוברעכן און אַ תל מאַכן פון זייערע רעכט און פּרייהייטן, אָפּגעוויינען זיי צו לעבן מיט זייער אייגענעם שכל, אָפּגעוויינען זיי צו טראַכטן און גלויבן לויט זייער אייגענער איבערצייגונג. אָבער כדי דאָס אַלץ דורכצופירן, איז נאָך ווייניג אַיינצונעמען דאָס נידערלענדישע פאָלק; מ׳מוז אים אינגאַנצן איבערמאַכן, אַז ס׳זאָל קיין זכר ניט בלייבן פון די רעכט און פּרייהייטן, פון די זיטן און מנהגים, וואָס האָבן זיך שוין פון לאַנג אָן איינגעזאַפּט אין זיין בלוט און פלייש.

דאָס איז געווען אַ גרויס און זעער האַרב לייענען. דער רוימישער פּויפּסט און פיליפּ האָבן פאַרשטאַנען, אַז איבעררייידן ועט דאָ קנאַפּ־וואָס העלפן: מ׳קאָן איבעררייידן אַ יחיד, אָבער ניט אַ גאַנץ פאָלק. אויף די נידערלענדער דאַרף מען ווירקן מיט תקיפות, מיט האַרטן, בלינדן, בייזן כוח. מ׳דאַרף אַנוואַרפן אויף זיי אַ פּחד, אָנלערנען זיי אַזוי, אַז די אַפּיקורסים זאָלן זיך אומקערן אויפן דרך־הישר און די קמצנים זאָלן עפענען די בייטלאַך פאַר דעם קיניג און דעם פּויפּסט.

די פּאַראייניגטע פּראָווינצן זיינען דאָך אַ קליין פּיצל ערד לגבי דער ריזעדיגער שפּאַניע. שפּאַניע האָט אַ גאַנצע אַרמיי געניטע סאָלדאַטן, איינער אין איינעם, ממש גבורים; בײַ די נידערלאַנדן אָבער איז קיין סאָלדאַטן כמעט אויף אַ רפואה ניטאָ; אַלע זיינען דאָרטן שטאָט־בירגער אָדער פּויערים־ערד־אַרבעטער. אמת, פאַראַן אין נידערלאַנד פּריצים אויך, אָבער ניט קיין סך, און אַנב האַלטן זיי שוין פון לאַנג אָן מיט דעם שפּאַנישן קיניג, ניט מיט די

*) פּערדינאַנד איז דאָס דער קיניג, וועלכער האָט ארויסגעגעבן אונטער דער ווירקונג פון זיין ווייב איזאַבעלאַ און די קאַטוילישע גלחים די גזירה, ארויסצוטרייבן אַלע יידן פון שפּאַניע (1492 יאָר).

פויערים און בירגער. קיין סך בעלנים צו שטעלן זיך קעגן פיליפן וועלן זיך מסתמא צווישן זיי ניט געפינען. כוח און מורא — דאָס איז דער ריכטיגסטער און זיכערסטער וועג.

און דער שפּאַנישער קיניג מיטן רוימישן פּויפּסט האָבן זיך געמאַכט האַרץ און אַרויס אויף מלחמה „מיט דעם טייוול, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם דאָזיגן פאָלק פון מורדים און כופרים“.

אויף די פאַראייניגטע פּראָווינצן זיינען אָנגעשיקט געוואָרן צוויי שרעקליכע און גרויזאַמע חילות: דאָס הייליגע חיל פון קריסטוסעס דינער, די גלחים — אינקוויזיטאָרן, און דאָס חיל פון די געקליבענע שפּאַנישע וועטעראַנען, ספּעציעל אויסגעדרעס׳רטע אויף גזלות און רציחות. טויזנטער פון די העלדישסטע חיילס-לייט אין דער וועלט, צונויפגעזאַמלטע אין סאַרדיניע, סיציליע, נעאַפּאָל, קאַסטיליע און פון אַ סך דייטשע קאַנטן, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף נידערלאַנדן אונטער דער קאָמאַנדע פון הערצאָג אַלבאַ. טויזנטער מאָנאַכן האָבן גענומען אויף זיך די מצוה „אַרויסצוטרייבן די טומאה פון די געדאַנקען, געפילן, פאַרלאַנגען און כוונות, וואָס באַ די כופרים און אַפּיקורסים“. עס האָט זיך געוויזן דער גרויזאַמער „בלוטיגער ראַט“ — אַ שרעקליך געצייג אין אַלבאַס שרעקליכע און שטאַרקע הענט. עס האָט זיך געוויזן די הייליגע אינקוויזיציע — דאָס אַכזריותדיגע געווער פון די גלחים. דער „בלוטיגער ראַט“ האָט געדאַרפט רודפן די מורדים, די הייליגע אינקוויזיציע — די אַפּיקורסים. דער בלוטיגער ראַט האָט גענומען אויף זיך אויסצוזוכן און צו באַשטראָפן יעטווידער בגידה, ניט נתפּעל צו ווערן דערביי פון דעם געשריבענעם געזעץ. ער האָט מיט איין קלאַפּ בטל געמאַכט אַלע געזעצן און געריכטן און האָט איינגעפירט צו פּסקענען אַלע וויכטיגע ענינים אויף אַ „פאַראיינפאַכטן שטייגער“. אין אַ קורצער צייט האָט הערצאָג אַלבאַ מיט דער הילף פון דעם „פאַראיינפאַכטן בית-דין“ באַוויזן צו טויטן אַכצן טויזנט זעקס הונדערט מורדים און אַפּיקורסים. פּונקט מיט אַזאַ אימפּעט האָט געאַרבעט די הייליגע אינקוויזיציע. אָבער באַ די אינקוויזיטאָרן אויף דער צונג האָבן תמיד געקלונגען גאָטספאָרכטיגע ווערטער, מיט

װעלכע זײ פלעגן פאַרדעקן זײערע צילן און זײערע מעשים, אַרײַנגעלײגט, װי מ'זאָגט, די יראה אין דער טומאה. די אינקװיזיציע האָט געמאָלדן װעגן זיך גופא, אַז זי „אַרבעט מיט חסד און גוטסקײט", פלײסט זיך מיט כל המיטלען צו ראַטעװען די פאַרבלאָנדזיעטע שעפעלאַך, נעבאַך, ניט פאַרגיסנדיג קײן בלוט". און באמת טאַקע פלעגט די אינקװיזיציע אַלע אירע קרבנות פאַרברענען, אַזױ אַז קײן בלוט האָט זיך ניט געגאָסן.

און די זינד פון די נידערלענדער זײנען געװען אין לשער, זײ האָבן זיך אָפגעקערט פון דער אײנציג ריכטיגער אמונה אויף דער װעלט, פון דער קאַטױלישער, פון דער אמונה פון זײערע עלטערן, זײ האָבן די העזה צו טראַכטן און צו רײדן װעגן אַזעלכע זאַכן, װאָס נאָר פױפסטן, קאַרדינאַלן, בישאָפן און גלחים מעגן װעגן דעם טראַכטן און רײדן. הײנט לאַדי װאָס זײ טראַכטן און רײדן, האָבן זײ נאָך זײערע אײגענע מײנונגען און פרעגן קשיות, און זוכן אױס חסרונות און זאָגן אַרױס ספקות. אָט די דאָזיגע פרײהײט פון געדאַנק האָט די הײליגע אינקװיזיציע געדאַרפט צעברעכן. און דער קיניג האָט אין אַ באַזונדערן דעקרעט געגעבן די אינקװיזיטאָרן רשות צו אַרעסטירן אַלע חשודיגע פערזאָנען, באַשטראָפן זײ, מסרן און אַרױסגעבן זײ די װעלטליכע ריכטער, אַרײַנזעצן זײ אין תפיסה, אַפילו אָן אַ שום פאַפיר, נאָר מעלדנדיג װעגן דעם אײן באַאַמטן, װעלכער איז מחױב געװען אַרױסצוגעבן אַ פסק-דין לױט דעם פאַרלאַנג פון דעם אינקװיזיטאָר. אַזױ אַרום האָט די אינקװיזיציע געהאַט אי דאָס רעכט אי די מיגליכקײט צו לאָדן צום משפט װעמען זי האָט נאָר אַלײן געװאָלט, זי האָט געמעגט פײַניגן זײ, מאַטערן, אָנטאָן געברענטע לײד, משפטן און פאַרמשפטן לױט איר אײגענעם װאױלגעפעלן.

דער בלוטיגער ראַט און די הײליגע אינקװיזיציע האָבן זיך געפונען גוטע משרתים, ענערגישע און פיפיגע לײט, װעלכע האָבן געװאוסט און פאַרשטאַנען, װי אַזױ צו אַרבעטן פאַר גאָטס װעגן, אָבער ניט פאַרגעסן אױך די אײגענע טובה דערבײַ. זײ האָט געקומט אַ געװיסער מעשר פון דעם פאַרמעגן פון די געכאַפטע אַפיקורסים און מורדים. אַ באַזונדער שכר האָט געקומט די, װאָס

האָבן זיי געמסרט אָדער אויסגעשאַטעוועט. דעם קיניגס דעקרעטן און דעם פויפסטס ענציקליקעס האָבן זיך געווענדט צו דעם עולם, מ'זאָל מסרן און נאָכשפּירן, „וואָרים דאָס איז ניט קיין פּריוואַטער ענין, נאָר אַ גרויסע מצוה".

דער בלוטיגער ראַט און די הייליגע אינקוויזיציע האָבן זיך ענערגיש גענומען צו דער אַרבעט. די תּפיסות און די קאַמערן פאַר די ענויים זיינען איבערפולט געוואָרן אין עטליכע טעג. אויף די ריכטער, די גלחים, און אויף די באַאַמטע, און אויף די תּליינים, און אויף אַלע געטרייע משרתים האָט מיט אַמאָל אָנגעשפּאַרט אַזויפיל „העכסט וויכטיגע געטליכע און מלוכהשאַפטליכע ענינים", אַז זיי האָבן ניט געוואוסט, ווי אַזוי פאַרטיג צו ווערן מיט זיי. מ'האָט פאַרגרעסערט דעם פּערסאָנאַל, אַריינגעטראָגן נייע אַסיגני־רונגען אין בּיודזשעט, פאַרמערט די שטייערן פון די שטעט און דערפער, כּדי צו דערפילן דעם מחק אין די בּיודזשעטן אויף אויס־צוהאַלטן די געטרייע דינער.

דער בלוטיגער ראַט האָט, ווי געזאָגט, געטויט העכער 18,600 מענטשן. די אינקוויזיציע האָט פאַרבּרענט און אומגעבּראַכט אויף אַן אַנדער אופן נאָך אַ סך מער. הונדערטער מענטשן האָט מען פאַרבּרענט און פאַרפייניגט דערפאַר, וואָס זיי האָבן געהאַט בּיי זיך בּיכער, וואָס זיינען אַריין אין דעם צעטל פון די געפּסלטע ספרים. מ'פלעגט פאַרבּרענען פאַר אַ אומפאָרזיכטיג וואָרט, פאַר אַ חצופּי־שער פראַזע, דערפאַר, וואָס מ'האָט עפּעס אַזוי ווי געספּקט אין אַזעלכע זאַכן, וואָס מ'טאָר וועגן זיי קיין ספקות ניט האָבן. מ'האָט געטויט דער־פאַר, וואָס מ'האָט געזונגען אָדער געהערט זינגען פאַרבּאָטענע לידער; דערפאַר וואָס מ'איז געגאַנגען, מעג זיין אַפילו מיט עטלי־כע יאָר צוריק — אויף אַ קאַלוויניסטישער לוויה, וואָס ס'איז געווען פאַרווערט צו מאַכן. חייב מיתה איז געווען יעטווידערער, וואָס האָט אַרויסגעזאָגט געפערליכע מיינונגען וועגן דער מאַכט, אָדער דער וואָס האָט געהאַט די חוצפּה צו לייקענען אין דער גוטסקייט פון פיליפּן, וואָס „גאָט האָט אים געזאַלבּט פאַר אַ קיניג איבער די מענטשן", דער לעצטער פאַרבּרעך איז נאָך געווען הארבער פאַר אַלע אַנדערע. דאָס האָט בּאַטייט, אַז מ'גלויבּט ניט דעם קיניג,

וועלכער פלעגט זעער אפט זאגן וועגן זיך, אז ער איז א גוטער. „פון אלעמאל אן, זינט איך האב אנגעהויבן צו קיניגן, — האט פיליפ געשריבן וועגן זיך — גיי איך מיט דעם וועג פון גרויס־מוטיגקייט, אזוי איז שוין מיין טבע פון געבוירן אן, ווי דאס ווייס די גאנצע וועלט". און וועל־כולם זיינען שולדיג געווען די אלע, וועלכע האבן מחמת זייער שוואכן כאראקטער ניט געטאן דער רעגירונג אזויפיל טובות, „וויפיל אנטשלאסענע מענטשן וואלטן געקאנט טאן". הכלל, שולדיג זיינען געווען אלע, ווארים אין יעדן איינעם האט געשטעקט עפעס אזוינס, וואס האט געהאט א שייכות צו אפיקורסות אדער צו דער רעוואלוציאנערער באוועגונג.

דער הייליגער טריבונאל, וואס האט זיך געשטעלט פנים־אל־פנים אנטקעגן דעם פאלק פון מורדים און אפיקורסים, האט דעם 16־טן פעברואר פון 1568־טן יאר פארמשפט צום טויט זיי אלעמען, ד. ה. דאס גאנצע נידערלענדישע פאלק, אחוץ עטליכע פערזאנען, וואס זיינען אנגערופן געווארן מיט די נעמען.

„בעסער חרוב מאכן דורך מלחמה א גאנץ קיניגרייך, פאר־היטנדיג אים פאר גאט און פארן קיניג, איידער איבערלאזן אים גאנצערהייט אן מלחמה פאר דעם טייוול און זיינע אנהענגער" האט הערצאג אלבא געשריבן צו זיין קיניג.

און רודפנדיג די מענטשן פאר זייער גלויבן און פאר דער צוגעבונדנקייט זייערער צו די אלטע רעכט און פרייהייטן, האט הערצאג אלבא אויך אנגעלייגט אלע כוחות, אז די קיניגליכע שאצ קאמער זאל ניט זיין ליידיג. דער גאנצער פארמעגן פון די געטויטע מורדים און אפיקורסים פלעגט גיין פארן קיניג. אחוצדעם פלעגט מען פון טויט און פון לעבעדיג רייסן שטייערן און אפצאלן, קנס־געלט און קאנטריבוציעס לכבוד גרויסע פאראדן, אדער עקסטרע ענינים, און א געווויסן מעשר פון פארמעגן בכלל און פון יעדער קניה אדער מכירה. הערצאג אלבא האט מיט כל המיטלען געאר־בעט צונויפצוקלייבן אזוי צי אנדערש ניט ווייניגער ווי א האלבן מיליאן גאלדענע רענדלאך א יאר.

יא, הערצאג אלבא, א געטרייער דינער פון זיין קיניג, האט געפילט אין זיינע הענט א גרויסן כוח. צי דען וועט דער דאזיגער

כּוח ניט איבּערמאַכן ווי ער וויל אי דעם גוף אי די נשמה אי דאָס גאַנצע לעבּן פון די האַרטנעקיגע אַפּיקורסים און מורדים?

אַלץ שווערער און שווערער האָט געקרעכצט די נידערלאַנדישע מדינה. אומעטום האָבּן אַרומגעשנאַפּט „געטרייע משרתים”, וועלכע האָבּן אונטערגעהערט און געמסרט אויף די אַפּיקורסים און מורדים. אַלע טאָג פלעגן די קאַמערן פאַר די ענויים אַיינשלינגען אַלץ נייע און נייע מאַסן מענטשן. אַלע טאָג האָבּן פון די טורמעס און קעלער־תּפיסות איבּער אַלע שטעט און שטעטלאַך זיך געטראָגן די אימהדיגע קרעכצן און אַ קריצן מיט די ציין אונטער די אומ־בּרחמנותדיגע הענט פון די תּלינים. אַלע טאָג האָבּן זיך פון די טורמעס געצויגן פינסטערע פּראָצעסיעס צו די תּליות, עשאַפאָטן און שייטערס. מ'האָט געהאַנגען, געבּרענט, פאַרגראָבּן לעבּעדיגער־הייט אין דער ערד ווייבּער און קינדער, זקנים און יונגע לייט. „דאָס גאַנצע לאַנד — דערציילט אַ היסטאָריקער פון יענער צייט — איז געוואָרן אַ שעכטפּלאַץ. די גלעקער האָבּן אָן אויפהער גע־קלונגען צו די לוויות אין די דערפער, שטעט און שטעטלאַך. דער עשאַפאָט אָדער דער שייטער האָט נ'ט אויסגעמיידט קיין איין הויז־געזינד. ווער עס איז געבּליבּן לעבּן, האָט אָן אַ ציל זיך געבּלאָנ־קעט אַרום די חורבּות פון זיין געוועזענעם ווינקעלע. די, וואָס האָבּן זיך כאַטש מיט וואָס עס איז אויסגענומען פון דעם המון־עם, און וואָס בּאַ זיי פלעגן אַנדערע מענטשן געווינט זיין צו זוכן אַן עצה אָדער שטיצע, זיינען אומגעקומען די ערשטע. הכנעה האָט אויפגע־הערט צו זיין אַ סגולה, אַנטלויפן איז כּמעט געווען ניט מיגליך און דער גייסט פון נקמה איז עפּעס אַזוי ווי אינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן. אַפילו די סלופּעס און קאָלאָנעס איבּער אַלע גאַסן, די בּיישטידלען בּאַ די טירן פון די פּריוואַטע הייזער, די פאַרקאַנעס אויף די פעלדער האָבּן זיך געבּויגן אונטער דער משא פון די געהאַנגענע, פאַרבּרענטע, געקעפּטע מענטשן. אין די דאָרפישע סעדער זיינען אויף אַ סך בּיימער געהאַנגען עקלדיגע פּרוכט — טויטע קערפּערס פון מענטשן. די האַנדלסשטעט זיינען אַנטשטומט געוואָרן. דאָס לעבּן האָט זיך אָפּגעשטעלט. קיין איין טויט איז ניט אַריבּער אָן ענויים קשים. געווען אומגליקליכע, וואָס מ'פלעגט ניט

אַרויסלאָזן פון טורמע און פייניגן זיי אין משך פון פופצן יאָרן, און דערנאָך ערשט האָט מען זיי געפירט אויף דער תליה. מ'פלעגט טויטן מענטשן, איידער מ'האָט נאָך געהאַט באַטראַכט זייער פּראָצעס אויפן געריכט. די אינקוויזיטאָרן האָבן זיך אָפן באַרימט, אַז זיי טויטן און פייניגן דווקא די בעסטע מענטשן, וועלכע זיינען שולדיג נאָר אין אַפּיקורסות און רעוואָלוציע. „איך כאַפּ נאָר די אומשולדיגע און שטילטשקע — האָט זיך, למשל, באַרימט דער שרעקליבער אינקוויזיטאָר טיטלמאַן — איך נעם נאָר די, וואָס שטעלן זיך ניט אַקעגן און גיבן מיר זיך אין די הענט אַזוי ווי שעפּסלאַך”: ער פלעגט פאָרן רייטנדיג אויף אַ פערד איבער די שטעט און דערפער, און אַלעמען, וואָס ער פלעגט באַגעגענען און זיי חושד זיין אין כפירה, פלעגט ער הרגענען אויפן אָרט, דערלאַנגענדיג זיי מיטן שטעקן איבערן קאָפּ.

* *
*

אַן אימה איז געפאַלן איבער דער נידערלענדישער מדינה. אָדער מ'איז געווען געפּלעפּט און דערשלאָגן פון די שרעקליכע זאַכן, וואָס האָבן זיך אָפּגעטאָן אַרום, אָדער מ'האָט זיך צונויפגעדרייט אינדרייען, זיך איינגעהויקערט, וואַרטנדיג מיט אַ טיף באַהאַלטענעם בייזן געפיל און פאָרט ניט פאַרלירנדיג דעם גלויבן אין בעסערע צייטן, אָדער מ'איז אומגעקומען, רופנדיג צו גאָט און צו זיין גערעכטיגקייט, אָדער מ'האָט געליטן און מתפלל געווען, זיך געהאַלטן אָן קריסטוסעס געבאָט: „ניט שטעל זיך אַקעגן שלעכטס”. אָדער מ'פלעגט צונויפנעמען דאָס ביסל גוטס און מיט די גרעסטע סכנות און מניעות זיך אַוועקלאָזן אין אַ פרעמד לאַנד — קיין ענגלאַנד אָדער מעבר לים, קיין אַמעריקע. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן נאָך געגלויבט, אַז דער אמת איז נאָך ניט אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד, אַז מ'דאַרף נאָר אָנקלאַפּן, וועלן זיך עפענען די טויערן פון רחמים, אַז דער קיניג ווייס פון גאָר נישט, און מ'קאָן אים איבעררייִדן, איינבעטן, דערוועקן זיין רחמנות. עטליכע חשובע נידערלענדער האָבן באַשלאָסן צו קלאָגן זיך פאַר דעם קיניג אויף טיטלמאַנען דעם אינקוויזיטאָר און געבעטן צונעמען אים. דער קיניג האָט איינגעפונען, אַז דאָס איז זעער ניט קיין איידעלע בקשה.

אַנדערע בקשות, וואָס מ׳האָט דערלאַנגט קעגן אַלבען און דעם קיניגס געטרייע משרתים, זיינען געווען נאָך אַ סך ווייניגער איידל, ממש הוצפּהדיג.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז די פּחדים האָבן שוין דערגרייכט די העכסטע מדרגה, אַז קיין ערגערס קאָן שוין ניט זיין. אָבער ס׳איז אַריבער אַ טאָג, נאָך אַ טאָג — און האָט געבראַכט עפּעס אַ נייע גזירה, נאָך אַ שרעקליכערע. און פּלוצלונג האָבן אַלע דערפילט, אַז ווייטער קאָן מען שוין ניט אָפּטרעטן, אַז מערער קאָן מען שוין ניט פאַרטראָגן, ניטאָ פון וואַנען צו ריכטן זיך אויף הילף און אויסלייזונג, מ׳מוז אַליין אָנהייבן צו טאָן...

און אַלעמענס בליקן האָבן זיך אַ קער געטאָן צו דעם גרויסן מאַן, וועלכער האָט זיך שוין אַ צייט מיט יאָרן אַרויסגעוויזן פאַר אַ קלוגן, פעסטן, אויפריכטיגן, ענערגישן באַשיצער פון פאָלק... אויפן פינסטערן פאָן פון דעם פאָלקס ליידן האָט וואָס אַמאָל בולטער אַרויסגעשיינט די דערהויבענע געשטאַלט פון ווילהעלם פון אָראַניע, דעם קיניגליכן שטאַטהאַלטער איבער האָלאַנד, זעלאַנד און אוטרעכט. ווילהעלם האָט אַלעמאָל אָפּגעהיט די פרייהייטן פון פאָלק, וואָס זיינען נאָך פאַרצייטנס באַקרעפטיגט געוואָרן דורך כאַרטיעס. ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר דעם רעכט פון דעם נידערלענדישן פאָלק צו גלויבן לויט זיין געוויסן; ער האָט, ווי ווייט ער האָט נאָר געקאָנט, זיך געשטעלט אַנטקעגן די אוממיגליכע שטייערן און גזלות פון די קיניגליכע דינער. און ענדליך איז ער שוין עטליכע מאָל צוזאַמען מיט זיינע ברידער אַרויסגעטראָטן מיט געווער אין די הענט קעגן אַלבאַ און זיינע שותפים — אַ היבשע צאָל נידערלענדישע פּריצים.

די מאַיעסטעטישע פיגור ווילהעלמס איז פון יאָר צו יאָר אויסגעוואַקסן אַלץ העכער. אַרום אים האָבן זיך וואָס ווייטער אַלץ מער גרופּירט די אַלע, וועלכע זיינען געקומען צום באַשלוס, אַז ניט די אַלאונטערטעניגסטע בקשות, ניט די דערנידעריגנדיגע הכנעה, ניט די חניפישע קריכעריי וועלן אויסלייזן דאָס לאַנד פון פיליפּן און זיינע געטרייע משרתים; די איינציגע תרופה איז — נעמען זיך צום געווער. וואָרים „וועלף וועלן ערשט דאַן אויפהערן

צו עסן פלייש, ווען זיי ווען עס שוין מער ניט האָבן אונטער דער האַנט".

פון מויל צו מויל איז געגאַנגען אַ מעשה מיט אַ געדולדיגן פוקס, וואָס איז ערגעץ־אַמאָל, ערגעץ־וואו געלאָפן איבערן פרייען פעלד און האָט פּלוצלונג דערזעהן, אַז אים אַנטקעגן גייט אַ גאַנצע מחנה פויערים. ווי דרייט מען זיך אַרויס פון אַזאַ מין צרה? ווי אַזוי ווערט מען ניצול פון אַזאַ סכנה? דער פוקס האָט געגעבן אַ פאַל אויף דער ערד און זיך פאַרשטעלט פאַר געפּגרט. „געדולד, געדולד! איך וועל אַריבערקומען עטליכע שטויסן און בוכענצעס, דערפאַר אָבער וועל איך ראַטעווען די פעל". איז איינער פאַרביי־געגאַנגען און אים געגעבן אַ שטופּ מיטן פוס. „געדולד! געדולד!". אַ צווייטער איז פאַרבייגעגאַנגען און אים אַ שליידער געטאָן נאָך ווייטער. אַ דריטער איז פאַרבייגעגאַנגען און וועלנדיג אויספּרובן, צי ער לעבט אָדער ער איז געפּגרט, האָט ער אים אַ האַק געטאָן מיטן שטעקן. „געדולד! געדולד!" אַ פערטער איז פאַרבייגעגאַנגען און דערזעהן עפּעס אַ געפּגרטן פוקס, איז ער געוואָרן אַ בעלן אויף זיין עק — האָט ער גענומען אַ האַק און אָפּגעהאַקט דעם עק. „געדולד! געדולד! בעסער פאַרלירן דעם עק איידער די פעל!" לסוף איז ביי דעם פינפטן געבליבן, אַז די פוקסענע פעל איז אויך אַ שאָד און האָט זי פון אים אַראָפּגעריסן לעבעדיגערהייט. דער פוקס האָט זיך אַפילו געפּרובט דאָ אַנטלויפן, זיך ביימן, אָבער אוי וויי! — ער האָט שוין גאָרנישט געקענט...

אין פאַרשיידענע ערטער, אין שטאָט און דאָרף, האָט זיך פּלוצלונג געוויזן אַ גאַנצער מבול פלאַמענדיגע אויפרופן, געדרוקטע און געשריבענע, ווער ווייס פון וועמען און וואו, אַ מאַסע פּאַמ־פלעטן און בראָשורן, וואָס האָבן גערופן צום קאַמף און האָבן פּראָקלאַמירט, אַז צו דער געדולד איז געקומען אַ סוף. און אַלע פריערדיגע עוולות זיינען פּלוצלונג אויסגעקומען אַזוי אומגערעכט און שרעקליך, ווי נאָך קיינמאָל ניט. די איינציגע פונקען פון גרימ־צאָרן און מרידות, וואָס האָבן זיך שוין פון אַ צייט אָנגעכאַפּט אין לאַנד, זיינען געוואָרן אַלץ מער און מער. פון די צושפּליטערטע מהומות איז געוואָרן אַן אַלגעמיינע מרידה. די מרידה איז אַריבער

אין אַ רעוואָלוציע, ווייל ס׳איז געבליבן נאָר איין סגולה — נעמען זיך צום געווער און אַרויס אין קאַמף, אין בלוטיגן קאַמף אויף לעבן און טויט. אַלע, אַפילו די פינסטערסטע מאַסע, די סאַמע דערשלאָגענע האָבן פּלוצלונג דערפילט, אַז מ׳לאָזט זיי ניט לעבן, אַז מ׳האָט ביי זיי אָפּגענומען און מ׳האַלט אין איין אָפּנעמען דאָס אַלץ, וואָס דערויף איז געבויט און נאָר דערויף קאָן זיין געבויט דאָס גליק פון זייער לעבן. אַלע האָבן דערפילט. און אַ סך האָבן אויך באַנומען מיטן שכל, אַז דאָס גליק פון זייער לעבן מוז זיין געבויט אויף אַזעלכע יסודות, וועלכע זיינען גראָד דער היפּוך צו די פאַרלאַנגען און פּרינציפּן פון דעם קיניג.

דאָס פאָלק האָט דערפילט, אַז עס האָט זיך זיינע אייגענע פּרינציפּן.

און אין דערזועלביגער צייט האָט אַלבאַ געשריבן צו זיין קיניג: „דאָס פאָלק איז פולקום צופרידן, אַחוץ נאָר די דעמאַגאָגן, וועלכע ווילן ניט ליידן פון דער מינדסטער נגישה“.

און אין דערזועלביגער צייט האָט דער שרעקליכער הערצאָג, „דעם קיניגס איבערגעגעבנסטער שליח“, זיך אויפגעשטעלט אין ברוסל אַ גרויסאַרטיגן מאָנומענט, אַ סטאַטוע „פאַרן איינשטילן די מרידה, פאַרן באַשטראָפן דעם אויפשטאַנד, פאַרן אויפריכטן די אמונה, פאַרן באַפעסטיגן דעם דין און משפט און פאַרן ברענגען שלום אין לאַנד“.

* * *

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פון אַ פּרינציפּ קעגן אַ פּרינציפּ, דער קאַמף פון פאָלק קעגן קיניג, פון דודן מיט גליתן, אַ קאַמף אויף לעבן און טויט, אַ שרעקליכער, אַ בלוטיגער קאַמף, וואָס איז פול געווען מיט אַזאַ מאַסנהאַפטיגן העראָאיזם, אַז זעלטן וועלכעס לאַנד און זעלטן וועלכע צייט האָט געזעהן עטוואָס אַזוינס. עס האָבן געקעמפט די אַלע, וואָס האָבן זיך מייאש געווען צו ראַטעווען דאָס לעבן. עס זיינען אומגעקומען די, וואָס האָבן נאָך געוואַרט אויף אַ חסד. אַ סך האָבן שוין פאַרשטאַנען, אַז מנצח זיין וועלן די, וואָס האָבן באַשלאָסן צו שטאַרבן אין שלאַכט, אין דעם

קאַמף פון דעם פאָלק פאַר זײַן פרייהייט, אַ באַוואוסטזיניגן און אַנטשלאָסענעם קאַמף — און עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ מעכטיגע מאַסנהאַפטיגע באַוועגונג. דאָס פאָלק איז דורכגענומען געוואָרן מיט אַ מעכטיגער שטימונג פון קאַמף, אַ שטימונג, וואָס איז, אַזוי ווי אומעטום און אַזוי ווי אַלעמאָל, אויך איצט געוואָרן — די אָנפירערין און דורכפירערין פון דער זאַך.

אַלע האָבן פלוצלונג פאַרשטאַנען, אַז נעמענדיג זיך צום געווער, האָבן זיי געטאָן פונקט דאָס, וואָס מ׳דאַרף, וואָס אָן דעם קאָן ניט געמאָלט זײַן. זאָל דאָס בלוט פליִצן טײַכנווײַז; זאָלן די נצחונות זיך בײַטן מיט מפּלות — אַנדערש קאָן עס ניט זײַן...

דעם קאַמף האָבן געפירט ניט קיין גלײַכע קרעפטן. פון איין זײַט איז געשטאַנען דער געוועלטיגער פון דעם גרעסטן און פון דעם מעכטיגסטן לאַנד אין אייראָפּע, פון דער אַנדער זײַט — דאָס נידערלענדישע פאָלק, די באַפעלקערונג פון אַ קליין שטיקל ערד, האַלב געשאַפן דורך די כוואַליעס פון דעם גרויזאַמען אָקעאַן אַ באַפעלקערונג, וואָס לעבט אין איביגן שרעק אומצוקומען אין די דאָזיגע כוואַליעס; פרידליכע בירגער, סוחרים, האָרעפּאַשנע ערדאַרבעטער, וועלכע זײַנען ווילנדיג-ניטווילנדיג געוואָרן העלדן—סאָלדאַטן. זיך באַוואָפנט קוים מיט צרות מיט דרעשערס, מיט שלעכטע אַרקעבוזן, האָבן זיי העלדיש זיך געווערט קעגן געניטע סאָלדאַטן-וועטעראַנען, וועלכע האָבן זיך געעלטערט אין די שלאַכטן און נצחונות פון דער בעסטער און שטאַרקסטער אַרמײַ אין דער וועלט...

די קרעפטן זײַנען געווען ניט קיין גלײַכע, און דאָך איז דער געראַנגל געגאַנגען אַ יאָר נאָך אַ יאָר און דער נצחון איז אַריבער פון איין צד צו דעם אַנדערן. דאָס איז אין עצם ניט געווען קיין מלחמה, נאָר אַ שחיטה: אַ דרעסירטע באַנדע סאָלדאַטן האָבן אויסגעשאָכטן דאָס פאָלק. בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. און דער קאַמף האָט זיך געצויגן אָן אַן אויפהער, און „פון גאָטס חסד" דער גוטהאַרציגסטער און קריסטליכסטער קיניג פיליפּ האָט גאָר ניט געזעהן קיין סוף צו אים. אמת, עס האָבן אים ניט געפעלט קיין געטרײַע דינער — שפּאַניער, וואָס זײַנען געוויינט געווען צו טאָן, וואָס מ׳הייסט זיי, אָן שום טענות ומענות; ער האָט געהאַט

מאַרגאַרעטע פון פאַרמע, גראַנוועלען, אַלבען, וויליוסן, וואַרנאַסן; ער האָט געהאַט געטרייע געדונגענע דייטשן, וועלכע זיינען געוויינט געווען „ערליך צו פאַרקויפן זייערע באַוואָפנטע הענט און היציגע קעפ". אמת, די נידערלענדער האָבן געהאַט ווייניג אַזעלכע העלפער; דער העלדישער נידערלענדישער אַדל איז כסדר אַריבער אויף דעם קיניגס צד, געשלאָגן מיט אים בלאַט קעגן דעם אייגענעם פאָלק; מאַנכע פריצים האָבן זיך דערוויזן פאַר אמתע שינדער פון די פאָלקסמאַסן, האַלשנדיג אַזוי ווי פריער, אַז אַ גוט לעבן און עשירות און כבוד קאָנען די פריצים באַקומען בלויז פון קיניג און דורכן קיניג...

אָבער דאָס נידערלענדישע פאָלק האָט געהאַט זיינע ווייבער, זיינע קינדער, זיינע היימען, זיינע פעלדער, זיין שטייגער לעבן, זיין געוויסן און גלויבן, און ועל-כולם — זיין נאַציאָנאַלן העלד, דעם פרינץ ווילהעלם פון אָראַניע, וואָס האָט אָפּגעגעבן זיך און זיין לעבן דער גרויסער זאַך פון דער פאָלקספרייהייט.

די נידערלענדער זיינען שיר ניט אומגעקומען אין דעם קאַמף, וואָס איז געווען ניט פאַר זייערע כוחות. דאָס חייל, וואָס ווילהעלם מיט זיינע ברידער האָט קוים מיט צרות און מיט די גרעסטע אָנשטרענגונגען צונויפגעזאַמלט, איז צעקלאַפּט געוואָרן. זיין ברודער אַדאָלף איז געפאַלן אין קאַמף. דאָס חייל פון דעם העלדישן און געניטן לודוויג פון נאַסוי איז אינגאַנצן פאַרטיליגט געוואָרן אין פריזלאַנד. ביי זשעמינגען האָבן זיך פאַרגאָסן גאַנצע טייכן בלוט פאַר דער פרייהייט פון לאַנד, און די פאַטריאָטן האָבן געליטן אַ מפלה. אַלבאַ האָט טריאומפירט.

די פראָווינצן זיינען נאָך קיינמאָל אַזוי פאַרשקלאַפּט ניט געווען, ווי איצט. גראַף עגמאָנט און האָרן, באַרימטע נידערלענדישע אַדללייט, וואָס האָבן אַמאָל געטאָן גרויסע טובות פיליפן און האָבן פון זיינטוועגן ניט איינמאָל זיך אומברחמנותדיג אָפּגערעכנט מיט די נידערלענדישע מורדים און אַפּיקורסים, זיינען אַליין באַשולדיגט געוואָרן אין בגידה און זיי האָבן זיך געגרייט צום טויט, זיצנדיג פאַרשפאַרט אין דער בריסעלער תפיסה. דער נייער פּרוב פון די נידערלענדישע פאַטריאָטן צוזאַמקלאַפּן אַלבאַס חיילות האָבן זיך

אויסגעלאָזט מיט אַ מפּלה בײַ גראָנינגען. און אַלס אַ צוקומעניש צו די צרות האָבן זיך צובונטעוועט ווילהעלמס געדונגענע זעלנער. און אין אַלע שטעט און שטעטלאַך האָבן זיך אַלץ געמערט די טויטשטראָפן, אַלץ העלער זיך צעפלאַקערט די שײַטערס, און די פרײַנד פון דער האָלענדישער פרײַהייט זײַנען אומגעקומען אײַנער נאָכן אַנדערן — אין די צענדליגער, אין די הונדערטער, אין די טויזנטער, איבערלאָזנדיג נאָך זיך פּוסטע ערטער.

און דער קאַמף איז פונדעסטוועגן געגאַנגען און געגאַנגען, און די נידערלענדער האָבן עפּעס אַזוי ווי געקריגן נײַע כוחות, ווי נאָר זיי פלעגן אַרויף אויף זייער היימישער ערד און אויף זייער שיצער — דעם אָקעאַן. די שטעט און די דערפער האָבן כסדר אַרויסגעשטעלט נײַע און נײַע מחנות. אויפן אָקעאַן האָבן זיך גע־וויזן הונדערטער לײַכט באַוואָפנטע שיפן, וואָס זײַנען אויסן גע־ווען נאָר איין זאַך — די נידערלענדישע פרײַהייט. זיי פלעגן באַ־פאַלן די שפּאַנישע שיפן און שטעט, אָנגעטאָן שאָדן דעם שפּאַנישן חיל, אַזוי ווי זיי וואָלטן מיט זייערע גבורות דערמאָנען, אַז זיי לעבן נאָך, און אַז די שפּאַניער זײַנען פון נצחון גאַנץ ווײַט.

און איבערן גאַנצן לאַנד, פון איין עק ביזן צווייטן, איז גע־גאַנגען דער אַרויספאָדערנדיגער רוף:

— לעבן זאָלן די געזן!*)

— לעבן זאָלן די געזן! האָבן געשריען די פּויערים פון ברעג דערזעהענדיג די נידערלענדישע שיפן, וואָס זײַנען פול געווען מיט געוואָגטע דרייסטע לײַט.

— לעבן זאָלן די געזן! האָט געשריען דאָס פאָלק אין שטעט און דערפער און מיט די דאָזיגע אויסגעשריען נאָך שטאַרקער אויפגערייצט דעם גרימצאָרן פון די שפּאַניער און באַצאָלט פאַר זיי מיט נײַע עינויים און מיתה־משונות.

---

*) געזן האָבן געהייסן די נידערלענדישע פּאַטריאָטן. דאָס וואָרט „געז" איז טײַטש קבצן. אַזוי האָט אָנגערופן די פּאַטריאָטן דער נידערלענדישער משרת פון די שפּאַניער בארלעמאָן אויף אַ זיצונג פון מלוכה־ראַט, און די פּאַטריאָטן האָבן דאָס צונעמעניש אויפגעכאַפּט און געמאַכט עס פאַר זייער קאַמפּס־נאָמען.

און פון איין עק לאנד ביזן צווייטן האָט געקלונגען ווי א קאמפליד די דרייסטע שבועה פון די געזן:

Par le sel, par le pain, par la besache,
Les gueux ne changeront quoi qu'on se sache

(מיר שווערן ביי ברויט, ביי זאַלץ, ביי דעם ביטל, אז די געזן וועלן זיך ניט איבערבייטן, וואָס מ'זאָל מיט זיי ניט טאָן).

איין מאָמענט האָט דאָס גליק א שפּיל געטאָן דעם נידער־לענדישן פאָלק — די געזן האָט זיך איינגעגעבן ארויסצורייסן פון די שפּאַנישע הענט די האַפנשטאָט בריל און אזוי ארום מאַכן אן אָנהייב צו דער נידערלענדישער פרייהייט. נאָך דער דאָזיגער הצלחה איז געקומען א סדרה נייע. א סך שטעט פון די צפונדיגע פּראָווינצן האָבן זיך אויפגעהויבן און פאַרטריבן דאָס שפּאַנישע מיליטער. ס'האָבן זיך אויפגעהויבן פריזלאַנד, געלדערן, אוטרעכט. א שטאָט נאָך א שטאָט האָבן אויסגערופן ווילהעלמען פאַר א הער־שער. דאָס איינענע האָט געטאָן גאַנץ זעלאַנד, אחוץ אירע צוויי שטעט . אמסטערדאַם און מידלבורג...

די מרידה האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן לאַנד אַלץ שטאַר־קער און שטאַרקער. פיליפּ האָט עס צוגעזעהן און ניט פאַרשטאַנען, וואָסערע קרעפטן—סיידן די ניט־גוטע—קאָנען עס העלפן דעם פאָלק פון אפּיקורסים אין זיינע נצחונות איבער דעם פרומסטן פון אלע מלכים. אָט דער דאָזיגער ערב־רב פון בירגער און פּויערים האָט נאָך די העזה צו שטעלן זיך אַנטקעגן אים, דעם קריסטליכסטן קיניג! און שעפּט נאָך דערצו פון ערגעץ־וואו כוח! נייך, די מעכ־טיגע שפּאַניע האָט נאָך גענוג קרעפטן אָנצולערנען די חוצפּה־דיגע כנופיא, וואָס טראָגט דעם נאָמען „האָלענדיש פאָלק". דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט אויף אַלבאַס זייט. און אַנדערש האָט ניט געקענט זיין.

אויף די נצחונות פון די פּאַטריאָטן האָט אַלבאַ געענטפערט מיט א פּאָגראָם אויף ראָטערדאַם אָן א פּאַרוואָס און פאַרווען און מיט א גאַנצן מבול נייע מיתות און שחיטות. פיליפּ האָט געברענט פאַר גרימצאָרן און צוזאַמען מיט די גלחים מתפּלל געווען צו גאָט געבען אים העלפן דעם געזאַלבטן זיינעם אין דער מצוה פון עוקר

מן השורש זיין די אפיקורסים. אינטענסיוו האט מען גע־זאמלט נייע חיילות און נאך אינטענסיווער געמאנט פרישע שטייערן.

די שטארקע שטאט מאנס, וואס ווילהעלמס ברודער האט געהאט איינגענומען, איז באצוואונגען געווארן פון אלבאס חיילות און צערויבט אן רחמנות. די שטאט מעכעלן איז אן א שלאכט, אן א שום סיבה אפגעגעבן געווארן אויף רויב און גזלה די פארביטערטע זעלנער. נאך איר איז צוראבירט געווארן די שטאט צוטפען, וואס ווען איר האט הערצאג אלבא געגעבן זיין זון פרעדעריק דע־טאלעדא א באפעל, נים צו לאזן דארטען קיינעם א לעבעדיגן און מאכן פון דער שטאט א בארג אש. דער באפעל איז ריכטיג אויסגעפירט געווארן. אויף א סך נידערלענדישע שטעט איז געפאלן אן אימה און זיי האבן גלייך נאך דעם געפעלשט אין דער זאך פון דער פרייהייט. אלבא איז געווען מלא שמחה: דער כוח און די מורא האבן געווירקט. אבער דאס איז אויך נאך געווען ווייניג. אויך די שטאט נאארדען האט ער אפגעגעבן די סאלדאטן אויף רויב און אירע איינוואוינער אויף הפקר. די שטאט הארלעם האט זיך געפרובט ווערן, אבער זי איז אויך באלעגערט געווארן, גענומען נאך א שרעקליכער באלעגערונג און צעראבירט. ביי דער דאזיגער באלעגערונג זיינען אומגעקומען צעהן טויזענט מאן.

גאנץ נידערלאנד איז אריינגעפאלן אין א מרה־שחורה. די פראווינצן, וואס זיינען נאך געבליבן טריי פיליפן, האבן געציטערט און מיט הכנעה געניינט דעם קאפ פאר אלבאן, דעם גרויזאמען הערצאג. האלאנד, זעלאנד און אוטרעכט, וועלכע האבן אט ערשט אויסגעראנגלט זיך פרייהייט, האבן אויך פארלוירן דעם מוט. אלע האבן געפילט, אז די זאך פון די פאטריאטן הענגט אויך דארטן אויף א האר, אז נידערלאנד גייט אונטער אין דעם נים גלייכן קאמף. און שרעקליכער פאר אלץ איז געווען, וואס ריכטן זיך אויף הילף איז נים געווען פון וואנען און פון וועמען. אין פראנקרייך האט זיך נאר־וואס אפגעשפילט די שרעקליכע שחיטה פון דער בארטאלאמעאוס־נאכט. אין דייטשלאנד האבן

כמעט אַלע קלײנע פירשטנטומס און גראַפשאַפטן אפילו ניט צוגעלאָזט דעם געדאַנק צו גײן אַנטקעגן דעם ווילן פון דעם אַלמאַכטיגען שפּאַנישען קיניג. די הערשער פון די גרעסערע מדינות האָבן אויך מורא געהאַט צו מישן זיך און ווילהעלמען פון אָראַניע האָבן זײ געראַטן „זיצן שטיל און ניט קריכן אין פײער". אַפילו די געטרײסטע און זיכערסטע פרײנד זײנע—דער קורפירשט פון העסן, דער הערצאָג פון ווירטעמבערג און דער פרײנדליך געשטימטער אַווגוסט פון זאַקסן, האָבן צוגערעדט ווילהעלמען „ער זאָל זיצן און וואַרטן, וואָס װעט זײן". „איר דאַרפט אַ פינגער אָן אַ פינגער ניט אַ קלאַפּ טאָן פאַר די אומקומענדיגע פּראָווינצן—האָט אויך דער דײטשער קײזער געשריבן ווילהעלמען.—אויב איר וועט שטערן דעם שלום פון דער אימפּעריע און וועט אָנמאַכן אַ קריג צווישן אונז און אונזער הארציגסטען ברודער און קוזין פיליפּ, וועט איר אַלײן דאַרפן באַצאָלן דערפאַר".

אָבער בלײבן רואיג, זיצן מיט פאַרלײגטע הענט און צוזעהן ווי אַזוי אַ גאַנצע מדינה גײט אונטער פון אַ שלעכטער רעגירונג, פון אַ אומגעהײערן יאָך, אומגלויבליכע מעשים-תעתועים—דערצו דאַרף מען דאָך אויך האָבן אָדער אַ אומענשליכע געמײנקײט אָדער איבערמענשליכע כוחות. „מיר קענען ניט—האָט ווילהעלם געשריבן אין זײן פּראָקלאַמאַציע, וואָס ער האָט צעשיקט איבער אַלע שטעט און שטאַטן פון נידערלאַנד—מיר קענען שוין מער ניט צוזעהן די רציחות, גזלות, גוואַלדן און יסורים. מיר ווען אויפהײבן דאָס געווער אַנטקעגן דער מוטווילינער טיראַניע פון די שפּאַניער. מיר זײנען מיט גרויס שמחה גרײט מקריב צו זײן אונזער לעבן און אונזער האָב-און גוטס פאַר דער דאָזיגער זאַך. מיר רופן אַלע נידערלענדער צו העלפן אונז. זאָלן זײ נעמען צום האַרצן די עקסטע שאַרפע נויט פונ'ם פאָטערלאַנד, די סכנה פון אײביגער קנעכטשאַפט פאַר זיך און פאַר זײערע קינדער און קינדסקינדער, נאָך דאַן, ווען מיר ווען סוף-כל-סוף באַקומען אַלבעקס בלוטדאָרשטיגקײט, וועלן די פּראָווינצן ווידער קאָנען קומען צו דער הערשאַפט פון יושר און צו דעם וואוילשטאַנד פון זײער רעפּובליק".

דער אויסגעפּרובטער באַשיצער פון דער נידע־לענדישער פרייהייט, וואָס האָט ביים פאָלק באַקומען אַ צונעמעניש „דער פאָטער פון פאָטערלאַנר” האָט געטאָן כל המיטלען צו חיזבן דעם פאָלקס געפאַלענעם מוט, צונויפזאַמלען געלט און ווידער דינגען מיליטער, באַהאַוונטע אין תכסיסי־מלחמה.

ווילהעלם אליין האָט קיינמאָל ניט פאַרלוירן דעם מוט, הגם ער האָט גוט פאַרשטאַנען דעם טרויעריגן מצב־העניינים. קיין געלט איז ניט געווען. אַלבאַס מעשים־תעתועים האָבן גע־וואָרפן אַן אימה. פון פאַרשיידענע ערטער האָבן זיך געטראָגען ידיעות, אַז הערצאָג אַלבאַ קלייבט צונויף אַ אומגעהייער חייל כדי אַריינצורייסן זיך קיין האָלאַנד, זעלאַנד און אוטרעכט.

ווילהעלם פון אָראַניע האָט ניט פאַרלוירן דעם מוט, נאָר דאָס האַרץ האָט זיך אים באַגאָסן מיט בלוט.

פאַר דעם טריאומפאַלן מאַרש פון אַלבאַס חייל איז דער וועג געשטאַנען כמעט ווי אָפן. דער בונד פון די עטליכע פראָווינצן, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן מיט אַזוי פיל איבערמענשליכע מי און טרחה, צעפאַלט זיך; די פראָווינצן, וואָס האָבן זיך נאָר־וואָס באַפרייט, ווען באַלד ווידער אַרונטערפאַלן אונטער דער שליטה פון דעם „גאָטהאַרציגסטן” קיניג און וועלן זיך אָנטרינקען מיט טייכן בלוט. דאָס וועט געשעהן נאָר אין דער נאָהענטער צוקונפט, דאָס אומגליק רוקט זיך אָן. אָפּהאַלטן עס איז אוממיגליך, וואָרים אויפן וועג פון דעם נצחונדיגן שפּאַנישן חייל שטייט נאָר אַ קליינע באַפעסטיגטע שטאָט עסטערדאַם.

די דאָזיגע שטאָט וועט אינגיכען באַלעגערט ווערן פון דעם שפּאַנישן חייל אונטער דער קאָמאַנדע פון פרעדעריק דע־טאָלעדאָ, דעם זון פון הערצאָג אַלבאַ. אַלבאַ ווייס אויסגעצייכנט וואו און ווי אַזוי מ'דאַרף דערלאַנגען די מוראדיגסטע קלעפּ פון זיין שווערד. ער האָט געגעבן דעם זון זיינעם אַ קאַטעגאָרישן און באַשטימטן באַפעל: „עסטערדאַם מוז גענומען ווערן ניט שפּעטער ווי אין עטליכע טעג אַרום. אויב די איינוואוינער וועלן פּרובן זיך שטעלן אַנטקעגן—זאָל מען טאָן מיט זיי ווי מיט צוטפען

גאַרדען און מעבעלן—פֿאַרטיילינגן זיי אַלע ביז איינעם, און דאָס פֿאַרמעגען אָפּגעבן די סאָלדאַטן אויף רויב".

קאַפּיטל צוויי.

די באַלעגערונג פֿון עסטערדאַם.

עסטערדאַם איז אַ קליין שטעטל פֿון דער פּראָווינץ זעלאַנד. אַמאָל האָט עס געפֿירט אַ לעבעדיגן האַנדל מיט אינדיע, מיט אַמעריקע, מיט סומאַטרע און יאַווע. אַמאָל איז זיין האַפֿן פֿול געווען מיט צעהנדליגער און הונדערטער האַנדלשיפֿן, אָנגעלאָדענע מיט כל־המיני סחורות, וואָס האָבן געגעבן די עסטערדאַמער סוחרים שיין פּרנסה. אַמאָל זיינען די געשעפֿטן פֿון עסטערדאַם געגאַנגען ניט ערגער ווי די געשעפֿטן פֿון האַג, ענהויזן און אַנדערע נידערלענדישע שטעט.

העכער פֿערציג טויזנט איינוואוינער זיינען געזעסען אין עסטערדאַם און אויף די גרענען פֿון דער אָזערע, וואָס איבער איר האָט זיך דערהויבן אויף אַ גאַנץ הויכן היגל די „אַלטע" אָדער די „איבערשטע שטאָט", אַרומגערינגלט מיט פֿאַרצייטישע געטויערטע ווענט, וועלכע מ׳האָט אויפֿגעשטעלט מיט אַ יאָר פֿינף הונדערט צוריק. אָבער פֿון דעם סוחרישן שם פֿון עסטערדאַם איז געבליבן נאָר אַ זכר. עטליכע מאָל האָבן זיך שוין אין דער שטאָט געוויזן שפּאַנישע מחנות און צוזאַמען מיט זיי—גזלות און רציחות. שוין העכער פֿופֿצן יאָר, ווי דאָ האָט געווילדעוועט די הייליגע אינקוויזיציע און אַלס צוגאָב—„דער שרעקליכער טריבונאַל"—אַ שפּראָץ פֿון דעם בלוטיגן ראַט. דער גרויסער פּלאַץ פֿון דער הייליגער גודולע איז שוין טויזנטער מאָל געווען אַן אָרט, וואו מ׳האָט זיך אויף אַ ווילדן אופֿן אָפּגערעכנט מיט גאַנצע מהנות „מורדים און אַפּיקורסים", וועלכע זיינען אויסגעגאַנגען אויף די תליות, עשאַפֿאָטען און שייטערס. העכער האַלב עסטערדאַמער איינוואוינער זיינען זיך צעלאָפֿן אין פֿרעמדע לענדער וואוהין די אויגן טראָגן. גוטע פֿינף טויזנט מענשן זיינען אומגעקומען בשעת

די שפּאַנישע פּאָגראָמען און גלות, אָדער האָבן אויסגעהויכט זייער נשמה אויף די עשאַפאָטן. און עסטערדאַם איז געוואָרן וויסט און שטום. דער האַנדל האָט זיך אָפּגעשטעלט, די גאַלערעס און שיפן זיינען פאַרשוואונדן. אין עסטערדאַם זיינען געבליבן נאָר די, וואָס האָבן ניט געהאַט וואו צולויפן, אָדער ניט געהאַט וואָס צו זוכן.

עסטערדאַם ליגט האַרט ביים ברעג ים, אויף אַ מאָלערישן בערגל, וואָס איז פון צוויי זייטן באַפעסטיגט מיט ריזיגע דאַמבעס, ניט ווייניגער פון זעקס קלאַפטער די הייך. געבויט פון שטיין און אייזן, קלעצער און ערד, האָבן די דאָזיגע דאַמבעס שוין פון אַ צייט מיט הונדערטער יאָרן אַרויסגעוויזן אַ איינגעשפּאַרטן ווידערשטאַנד דעם שרעקליכן אַנפאַל פון דעם גרויזאַמען אָקעאַן. אין די טעג פון שטורים פלעגן די אינדן פון אָקעאַן מיט אַ רעש זיך צעשלאָגן אָן די אומבאַוועגליכע משונה-גרויסע דאַמבעס. ווייסע שפּריצן פלעגן פליען אין דער הויך און אָפטמאָל פאַרדעקען די ציגלנע דעכער פון די פאַרצייטיגע הייזער, וואָס האָבן זיך דערהויבן איינס איבערן אַנדערן הינטער דער פעלזן-פעסטער וואַנט פון די דאַמבעס. דער רעש און גערודער פון ים האָבן אָן אויפהער געהילכט הינטער דער וואַנט, און נאָר דער דומפּער ווידערקול פון די שמאָלע שטעטלשע געסלאַך האָט זיך אָפּגערופן אויף די דאָזיגע גרויזאַמע קלאַנגען. דערהויפּט זיינען זיי געווען שרעקליך אין די פינסטערע האַרבסטיגע און ווינטערדיגע נעכט, ווען די שטורימווינטן הערן ניט אויף צו קערן די וועלט ביי די נידערלענדישע ברעגן, ווען די אינדן זיינען משונהדיג גרויס, און דער ווינט איז באַזונדערס בייז און ווילד. דער ים רוישט דאַן ביי די דאַמבעס אַזוי ווי אַ אומאויפהערליכע קאַנאָנאַדע פון שרעקליכע האַרמאַטן, און ס'איז שווער דאַן צו הערן און צו ריידן. דער דאָזיגער רעש און גערודער איז שטאַרקער פאַר די שאָסן פון די האַרמאַטן, וועלכע דונערן פון דער פעסטונגס-וואַנט פון דער איבעריטער שטאָט, שטאַרקער פן דער געקלינגעריי פון די גלאָקן פון דעם אַלטן קלויסטער אויפן פּלאַץ פון דער הייליגער גודולע.

דער וואַסער-שפּיגל פון ים שטייט זעער הויך אין די דאָזיגע

ערטער. ווען די דאמבעס וואלטן ניט אויסגעהאלטן דעם שרעקליכן אנפאל פון ים, וואלט די גאנצע „אונטערסטע שטאט“ פון עסטערדאם פארפלייצט געווארן מיט וואסער אריבער די דעכער פון די הייזער. דאס וואסער וואלט צוגעדעקט אי די דערביאיגע פעלדער, אי די ווייטע וועלדער אי די זומפן, און די אזערע, וואס האט מיט איר זיסן וואסער אנגעטרונקען די איינוואוינער פון עסטערדאם, וואלט זיך צעגאסן אין א גוואלדיגן ים אויף א שטח פון עטליכע צעהנדליג קילאמעטער.

אבער די עסטערדאמער האבן זעער גוט געקענט זייע־אלטע דאמבע און זיי האבן איר אפילו געגעבן א פאסיגען נאמען: „פעפערין“ אי, איז דאס געווען א פעפערין! דער ווינט בייזערט זיך און פייפט מיט אלע כוחות, און די דאמבע שלאפט, זאל דאס איר גאר אנהייבן צוארן! דער אקעאן שטורימט און קריכט מיט גרימצארן אויף איר בארג=ארויף, און די דאמבע שלאפט, גלייך ווי ניט איר מיינט מען. און אזוי שוין הונדערטער יארן נאכאנאנד, יאר איין יאר אויס, טאג איין, טאג אויס, שלאפט זי, האט גאר ניט אין זינען אפילו די אומענדליכע ארבעט פון דעם אקעאן, ניט די אומגעלומפערטע און אומזיניגע בלוטיגע מעשים פון די מענטשן, וואס פלעגן אנקומען קיין עסטערדאם און מאכן פון איר א תל, דא אין דעם נאמען פון די בורגונדער הערצאגן, דא אין דעם נאמען פון קייזער קארל V, דא, ענדליך אין דעם נאמען פון פיליפ II און זיינע טרייע און היציגע משרתים—מארגארעטע פון פארמע, גראנגוועלע, אלבא און אנדערע.

די עסטערדאמער האבן געקענט זייער דאמבע און זיך פארלאזן אויף איר ווי אויף א געטרייער און ארנטליכער באשיצערן פון דעם שרעקלאכן אקעאן, און זיי האבן רואיג געלעבט אין זייערע געמיטלאכע, הגם ניט אזעלכע שיינע הייזער, שוין א צייט מיט יארן, ביז וואנען אייף עסטערדאם איז אנגעשיקט געווארן א גרויזאמער שטראם פון שפאנישע גזלות און רציחות.

„מיר האבן פלוצלונג דערפילט—שרייבט אין זיינע זכרונות א פרידליכער עסטערדאמער בירגער—אז דאס לעבן גייט אונז ניט איין און אז דער טויט איז אונז אויך ניט ניחא, אז זיצן מיט פארלייגטע הענט איז קיין תכלית ניט, אז ס'איז געקומען אזא

ציים, ווען מ׳דארף זיך ווערן און אָנפאַלן מיט געוועהר אין די הענט. מיר האָבן זיך דאַן צונויפגעקליבן און פאַרטריבן פון שטאָט דעם גאַנץ שטאַרקן שפאַנישן גאַרניזאָן און האָבן פאַר־כאַפּט די אייבערשטע שטאָט, די פעסטונג און אַלצדינג, וואָס איז דאָרטן געווען״.

די עמסטערדאַמער פעסטונג, ווי געזאָגט, שטייט אויף א הויכן שטיילן הויגל, סאַמע אויפן ברעג פון דער אָזערע, פון וואַנען עס איז דורכגעפירט אין רעכטן מיטן פעסטונג א גאַנץ היבשער קאַנאַל. ווען דער ים, וואָלט דורכגעריסן די דאַמבע, די „פעפערין״ וואָלט די פעסטונג און די אייבערשטע שטאָט אויפן הויגל פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין א אינזל צווישן די כוואַליעס פון דער צעגאָסענער אָזערע.

אין א פאַרצייטיגן פנקס איז טאַקע באַשריבן אזא מין מעשה, וואָס האָט געטראָפן מיט א יאָר פינף הונדערט צוריק. די גאַנצע געגענד אַרום און אַרום איז דאַמאָלט פאַרפלייצט גע־וואָרן פון ים אויף א שטח פון הונדערטער קוואַדראַטישע ליע, און אַלע אַרומיגע איינוואוינער, העכער פון פופצן טויזנט מאַן, האָבן זיך געראַטעוועט אויף דעם הויכן הויגל פון עמסטערדאַם, וואו ס׳איז דערנאָך אויסגעבויט געוואָרן די „אויבערשטע שטאָט״.

פון די טורעמס פון דער פעסטונג, געבויטע פון ווילדע שטיינער, קאָן מען זעהן א אומפאַריינדליך און איינאַרטיג בילד. פון איין זייט—דער שפיגל פון אָקעאַן מיטן אויג ניט צו כאַפּן, ווי ער שמעטערט מיט עפּעס א מאָרנעם גרימצאָרן אָן דער דאַמבע א אָנדערהאַלבן הונדערט, קלאַפטער ווייט פון דער פעס־טונג-וואַנט. און רעכטס און לינקס זעהן זיך העט-ווייט אַוועק די נידעריגע ברעגעס, פאַרצאַמטע מיט דאַמבעס, עס פינקלען אין די אויגן ווייסע און געלע זאַמדיגע דיונעס. וואָס דער אייגענער אָקעאַן האָט אָנגעשאָטן. פון דער אַנדער זייט, אויך מיטן אויג ניט צו כאַפּן, די רחבות פון אַנידעריגן פליין, א גאַטן און א גרי־נעם, א שורה געמייזאַכצן און זומפּן, און צווישן זיי, אויף די טערפענעס אָדער קינסטליכע בערגלאַך, וואָס מ׳האָט אָנגעשאָטן נאָך אין פאַר היסטאָרישע צייטן, טוליען זיך אין דעם גרינעם

פון די פאַרפלאַנצטע וועלדלאַך און סעדער מאַלערישע האַלענ־דישע דערפלאַך. אַזוי ווי אַ לאַנגע שטענגע ציט זיך איבערן זומפ דער שמאָלער שאָסיי, וואָס גייט קיין אַלקמאַארי דאָרטן, ביים סאַמע האָריזאָנט, צייכענען זיך אין דער גרויער בלויקייט אויס זיינע טורימס און אין די געציילטע זוניגע טעג, ווען דער הימל איז ניט פאַרצויגן מיט אַ נעפּל, פינקלען אויף דער זון די גאָלדענע שפּיצן פון די קלויסטערס.

אָבער פון די פּראַכטיגע לאַנקעס זיינען שוין לאַנג געוואָרן נאַסע מדבריות, וואו מ׳זעהט ניט קיין סימן פון אַ קו; די פרוכט־באַרע פעלדער האָבן זיך שוין לאַנג באַדעקט מיט שוואַרצער אַש און ערד, און פון די דערפער איז געבליבן אַ באַרג חורבות. דער גרויזאַמער פאַנטאַם פון גוואַלד־מעשים און מלחמה האָט זיך אַ דורכגעטראָגן איבער די דאָזיגע, ערשט דאָ ניט לאַנג גע־בענטשטע ערטער און געלאָזט נאָך זיך אַ טרויעריגן זכרון. דאָס פיך איז אַוועק אויף דער דערנערונג פון דעם שפּאַנישן חיל, די מענשן זיינען זיך צעלאָפן.

אַרום צוואַנציג טויזנט מענטשן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט הינטער די ווענט פון עסטערדאַם, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט דעם גאַנצן הינגל אַזוי ווי מיט אַ שטיינערנעם גאַרטל. אהערצו זיינען זיך צענויפגעלאָפן די איינוואוינער פון די אַרומיגע דער־פער, אַהערצו האָבן זיך אויך איבערגעקליבן די איינוואוינער פון דער אונטערשטער שטאָט, וואָרים דאָרטן איז ניט געווען קיין שום מיגלאַכקייט צו פאַרטיידיגן זיך פון דעם געניטן און גרויזאַמן שונא. אין דער אייבערשטער שטאָט האָבן זיך צונויפ־געקליבן די אַלע וואָס האָבן זיך נאָך געקענט האַלטן אויף די פיס.

אהינצו זיינען זיך צונויפגעקומען די רעשטלאַך פון די האָלענדישע חילות, וועלבע האָבן ערשט ביז ניט לאַנג געליטן שרעקליכע מפּלות איינע נאָך דער אַנדערער. צווישן זיי איז געווען אַ היבש ביסל פאַרוואונדעטע; געקומען אָבער אַהערצו זיינען קעמפּן, און ניט שטאַרבן, צוזאַמען מיט דעם עסטערדאַ־מער גאַרניזאָן, וואָס ווילהעלם פון אָראַניע האָט אַהער זיי אַריינ־

געשיקט, איז נאָך אין פעסטונג געווען בסך־הכל אַ זיבן טויזנט מאַן זעלנער. די רעשט זײַנען געווען בירגער און פּויערים, וועלכע האָבן קיין אַנונג ניט געהאַט אין תכסיסי־מלחמה, און ווײַבער, און קינדער מיט זקנים.

אין דער אייבערשטער שטאָט האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט מענטשן. אין דער אונטערשטער שטאָט האָט געהערשט אַ שטומע שטילקייט, וואָס איז געשטערט געוואָרן נאָר דורך דעם אָנפּראַל פון די כוואַליעס פון ים. כדי ריין צו מאַכן דאָס פעלד צו די קומענדיגע שלאַכטן, האָבן די עסטערדאַמער אויסגעבּרענט די אונטערשטע שטאָט ביזן גרונד. מ'האָט זי אונטערגעצונדן פון עטלאַכע עקן פאַר אַמאָל און געבּרענט האָט זי עטלאַכע טעג נאָכאַנאַנד. איינציגע פאַרצײַטיגע הייזער האָט מען אַפילו אויפגעריסן אין דער לופטן, און זייערע שטיינער האָט מען באַנוצט אויף צו באַפעסטיגן די ווענט פון דער עסטערדאַמער פעסטונג.

פינף טעג נאָכאַנאַנד זײַנען איבער עסטערדאַם אויפגעגאַנגען געדיכטע וואָלקנס עסדיגן רויך. די עסטערדאַמער האָבן פון די שטאָטישע ווענט געקוקט ווי עס גייען אַוועק מיטן פייער די היימישע ווינקעלאַך, וואו עס איז שטיל געפלאָסן אין טאָגטעגליכע דאגות דאָס לעבן פון אַ סך דורות. די הייזער, די קלויסטערס, די ביבליאָטעקן האָבן געבּרענט און געטליעט. אין דער אייבערשטער שטאָט האָט מען אַריבערגעפירט נאָר דאָס, וואָס אָן דעם קאָן מען שוין ממש ניט אויסקומען בײַ דער באַלעגערונג. זעלטן ווער עס האָט געטראַכט צו ראַטעווען דאָס האָב־און־גוטס, אָבער קיינער האָט ניט געוואָלט, אַז עס זאָל אַרײַנפאַלן צו אַלבאַקן אין די הענט.

די ווענט פון דער פעסטונג, אַזוי אויך גענוג שוואַרצע, זײַנען נאָך מער פאַרשוואַרצט געוואָרן פון רויך. די גרויזאַמע געציינדלטע טורעמס מיט די שפּיציגע דעכער, מיט די קליינע טורעמדלאַך, צוגעבויטע צו זייערע ווינקלען, און מיט די שמאָלע פענסטער זײַנען געוואָרן נאָך שרעקלאַכער. אין די אמבראַזורעס פון די טורעמס און ווענט האָבן זיך געשוואַרצט די מײַלער פון

די האַרמאַטן און קולעווריגעס, און אין דער הייך אויף דער וואַנט, הינטער די מאַסיווע שטיינערנע ציינער האָבן דאָ און דאָרט כסדר געשמייעט באוואָפנטע מענטשן. דאָ זיינען געווען זעלנער אין אייזערנע און לעדערנע פאַנצערס, מיט ברייטע שפּאַגעס באוואָפנטע מיט מושקעטן, אַרקעבוזן, שפּיזן, האַלעבאַרדעס, שילדן; דאָ זיינען געווען סתם בעלי-בתים מיט היי-גאָפּלען און פלעקער, ווייבער, קינדער, אַלטע לייט, וואָס האָבן געאַרבעט צו באַפעסטיגן די וואַנט. אַ געניט אויג וואָלט גלייך באַמערקט, אַז די אַלע מענטשן האָט צונויפגעטריבן אַהערצו אַן אַלגעמיינע פאָלקס-זאַך, אַז דאָ זיינען זיך צונויפגעקומען ניט נאָר די איינוואוינער פון דער סביבה, נאָר אויך מענטשן פון פאַרשיידענע נידערלענדישע פּראָווינצן, אָנגעלאָפענע, וואָס שטרעבן אַלעמאָל אין די ערטער, וואו עס פלאַקערט נאָך דער קאַמף פאַר פרייהייט, און די אַלע, וואָס הערצאָג אַלבאַ און זיינע משרתים האָבן זיי גענוג דערגאַנגען די יאָרן, און די, וואָס האָבן באַשלאָסן, אַז „בעסער אַ בכבודיגער טויט איידער אַ נידערטרעכטיג לעבן". דאָ זיינען געווען הויכע שלאַנקע פריזן מיט בלאָנדע האָר און שאַרע אָדער בלויע אויגן, און אַ איידעלער ווייסער הויט, די זעלביגע פריזן, וואָס אין זייער פאַרצייטיגן געזעץ שטייט געשריבן, אַז: „די פריזן וועלן זיין פריי, כל-זמן דער ווינט וועט בלאָזן פון די וואָלקנס"; דאָ זיינען געווען הויכגעוואַקסענע זעלאַנדער, מיושבדיגע, גאָטמוטיגע אויפן פּנים; דאָ זיינען געווען לוסטיגע בראַבאַנטער, די שווייגעדיגע, ערנסטע, געזעצטע איינוואוינער פון האָלאַנד; ענדליך, די חיילס-לייט פון העלדערלאַנד. וועגן זיי גייט אַרום דאָס ווערטעל: „הויך אין מוט, קליין אין געלט, מיט אַ שווערד אין דער האַנד — אָט דאָס איז דער הערב פון העלדערלאַנד". די שטאָטלייט זיינען געשטאַנען אָנגעטאָן אין ברייטע לייבלאַך און ברייטראַנדיגע היט מיט פעדערס. געווען אַ סך פישער — שיפסלייט, געקליידט אין לאַנגע פלודערן פון בלויעם געוואַנט און אין שווערע הילצערנע שיך. דער דאָזיגער ערב-רב האָט געשמייעט, גערעשט, און אָן אויפהער געאַרבעט צו באַפעסטיגן די וואַנט און פונאַנדערטיילן דאָס געווער און אַמוניציע.

דער הימל איז געווען פאַראומערט און גרוי, אַ פייכטער נעפּעל האָט זיך געטראָגן איבערן ים און איינגעהילט דעם נאַסן פליין, די זומפּן און פעלדער. פון די ווענט פון דער פעסטונג, אין דער נעפּעלדיגער ווייט, דורך דער גרויען רויכל קאָן מען כאַפּן מיטן אויג, אַז איבער דעם אַלקמאַארער שאָסיי ציט זיך אַלץ נעהנטער און נעהנטער צו דער שטאָט אַ שוואַרצע שטענגע. זי גייט און גייט, און ס'נעמט קיין סוף ניט צו איר. נאָר ווען-ניט-ווען פאַרטראָגט דער ווינט מאָדנע קלאַנגען; — געשרייען און קרעכצן, לידער און תפילות...

די איינוואוינער פון עסטערדאַם ווייסן, וואָס איז דאָס פאַר אַ שוואַרצע שטענגע. דאָס איז דאָס שטאַרקע חיל פון שפּאַניע אונ-טער דער קאָמאַנדע פון פרעדעריק דעטאָלעדאָ, וואָס גייט צו הילף דער מחנה, וועלכע האָט געוועסט געפּרובט נעמען עסטער-דאַם מיט אַ האַסטיגן שטורים, אָבער מ'האָט זי אָפּגעשלאָגן און פאַרטיליגט אויף האַלב.

די עסטערדאַמער האָבן שוין געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי האָבן באַשלאָסן צו ראַנגלען זיך ביזן טויט.

דערפאַר האָט דער שרעקליכער הערצאָג זיי גלייך אַוועק-געשטעלט „אויסער יעטווידער געזעץ און יעטווידער רעכט". אין אַ באַזונדער פּאַפּיר האָט ער אַוועקגענומען ביי זיי „אַלע זייערע כאַרטיעס, געזעצן און פּריווילעגיעס, זכיות, פרייהייטן, און מנהגים, און זייער גאַנץ פאַרמעגן, אין מטלטלין און קרקעות, און אַלע אָפּצאָלונגען, רענטעס, דירעקטע און אומדירעקטע שטייערן, וואָס זיינען ביזאַהער געגאַנגען פאַר זייער שטאָט אין אַצונד וועלען זיי גיין אין דער שאַצקאַמער פון זיין מאַיעסטעט.

אַלס תשובה דערויף האָט פרעדעריק דע-טאָלעדאָ אויך באַקומען אַ כתב פון די בירגער; דאָרט איז געשטאַנען געשריבן, אַז זיי האָבן סיי ווי סיי ניט וואָס אָנצווערן, אַז פיליפּ II איז פאַר זיי געווען ניט קיין פאָטער, נאָר אַ וואָלף, אַז זיי האָבן זיך אַצונד אויסגעלערנט צו שעצן ניט די פרייהייט, וואָס מ'גיט זיי, נאָר די, וואָס זיי וועלן זיך נעמען אַליין, מעג דאָס אפשר ניט אַזוי שמעקן דעם הערצאָג אַלבאַ אָדער זיינע חברים.

עסטערדאַם האָט זיך גענומען גרייטן צו אַ בלוטיגע מלחמה.

פֿרעדעריק דע-טאָלעדאָ, וואָס האָט ניט געוואָלט פּטרן זיינע העלדישע וועטעראַנען, וואָס זיינען גרויסאַרטיג אויסגעמושטירט צו פֿאָלגן אָן טענות ומענות אַלצדינג, וואָס מ'הייסט זיי, און וועלכע מ'האָט צונויפֿגעבראַכט צהערצו פֿון לאָמבאַרדיע, סיציליע, סאַרדיניע און נעאַפּאָל, אָרגאַניע, קאַסטיליע און פֿאַרשיידענע דייטשע לענדער, האָט זיך געגרייט צו דער באַלעגערונג. זיין פֿאָטער, הערצאָג אַלבאַ, האָט זעער ליב געהאַט דאָס ווערטל, אַז „די צייט און ער אַרבעטן יד-אַחת".

פֿון די עסטערדאַמער ווענט האָט מען געקענט זעהען, ווי עס וואַקסט כּסדר די אַזוי אויך גענוג מוראַדיגע מאַכט פֿון דעם שונא, ווי עס ווערן אויפֿגעשטעלט דאָ און דאָרט באַפֿעסטיגונגען, אויף וועלכע עס ווערן אַרויפֿגעבראַכט האַרמאַטן, ווי עס וואַקסן די שורות ביידלאַך און געצעלטן.

דער אַייזערנער רינג נעמט אַלץ מער און מער אַרום די שטאָט; פֿון דריי זייטן איז זי שוין אַרומגערינגלט.

טיילמאָל פּלעגן קליינע מחנות שפּאַניער אַרויסגיין פֿון זייער לאַגער און זיך אַרומגעשלענדערט צווישן די אָפּגעבּרענטע חורבות פֿון דער אונטערשטער שטאָט, געזוכט און גענישטערט נאָך רויב אַפֿילו דאָרטן, וואו דער פֿייער האָט פֿון אַלץ געמאַכט אַ תל. צווישן די דאָזיגע מחנות און די שפּאַניער פּלעגט אויסברעכן אַ שיסעריי פֿון מושקעטן און אַרקעבוזן, און טיילמאָל האָבן גע-דונערט אויך די האַרמאַטן, און די גראַנאַטן זיינען געפֿלויגן פֿון די ווענט פֿון דער פֿעסטונג אין יענע ווייטע רעדוטן, וואָס דער שונא האָט געבויט.

און די דאָזיגע רעדוטן זיינען אַלץ געוואַקסן און געוואַקסן און פֿון זיי האָבן שוין אָנגעהויבן צו הילכן די שאָסן.

דער ערשטער שאָס, וואָס די שפּאַניער האָבן געגעבן, האָט געטראָפֿן אין טורים, וועלכער האָט זיך דערהויבן איבער די טויערן פֿון דער עסטערדאַמער פֿעסטונג, ניט ווייט פֿון דעם אָרט, וואו ס'הענגט דער גרויסאַרטיגער הערב פֿון זעלאַנד. אויף דעם דאָזיגן הערב איז בידוע אויסגעמאָלט אַ לייב, וואָס ראַנגלט זיך מיט די כוואַליעס פֿון אָקעאַן וועלכע גרייכן אים ביזן האַלב,

קערפּער. אויפן הערב איז דאָ אַ אויפשריפט luctor et emergo (איך ראַנגל זיך און שווים). נאָכדעם האָט שוין די קאַנאָנאַדע ניט אויפגעהערט. אַלע טאָג פלעגן עטליכע הונדערט גראַנאַטן טרעפן אין עסטערדאַם, צושטערן די הייזער, די ווענט, די קלויסטערס, אַפילו די מצבות אויפן אַלטן בית-עלמן, וואו הונדערטער טויזנטער מתים האָבן געפונען די אייביגע רו.

די עסטערדאַמער האָבן געזעהען, ווי אַזוי די שפּאַניער נעמען שטיינער פון דער אונטערשטער שטאָט און בויען באַטאַרייען און רעדוטן פון די חורבות פון זייערע אַלטע היימישע נעסטן.

טויזנטער פויערים פון נאָהענטע און ווייטע דערפער, האָט מען צענויפגעטריבן אין שפּאַנישן לאַגער אַריין און זיי האָבן געאַרבעט דאָרטן, אונטער דער בייטש געבויט רעדוטן, געגראָבן טראַנשייען. און דערביי טאַקע ביי די רעדוטן האָט מען אויפגעשטעלט עטליכע תליות, וואו ס'האָבן זיך געהוידעט די קערפּערס פון די אומגליקליכע, וועלכע האָבן משמעות ניט געוואָלט אַרבעטן קעגן די אייגענע ברידער.

אין שפּאַנישן לאַגער האָט געהערשט אַ רוישנדיג לעבן און באַוועגונג. פון ווייטן האָט מען געקענט זעהן, ווי אַזוי עס שמייען אַרום מענטשן, עס גייען שווערע אָבאָזן, עס שלעפּן זיך האַרמאַטן; מ'האָט געהערט די קולות און געזאַנג פון שיכורע זעלנער, און טייל'מאָל — אַ געיאָמער און קרעכצן פון נידערלענדישע פויערים, וועלכע מ'האָט, ווייזט אויס, געשלאָגן און געפּייניגט אויף טריט און שריט, פאַר אַ חטא אָדער גלאַט אַזוי.

די בירגער האָבן זיך געגרייט צו אַ שווערער און לאַנגער באַלעגערונג. אין שטאָט אַריין פלעגט מען אַלע ווײַלע צופירן פון ים און פון אָזערע עסנוואַרג און אַמוניציע, צו דעם האָבן אין דער אונטערשטער שטאָט, וועלכער איז נאָך ניט געווען פאַרנומען פון די שפּאַניער, זיינען אַלע ווײַלע צוגעגאַנגען די גרינגע שיפן פון די געזן און אויסגעלאָדן פעסער פולווער, זעק מיט תבואה און מעל, געווער, באָמבעס און בליי. ס'איז אָנגעקומען אַ מחנה סאָלדאַטן, וואָס ווילהעלם פון אָראַניע האָט

צוגעשיקט. ס׳איז אָנגעקומען אַ מאה זעלאַנדישע היצקעפּ, וואָס האָבּן אויף זייערע היט געטראָגן אַ האַלבּע לבנה מיט אַן אויפשריפט: „בּעסער צו די טערקן, איידער צום פּויפּסט“.

דער אָנבּליק פון די דאָזיגע מענטשן, בּאַדעקטע מיט שראַמען און אויפן פּנים אמתע חיות, וואָלט אין אַן אַנדער צייט אָנגעוואָרפן אַ מורא און אַ עקל. אַצונד אָבּער האָבּן זיי אַרויסגערופן בּיים פאָלק אַ התלהבות. קיינער האָט אַזוי גוט ניט געקאָנט שטאַרבּן אין שלאַכט, קיינער האָט ניט געקעמפט מיט אַזאַ בּרען און אַזוי ניט געקוקט דעם טויט אין די אויגן. די דאָזיגע מענטשן האָבּן אַלע געהאַט פאַרוואָס אָפּצורעכענען זיך מיט די שפּאַניער און האָבּן זיי פיינט געהאַט מיט אַזאַ שנאה, וואָס איצטער איז עס גאָר ניט צו טרעפן. זייער אָנפירער, קאַפּיטאַן וואַן-דערוועלט, וואָס פאַר זיין כּוח און וואוקס האָט ער געהאַט דאָס צונאָמעניש „שמשון הגבּור“, האָט אָקאָרשט בּיי דער צוראַבּירונג פון ראָטערדאַם פאַרלוירן זיין גאַנצע פאַמיליע: זיינע צוויי דערוואַקסענע זין האָבּן די שפּאַניער אויפגעהאַנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ און זיי זיינען געשטאָרבּן אין די שרעקליכסטע יסורים. זיין פאָטער האָט מען פאַרבּרענט לעבּעדיגערהייט פאַר אים אין די אויגן; דער טאָכטער זיינער, אַ בּילדשיינהייט, איז בּאַשערט געווען נאָך אַ שרעקליכערער גורל. וואַן-דער-וועלט האָט געהאַט וואָס צו געדענקען, געהאַט פאַרוואָס ניט צו שאַנעווען זיין אייגן לעבּן, דערפאַר מאַקע איז ער דאָך אַנטלאָפן פון טורמע, דערפאַר האָט ער צעריסען די קייטן און מיט די הענט אויסגעבּראָכן די גראַטעס, כּדי צו קענען דערמאָנען די שפּאַניער זייערע מעשים-טובים, וואָס זיי האָבּן געטאָן מיט דער בּרכה פון דעם פּויפּסט און דעם קעניג. און ער איז געווען ניט איינער. נאָך אַ סך פאַרצווייפעלטע זעלאַנדער האָבּן פאַרלוירן דורך די מעשים-תחועים פון די שפּאַניער זייערע קרובים און פריינד, זייערע היימען און הייזער, זייער גליק און רו, און האָבּן געזוכט דעם טויט, כּדי צו אַנטלויפן פון די שרעקליכע זכרונות. דעריבּער האָט קיינער ניט געקענט אַזוי שטאַרבּן און אַזוי בּאַגייסטערן צום קאַמף ווי זיי.

אַלץ, וואָס איז געווען אין שטאָט, האָט זיך געגרייט טייער צו פאַרקויפן דאָס לעבן. ווער עס האָט זיך ניט פאַרלאָזן אויף די אייגענע כּוחות, ווער עס האָט מורא געהאַט פאַרן טויט, ווער עס איז נאָך געווען צוגעבונדן כאָטש צו אַזאַ לעבן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די נידערלענדישע פּראָווינצן אַדאַנק די זעלבסטהערשערישע גזרות פון הערצאָג אַלבאַ, און אַדאַנק די גאָטספאַרכטיגע פּסק-דינים פון די אינקוויזיטאָרן; ווער עס האָט נאָך געפילט אַ טעם אין דעם לעבן צווישן שייטערס און אַנדערע מיתה-משונהס — איז ניט געבליבן אין עסטערדאַם. אַלע טאָג זיינען אויף די שיפן פון די געזן, וואָס פלעגן ברענגען פּראָוויאַנט, אַוועקפאָרן צעהנדליגע און הונדערטער אַנטרונענע מיט זייער ביסל אָרימקייט.

דער אַלטער בּירגערמייסטער פון עסטערדאַם, דער בּכבודיגער פּיטער אָלדעראָדע, אַ פאַרנעם אין שטאָט, האָט עפּעס גאָר פאַרגעסן איצט, אַז ער איז שוין אַ בן-שישים. ער האָט פאַרגעסן, אַז אין דער אונטערשטער שטאָט האָט פאַר אים אין די אויגן אָפּגעבּרענט זיין אַלט הויז, דער פאַמיליען-נעסט פון זיינע אורעלטערן און פון זיין געזינד, און אַז מיטן פייער איז אַוועק זיין טייערע בּיבּליאָטעק, וואָס ער האָט געזאַמלט צעהנדליגער יאָרן לאַנג, זיינען אַוועקגעקומען די בּיכער, וואָס ער האָט אַמאָל געשלעפּט אויף זיינע שטאַרקע און בּרייטע פּלייצעס פון אוניווערסיטעט צו אוניווערסיטעט, בּשעת ער איז געגאַנגען זוכן חכמה און וויסענשאַפט אין בּאַלאָניע, פּאַדוע, מאָנפּעליע — די בּיכער, וואָס האָבן אים אויסגעלערנט ווי אַזוי צו ווערן דער בּאַליבּטסטער מענטש אין שטאָט.

פּיטער אָלדעראָדע האָט אַצונד געלעבּט נאָר מיט איין געדאַנק, מיט דעם געדאַנק צו פאַרטיידיגן דאָס היימישע עסטערדאַם און צוגלייך אויך — די נידערלענדישע פרייהייט. ניט געקוקט אויף זיינע יאָרן און אויף דער גאַנץ היבּשער וואָג פון זיין מאַסיוון קערפּער האָט אָלדעראָדע זיך געטראָגן אויף זיין הייסן פערד פון איין עק שטאָט אין דעם אַנדערן. אָט האָט מען אים געזעהן אין שטאָטישן סענאַט און אין דעם סעניאָרן-ראַט, וואו מ'האָט זיך

געישובט וועגן דעם, ווי אזוי צו פאַרטיילן דעם פּראָוויאַנט, און אין א ווײַלע אַרום האָט ער שוין געהאַלטן א קורצע אָבער שטאַרקע רעדע אויף א פאַרזאַמלונג פאַר די עלטסטע פון די גילדעס און פאַר די דעקאַנען, געזעהן ביי זיי פועלן וואָס גיכער צונויפצוקלייבן געלט אויף צו באַצאָלן געהאַלט די געדונגענע דייטשע סאָלדאַטן, וואָס האָבן אויסגעמאַכט א גוטן פערט-חלק פון עמסטערדאַמער גאַרניזאָן. דאָ האָט ער געהאַט א ישוב-הדעת מיט די קאָמיסאַרן פון די קוואַרטאַלן וועגן צושטעלן אַרבעטער אויף צו פאַרריכטן די ווענט, וואָס ווערן הרוב פון דער באָמבאַרדירונג; דאָ האָט ער צוזאַמען מיט דעם שעף פון גאַרניזאָן, ואַן-סמיסען, און מיט די סענאַטאָרן פון שטאָט, אַרומגעקוקט די באַפעסטיגונגען אויף די שוואַכערע ערטער; און דאָ איז ער געלאָפן אין די קאַטאַקאָמבעס פון דער ציטאַדעל, וואו קליין און גרויס האָט געאַרבעט ביים אָנעקלייגן פעסער פולווער, באָמבעס און בליי.

פיטער· אָלדעראָדע האָט געהאַט אַרבעט איבערן קאָפּ, אָבער ער פלעגט זיי אָפּטאָן פּינקטליך און מיט א גרונד, וואָרום שוין דרייסיג יאָר—זינט ער האָט פאַרלאָזט די סטודענטישע באַנק, איז ער געוויינט געווען צו אַרבעטן פאַר געזעלשאַפטליכע ענינים. דאָס איז געווען א רירעוודיגער ענערגישער מענטש, א ברייטפּלייציגער און שטאַרק געבויטער, מיט רויטע באַקן און א גוטן, זעער קלוגן פּנים; צוליב זיין לעבעדיגקייט האָט ער אויסגעזעהן א סך יינגער פאַר זיינע יאָרן. דער אַלטער אָלדעראָדע איז אונזער גאַנצער אויפטוער—האָבן געזאָגט אויף אים די עמסטערדאַמער איינוואוינער. הערצאָג אַלבאַ האָט אים פון לאַנג אָן געהאַלטן פאַר אַן „אַלטן פוקס און פאַרפאַלענעם אַפּיקורס", אָבער ער האָט אים אַלץ ניט געקענט כאַפּן ביי דער האַנט, ביז פיטער אָלדעראָדע, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, האָט זיך אַריינגעריסן מיט א מחנה באַוואָפנטע בירגער און סאָלדאַטן אין דער פעסטונג פון שטאָט און האָט אַרעסטירט דאָרט דעם קאַפּיטאַן אַלוואַרעץ, דעם פידער פון דעם שפּאַנישן גאַרניזאָן, וועלכער איז צום טייל אויסגעהרגעט געוואָרן און צום טייל פאַרטריבן געוואָרן מיט גרויס חרפּה און בזיונות.

אין באלאגערטן עסטערדאם האבן אלע געהאט ארבעט איבערן קאפ. עס האבן געהאוועט, געשמייעט אלע מיטגלידער פון שטאטישען סענאט, און אויך דער לעצטער פון די בירגער איז ניט געזעסן מיט פארליינטע הענט. דער האט אויסגעלאדן די צוגעפירטע זאפאסן, דער האט געהאט צו שאפן ביים אויסריכטן די אנטרונענע און זייערע בעבעכעס אויף די שיפן; א דריטער האט איינגעארדנט דאס חייל אויף קווארטירן, א פערטער האט איינגעקויפט ביי די איינוואוינער פראוויאנט אויף די מארק־פרייזן. אויך די חיילס־לייט האבן געהאט גענוג וואס צו טאן, ווארים די שפאניער האבן שוין ניט איינמאל געפרובט נעמען די שטאט אין שטורים אדער אפשניידן זי פון ים, איינ־נעמענדיג די גרייסע דאמבע, „די פעפערין". די הארמאטן האבן אָן אַן אויפהער געדונערט איבער עסטערדאם, און זייער דונערן האט זיך אזוי ווי פארמאסטן מיט דעם רעש פון ים. דער צו־טריט צו דער שטאט פון פאזע דער אזערע איז באלד אפגע־האקט געווארן, ווייל דעם קעגנאיבערדיגן ברעג האבן שוין פארנומען די שפאניער. אינגיכן איז אויך „די פעפערין" ארייננעפאלן צו זיי אין די הענט. א ראטע שפאנישע וועטעראנען, באהארצטע אויף לעבן און טויט, האבן אומגעריכטערהייט פאר־נומען די דאמבע, אפגעווארפן די מחנה געדונגענע דייטשן, וואס האבן זי פארטיידיגט, און אויפגעשטעלט אויף איר א גאנצע ריי באפעסטיגונגען און טראנשייען, און אפילו די העלדישע זעלאנ־דער האבן פון דארטן ניט געקאנט ארויסשלאגן די שפאניער.

אזוי האט זיך אנגעהויבן די רעגולערע באלעגערונג פון עסטער־דאם, וואס איז אזוי ווי מיט אן אייזערנעם רינג געווען ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט חייל פון צוואנציג טויזנט שפאניער.

אין דער שטאט האט געווימלט אזוי ווי אין א גרויסן מילבנ־שטאק. די פלעצער און גאסן זיינען געווען פול מיט מענטשן. דא האט מען געלערנט רעקרוטן תכסיסי מלחמה; דארטן האט מען אויף כל צרה שלא תבא געמאכט ערדענע וואלן הינטער די ווענט פון דער פעסטונג, און אין א דריטן ארט האט מען צוגעגרייט א סאניטארן פונקט. מ'האט אויך גע־דארפט באווארענען,

וואו און ווער זאָל באַשטאַטן די הרוגים, וואָס זיינען געפאַלן אַלע טאָג. מ׳האָט אויך געדאַרפט זוכן מיטלען קעגן דער שטענדיגער סכנה אומצוקומען פון פייער, ווארים די שפאַנישע גראַנאַטן האָבן שוין אין עטליכע ערטער שיר ניט אונטערגעצונדן די שטאָט.

אָנגעלערנט דורך דעם טרויעריגן ביישפיל פון האַרלעם, האָט דער שטאָטישער סענאַט באַשלאָסן תיכף צו דערגיין געניי און פינקטליך, ווי גרויס איז דער זאַפּאַס עסנוואַרג אין עסטערדאַם און ווי לאַנג די איינוואוינער קאָנען דורכלעבן, ניט מורא האָבנדיג פאַר הונגער. ס׳איז געבליבן אויפצוקויפן די גאַנצע פראָוויזיע ביי אַלע בירגער, צעטיילן זי אויף פּאָרציעס—פאַר מאַנסביל גרעסערע, פאַר פרויען און קינדער — קלענערע — און דערנאָך אַרויסגעבן די דאָזיגע פּאָרציעס טעגליך.

ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פראָוויאַנט איז סך־הכל געווען אויף 3 חדשים און 15 טעג.

ס׳איז געגאַנגען דער חודש סעפּטעמבער. דאָס וועטער איז געווען טריב און פויל. איבערן אָקעאַן איז שטענדיג געהאַנגען אַ נעפּל. דער הימל איז געווען באַלעגערט מיט גרויע וואָלקנס. אָפט האָט גערעגנט און דער אַזוי אויך גענוג פייכטער באָדן איז געוואָרן אַן אמתער זומפּ.

די קאַנאָנאַדע פון שפּאַנישן לאַגער האָט ניט אויפגעהערט. טאָג אין טאָג אוים איז אויך געגאַנגען אַ שיסעריי פון ביקסן. ס׳איז כמעט ניט געווען דער טאָג, מ׳זאָל ניט מאַכן קיין אויספאַל, און אָפט פלעגט קומען צו אַ געראַנגל ברוסט קעגן ברוסט.

די פאַרטיידיגער פון עסטערדאַם האָבן געאַרבעט אַזוי ווי די שדים. די אַזוי אויך גענוג הויכע ווענט פון דער שטאָט האָבן זיי וואו ניט וואו געמאַכט נאָך העכער. הינטער דער ערשטער שורה ווענט איז גיך אויסגעוואַקסן אַ צווייטע, געמויערט פון די שטיינער פון די הייזער, וואָס די שפּאַניער האָבן צעשטערט. אויף די ווענט פון דער פעסטונג און אין די טורימס אירע האָט מען געמאַכט מוראדיגע אויוונס מיט גרויסע קעסלען, וואו מ׳זאָל קענען שמעלצן צין און בליי, קאָכן חלב און פעך, צו שפּריצן דער מיט אויף די שפּאַניער, ווען זיי וועלן גיין שטורימען די פעסטונג. מ׳האָט

אויף אנגעגרייט א מאסע דורכגעפעכטע רייפן צו—ווארפן אָנגעצונ־דענערהייט די שפאניער אויף די העלזער.

די עסטערדאמער האָבן אַלץ געוואַרט און געוואַרט אויף א שטורים פון דעם שונא. אָבער פרעדעריק דע טאָלעדאָ האָט אפילו ניט געטראַכט צו ריזיקירן. ער האָט באַשלאָסן אויסצוואַרטן א זיכערן נצחון און האָט אים ניט געוואָלט שטעלן אין קאָן.

„די צייט און איך אַרבעטן צוזאַמען"—האָט ער איבערגעחזרט זיין פאָטערס ווערטער.

דער אייגענער ריגג פון די שפאַניער האָט וואָס אמאָל ענגער צונויפגעדריקט די שטאָט. די שונאים זיינען געשטאַנען פנים אל פנים און האָבן אויף עפעס געוואַרט. די עסטערדאמער האָבן זיך ניט אונטערגעשטעלט אָנצופאַלן. די שפאַניער זיינען ניט געגאַנגען שטו־רימען. זיי האָבן געוואָלט נעמען די שטאָט מיט הונגער.

ס'איז אַוועק דער חודש אָקטאָבער, אַוועק אויך נאָוועמבער. די האַרמאַטן און ביקסן האָבן געדונערט טאָגטעגליך, אָבער דאָס זיינען אַלץ געווען קליינע שיסערייען, ניט קיין אמתע שלאַכטן. אין שטאָט האָט זיך נעגאָסן א סך מער טרערן ווי בלוט. דאָס, וואָס האָט לכתחילה אויסגעוויזן אַזוי ווייט און אַזוי אומבאַשטימט, איז געוואָרן וואָס אמאָל קלערער. ס'האָט זיך אָנגערוקט עפעס שרעקליכעס אומזי־ניגעס; א שרעקליכער פריצייטיגער טויט, אפשר אונטער אַזעלכע עינויים, וואָס נאָר אַ געניטער תלין איז זיי פעאיג אויסצוטראַכטן.

און די שפאַניער זיינען דאַן געווען בריות אויף אויסצוטראַכטן ענויים. זיי האָבן דאָס באַשיינפערליך דערוויזן אין ראָטערדאַם און מעכעלן, און צוטפען און נאַארדען. ס'בלייבט, קיין אַנדער ברירה ניט: אָדער מיט געווער אין די הענט אָדער שטאַרבן אין עינויים.

וואָס גרעסער ס'איז געוואָרן דער פחד פאַר'ן טויט, וואָס קלאָרער ס'איז געוואָרן די סיטואַציע, אַלץ שטאַרקער האָט זיך צעברענט די פאַרביסנקייט פון פאָלק.

דאָס איז שוין ניט געווען קיין ברען העלדישקייט, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן ביי איינצעלנע פערזענליכקייטן, וועלכע זיינען מסוגל צו באַגייסטערן א מאַסע. דאָס איז געווען א שטימונג פון מאַסן־העראָאיזם און צוגלייך אויך — א שטימונג פון פאַרצווייפלונג. ס'האָט שוין גע־

טראַכט ניט אַזוי וועגן טויט, ווי וועגן קאַמף, וועלכער וועט — אפשר? ווער ווייס? — ברענגען אַ נצחון.

יעדער טאָג פלעגט אַ פאַרפלוינענע קויל ליינן אַ אומפאָרזיכטיגן העלד. יעדער טאָג זיינען צוגעקומען נייע פאַרוואונדעטע. יעדער טאָג האָט מען באַווינט נייע קרבנות.

דערהויפט שרעקליך זיינען געווען די נעכט. דאָס זיינען געווען שעהן פון פיינליכער אָנשטרענגונג און דערוואַרטונג. אַלע האָבן געוואַרט אויף אַ שטורים. די שלאַכט-געניטע סאָלדאַטן פלעגן זיך מיט די אויגן איינעסן אין דעם חושך. פונדערווייטנס האָט זיך דערטראָגן דער רעש און גערודער פון די בייזע כוואַליעס, וואָס האָבן געפּראַלט אויף דער דאַמבע. אין דעם וייטן נעפּל האָבן געפינקלט די וואַכנפייערן פון די שפּאַניער, פון זייער לאַגער האָבן זיך געטראָגן וואוילינגערישע אויסגעלאַסענע לידער פון מענטשן וואָס האָבן פאַרלוירן יעדן פונק גלויבן אין היילינקייט און גוטס, אָדער פינסטערע קאַטוילישע הימנען, וואָס האָבן דערמאָנט אָן אינקוויזיטאָרן און שייטערס, וואַרפנדיג אַן אימה אויף אַלע הערצער. די פייערלאַך אויף די ווייטע בערגלאַך האָבן געצאַנקט אַזוי ווי די שטערן, טרויעריג האָט געשלאָגן דער זייגער אויף דעם טורים פון דער היילינער גודולע, און נאָך שרעקליכער, נאָך מרה-שחורהדינער האָבן אויסגעוויזן די אָפּגעברענטע חורבות פון דער אונטערשטער שטאָט.

פרייווילינע פון עסטערדאַמער גאַרניזאָן פלעגן זיך אָפט פאָרזיכטיג אַראָפּגידערן אין די דאָזיגע חורבות און זיך אַרומגעבלאָנקעט דאָרט, וואַרטענדיג אויף אַן אָנפאַל פון די שפּאַניער. מיט זייער טויט האָבן זיי געוואָלט פאַרהיטן די פאַרטיידיגער פון דער היימישער שטאָט פון אַן אומגעריכטן איבערפאַל. אָפט פלעגט זיך טרעפן, אַז פלוצלונג, אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, פלעגן צווישן די חורבות זיך דערהערן פאַרצווייפעלטע קולות, און ביקסן האָבן געקנאַלט, אין דער פינסטער האָבן זיך געצונדן די פייערלאַך פון די שאָסן; ס'האָט זיך געהערט דער געקלאַנג פון געווער, קרעכצן און קללות. דאַן פלעגן אָנהייבן דונערן די האַרמאַטן פון די שפּאַנישע פּאָזיציעס און די האַרמאַטן פון דער פעסטונג האָבן

אפגעענטפערט. אין א שעה צוויי ארום פלעגט אלץ ווידער שטיל ווערן. אנהויבן אן אמתן קאמף האט נאך אלץ קיינער ניט געוואגט.

טיילמאל פלעגט אויך בייטאג אויסברעכן א שיסעריי, ניט צו וויסן, ווער האט זי אנגעהויבן. אבער ס'איז געווען אין שאס, און ביידע צדדים זיינען געווען אויף די פיס. אלע האבן זיך געגרייט און אלע האבן געווארט.

און אזוי זיינען געגאנגען טעג נאך טעג, וואכן נאך וואכן, די זאפאסן עסנווארג, וואס מ'האט צונויפגעזאמלט אין עסטערדאם, זיינען געווארן אלץ קנאפער, די באלעגערטע האבן שוין געפילט, אז ס'דערנעהענטערט זיך דער אנהייב פון סוף.

דעם דריטן יאנואר וועט מען האבן אויפגעגעסן די לעצטע פארציעס.

און פון ווילהעלמען איז ניט געווען קיין שום ידיעה, וואו איז ער? וואס טוט ער? וועט זיך אים איינגעבן צו געפינען בונד-חברים, צונויפזאמלען חייל און אראפנעמען די באלעגערונג פון עסטערדאם? אלע האבן געווארט אויף וואס פאר א ניט איז ידיעה, אבער — אין קול ואין עונה.

ערשט דעם 20-סטען דעצעמבער האט זיך איבער שטאט אזוי ווי א בליץ צעטראגן א בשורה. אז ביים ראטהויז האט מען געכאפט א טויב מיט א קליין בריוועלע. דאס בריוועלע איז געווען פון „פאטער ווילהעלם". אין בריוועלע האט ווילהעלם זיך געבעטן רחמים ביי די עסטערדאמער, זיי זאלן זיך האלטן ביז לעצט.

„האלט זיך — האט ווילהעלם געשריבן — ווארים אן אייער פעסטקייט ווענדט זיך דער גורל פון דריי פראווינצן און פון דער גאנצער נידערלענדישער פרייהייט. איך קאן דער שינא ניט מיידן, ניט זשע אים דעם געהעריגן ווידערשטאנד! איר ראנגלט זיך פאר א גרויסע זאך — פאר אייער פרייהייט, פאר אייער רעכט! און ווען עס זאל אפילו אויסקומען צו פאלן פאר דער הייליגער זאך — דארפט איר וויסן זיין, אז טאמער וועלן מיר ניט אויספירן, וואס מיר חילן, וועט סיי ווי סיי אונז דאס לעבן ניט איינגיין. קעמפט זשע אלע, ניט שאנעוועט קיין קרבנות איר מענער, פרויען, יונג און אלט, קינד און קייט!"

„די שפּאַניער זיינען אויך אויסגעמאַטערט פון דער באַלע-גערונג. אין שפּאַנישן חייל הערשן בונטן און קראַנקהייטן. די שפּאַניער איז ניט בעסער פון די נידערלענדער. אפילו דאָס דערשלאָגענע בלינדע, אונטערדריקטע שפּאַנישע פאָלק הייבט שוין אָן צו מורמלען, קאָן ניט אויסהאַלטן די אַלע שטייערן און אָפּצאָלן. האַלט זיך שטאַרק און פעסט, וועלן מיר מנצח זיין, ניט זיי! אונזער לאַנד וועט זיין פריי! איך זאַמל חייל און שפּעטסטענס אין אַנדערטהאַלבן חדשים אַרום קום איך אייך צו הילף!...

דאָס פאָלק איז מאַסנוויז געלאָפן צום ראַטהויז. אויף זיין מאַסיוון געמויערטן גאַניק איז געשטאַנען דער אַלטער אַלדעראָדע און שוין אפשר צום הונדערטסטן מאָל געלייענט אויפן קול ווילהעלמס בריוו. ער איז הייזעריג געוואָרן לייענענדיג, די גרויע האָר זיינען אים געפאַלן אויפן שטערן, אין לאָקן אַראָפּגעהאַנגען פון אונטער דעם ברייטן הוט, דאָס פּנים האָט אים געפלאַמט.

— אַנדערטהאַלבן חדשים, חברים און פריינד! — האָט ער געשריען. — ניט מער ווי אַנדערטהאַלבן חדשים! וועלן מיר דען ניט קענען ווי עס איז אַריבערקומען די דאָזיגע צייט? דערפאַר וועלן מיר דאָך דערנאָך האָבן די פרייהייט!

דאָס פאָלק האָט אַרומגערינגלט דעם אַלטן בירגערמייסטער. דער הויכער גאַניק פון ראַטהויז איז געווען באַזעצט מיט מענטשן; מ'האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף די מאַסיווע געזימסן, אויף די געשניצטע קאָלאָנעס, באַפּוצטע מיט גאָטישע אָרנאַמענטן. אַלע האָבן געוואָלט ניט נאָר הערן און זעהן, נאָר אויך אַליין עפּיס זאָגן. אין דער מאַסע האָבן זיך דורכגעוואָרפן אומעטיגע בלאַסע פּנימער, הושך פון ניט דערעסן און אויפרעגונגען. אָבער אפילו אויף די דאָזיגע פּנימער איז געווען אָנגעשריבן אַ אַנטשלאָסענקייט צו האַלטן זיך ביז לעצט. אמת, אַזאַ לאַנגע באַלעגערונג מיט איר הונגער איז שרעקליך, אָבער נאָך איר וועט קומען די פרייהייט!

— לעבן זאָל אונזער פרייהייט! — האָט עמיצער אויסגערופן; און די גאַנצע מאַסע האָט אונטערגעכאַפּט דעם אויסרוף. הילכיגע

אויסגעשרייען האבן זיך צעטראגן איבער אלע גאסן, זיך אריבערגעקייקלט איבער די ווענט פון דער פעסטונג, געגרייכט אין די סארוואָרפענסטע ווינקעלאך פון דער באלעגירטער שטאט. און אזוי ווי זיך איבערגעשראקן פאר די דאזיגע קולות, האט פון שפאנישן לאגער א דונער געטאן א הארמאט. נאך אים א צווייטער און א דריטער. א שווערע באמבע איז געפאלן סאמע ביים טויער פון דער וואנט ארום שטאט. עס האט א שמעטער געטאן די פויק, א שאל געטאן די סיגנאלן פון די טרומייטן, מחנות באוואפנטע מענטשן זיינען געלאפן איבער די גאסן פון שטאט צום ציטאדעל.

—לעבן זאל אונזער פרייהייט און רעכט! האבן געהילכט טויזנטער שטימען.

ווייבער, זקנים, קינדער—אלע זיינען געווען גרייט צו גיין כאטש באלד אין בלוטיגן קאמף אויף לעבן און טויט, „פאר אונזער פרייהייט און רעכט!"

דאס שפאנישע חייל, פארחלשט פון קעלט, פייכטקייט און קראנקהייטן, האט געמאכט נאך א פרוב צו נעמען עסטערדאם מיט א אומגעריכטן שטורים. זיי זיינען צוגעטראטן צו דער שטאט פון צוויי זייטן, אבער מ'האט זיי אפגעשלאגן מיט גוואלדיגע אבידות.

אין די צייט איז געגאנגען. ניי-יאר איז אוועק. די טעגליכע פארציעס זיינען פארקלענערט געווארן אין צוויי מאל. שוין לאנג ווי קיינער האט ניט געגעסן צו זאט; אלע זיינען אפגעקומען מיט שהי-פהי, קוים דערהאלטן די נשמה. מאנכע פון די דרייסטערע האבן געכאפט פיש ביי די ווענט פון דער פעסטונג, פאר די שפאניער אין די אויגן, אונטער זייערע קוילן. די נאך באהארצטערע פלעגן זיך נאך ארויסכאפן פון שטאט און אנפאלן אויף שפאנישע אבאזן. א פאר מאל האט זיך איינגעגעבן אפצושלאגן און צושטעלן אין שטאט אריין עטליכע קארעם ברויט און אפארטיע פיך. א צוויי דריי מאל זיינען די געוואגטע קאמפאניעס, וואס האבן זיך אונטערגעשטעלט אויף אזא ריזיקאלישער זאך, פארטיליגט געווארן ביזן לעצטן מאן. דערפאר האט זיך איינמאל

איינגעגעבן אָפּצושלאָגן בײ די שפּאַניער אַ האַרמאַט, און מיט גרויס פאַראַד האָט מען אים געבראַכט אין שטאָט אַריין.

אין שטאָט האָט זיך געוויזן אַ שרעקליכער אונטערגאַנג — דער הונגער־טיפוס. פאַרחלשטע פאַר הונגער, האָבן זיך מענטשן געוואַלגערט אין די הייזער און אַפילו אין די גאַסן. די מגפה האָט אַוועקגעריסן נאָך מער קרבנות, ווי די ביקסן און האַרמאַטן.

און פראָוויזיע איז געוואָרן וואָס פון טאָג ווייניגער. וואָס מ׳פלעג אַמאָל אויפעסן אַ טאָג, איז איצט געווען אויף צוויי און פיר.

אַ סוחר האָט געהאַט ליגן עטליכע הונדערט פונט לײַן־זוימען, האָט מען דאָס איינגעטיילט אין פּאָרציעס אַ פונט אויף אַ מענטשן...

און פון ווילהעלמען איז אין קול ואין עונה.

איינמאָל, אין אַ גרויסן קאַלטן טאָג, האָט פאַרן שטאָט־מויער אַ שמעטער געטאָן דער שאָל פון אַ קריגס־טראָמפּייט. צום מויער זיינען צוגעריטן עטליכע מאַן שפּאַניער מיט ווייסע בענדער איבערן אַקסל: זיי האָבן אַוועקגעלייגט אויף אַ שטיין אַ פּאַפּיר, נאָכאַמאָל געבלאָזט טרומייט און האַסטיג אַוועקגעגאַלאָפּירט צו זיך אין לאַגער אַריין.

דאָס פּאַפּיר איז געווען אַ פּראָקלאַמאַציע פון הערצאָג אַלבאַ.

„אייך איז גוט באַוואוסט — האָט אַלבאַ געשריבן — אַז אונזער גנעדיגסטער קיניג האָט ניט איינמאָל אַרויסבאַוויזן זיין פאַרלאַנג ווידער אומקערן צו זיך זיינע פאַרבלאָנדזשעטע זין. זיין מאַיעסטעט פאַרזיכערט אייך ווידער אַמאָל, אַז אייערע זינד, מעגן זיי זיין ווי שוואַרץ, וועלן פאַרגעבן און פאַרגעסן ווערן אין דעם קיניגליכן חסד און באַרימהאַרציגקייט, אויב איר וועט נאָר חרטה האָבן און זיך באַצייטנס אומקערן אונטער די פליגלען פון זיין הוד מלכות. אייערע פאַרברעכן זיינען גרויס און שווער, אָבער זיין מאַיעסטעט מיט זיך פאַר אייך, אַזוי ווי אַ הון, וואָס זוכט צו ראַטעווען אירע הינדעלאַך אונטער איר מוטערליכן פליגל. דער קיניג לייגט אייך נאָכאַמאָל פאָר, איר זאָלט זיך איבערענטפערן אין זיינע קיניגליכע הענט, ניט וואַרטן אויף זיין גרימצאָרן און אַכזריות, אויף זיין רציחה און וואָט, אויף דעם אַריינפאַל פון זיין אַרמײ אין שטאָט אַריין.

„אויב אָבער—איז געשטאַנען חייטער אין פּאַפּיר—איר וועט אָפּוואַרפן דעם דאָזיגן באַרימהאַרציגן פאָרשלאָג און וועט אים אויפנעמען מיט פאַרלייגטע אויערן, אַזוי ווי ביז אַהער, זיינען פיר אייך מתרה, אַז קיין שום אַכזריות, קיין שום שטראָף וועט ניט זיין צו האַרב פאַר אייך. אונזער שווערד וועט מאַכן אַ תל פון אייער האָב און גאָב; זיין מאַיעסטעט וועט פאַרלענדן און פאַרוויסטן אייער לאַנד און שטאָט און וועט באַזעצן דאָרטן פרעמדע. וואָרים דער ווילן פון גאָט און זיין מאַיעסטעט מוז געשעהן”.

צום סוף האָט הערצאָג אַלבאַ פאָרגעלייגט די חשובע אַדללייט און די רייכע בירגער אַרויסצוגיין פון שטאָט און קומען תשובה טאָן אין שפּאַנישן לאַגער אַריין דערפאַר האָט פרעדעריק דע-טאָלעדאָ מבטיח געווען, אַז די וואָס• וועלן קומען בעטן מחילה, וועט מען אומקערן זייער עשירות און פאַרמעגן.

אויך די פּראָקלאַמאַציע האָט דער אַלטער אָלדעאָרע פאָרגעלייענט פון דעם גאַניק פון ראַטהויז אַראָפּ פאַר דעם גאַנצן פאָלק. די אויפגערייצטע קולות פון המון האָבן אים ניט געלאָזט ענדיגן לייענען. איינער האָט אַרים געטאָן די פּראָקלאַמאַציע דעם אַלטן בירגערמייסטער פון די הענט׳ און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיך די פּיצפּיצלאַך פּאַפּיר צעפלויגן מיטן ווינט.

פונדעסטוועגן איז צוזאַרנגם אַרויס אַ שם, אַז פיר אַדלייט, וואָס האָבן געהאַט נחלות אַרום עסטערדאַם, און אַ רייכער סוחר זיינען בסוד אַרויס פון שטאָט תשובה טאָן פאַר פרעדעריק דע-טאָלעדאָ.

די מיטגלידער פון דעם שטאָטישען סענאַט האָבן זיך געלאָזט קאָנטראָלירן די דאָזיגע קלאַנגען. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די מעשה איז אמת.

תיכף-ומיד האָבן די שטאָט-ריכטער אַרויסגעטראָגן אַ פּסק: די אַנטלאָפענע האָט מען אויסגעשלאָסן פון דער צאָל עסטערדאַמער בירגער, פאַרמשפּט אויף פאַרשיקט צו ווערן אונטער דער מורא פון טויט-שטראָף. זייער פאַרמעגן זאָל פאַרטיליגט ווערן, און זייערע נעמען—אויסמעקן פון דעם אַלטן שטאָט-פּנקס.

א מחנה מענטשן האָבן זיך אַלאָז געטאָן צו די הייזער, וואָס האָבן געהערט צו די אַנטלאָפענע, און האָבן ניט איבער־געלאָזט פון זיי אַ שטיין אויף אַ שטיין.

און אין דער איינענער צייט האָט זיך אין שפּאַנישן לאַגער אָפּגעשפּילט אַ שרעקליכע סצענע. אויף איינעם פון די גרעסטע רעדוטן האָט מען אויפגעשטעלט צוויי הויכע זיילן מיט אַ איבערגעלייגטער באַלקע. אויף דער דאָזיגער תליה, גוט געזעהען פון דער פעסטונגס־וואַנט, האָט מען אויפגעהאַנגען די פינף מענטשן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון עסטערדאַם צו ראַטעווען זייער לעבן.

צוגעמשפּט זיי צום טויט, האָט דאָן פרעדעריק דע־טאָלעדאָ אויסגערופן בקול רם, אַז „דער קריסטליכסטער קיניג פיליפּ, אין זיין גרויס חסד, איז זיי מוחל זייער אָנטייל אין דער פאַרטיי־דיגונג פון עסטערדאַם; ער קאָן אָבער בשום אופן זיי ניט מוחל זיין די עבירות, וואָס זיי האָבן געטאָן פאַר אַ יאָרן און פאַר צוויי יאָרן“. די עבירות האָט ער דערביי ניט אויסגערעכנט.

די איינוואוינער פון עסטערדאַם האָבן פינף טעג נאָכאַנאַנד געקענט זעהן פינף קערפּערס, וואָס האָבן זיך געוויגט אויף די שאַנד־סלופּעס.

ס'איז אַוועק נאָך אַ וואָך—אַ וואָך פון די מוראדיגסטע יסורים און פּיין. מ'האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס פאַר שוואַכקייט. איבער דער שטאָט האָבן זיך געבלאָנקעט ניט קיין מענטשן, נאָר שאָטנס—בלייכע פאַרהלשטע שאָטנס, אויף מאַנכע פּנימער איז שוין געלעגן דער חותם פון טויט.

אַלע טאָג האָט מען אויף די גאַסן פון עסטערדאַם גע־קענט צוזעהן האַרצרייסנדיגע סצענעס; דאָ איז געפאַלן פון הונגער אַ פאַרחלשטער אַלטער; דאָ האָט זיך געצאַפּלט אין דער גסיסה אַ פאַרהונגערטע פרוי, אין די גאַסן האָבן זיך געוואַלגערט קערפּערס פון מענטשן, וואָס זיינען געשטאָרבן פון טיפוס.

די לעבן געבליבענע האָבן מיט אימה געקוקט אויף די דאָזיגע סצענעס און געטראַכט ווען וועט שוין קומען זייער ריי.

און אַ סך האָבן זיך טאַקע דערוואַרט אויף זייער ריי.

אָבער וועגן אונטערגעבן זיך האָט קיינער אַפילו פאַרן מויל ניט געבראַכט.

פרעדעריק דע־טאָלעדאָ האָט ניט איינמאָל פאָרגעלייגט די עסטערדאַמער זיך אונטערצוגעבן, און פלעגט באַקומען אַזאַ תשובה: „כּל־זמן אין שטאָט וועט בלייבן כאָטש איין לעבעדיגער מענטש, וועלן מיר זיך ראַנגלען פאַר אונזער פרייהייט און רעכט”.

און פון ווילהעמען זײַנען אונטער דער צייט געקומען צו פליען נאָך עטליכע טויבן מיט גוטע נייַס. ווילהעלם האָט שוין געפונען בונד־חברים; ווילהעלם זאַמלט שוין חייל. געלויבט איז גאָט — דער טאָג פון באַפרייאונג איז שוין ניט ווייט!

אָבער צוזאָגנדיג באַפרייאונג, האָט ווילהעלם אַזוי ווי פריער, געבעטן די העלדישע בירגער פון עסטערדאַם ליידן און וואַרטן — וואַרטן נאָך צוויי וואָכן!

ביי דער דאָזיגער ידיעה האָט אַפילו ביי די מוטיגסטע אַ ציטער געטאָן דאָס האַרץ. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז נאָך צוויי וואָכן וועט די שטאָט ניט אויסהאַלטן.

דער טויט האָט זיך גענעהענט מיט שנעלע טריט — אַ טויט די העלדישע פאַרטיידיגער פון עסטערדאַם, אַ טויט זייער הייליגער זאַך, אַ טויט דער פרייהייט פון נידערלאַנד.

און אויפן קלויסטער־טורים פון דער הייליגער גודולע האָבן די קוראַנטן טרויעריג־בעטענדיג געשפּילט דעם קאַפּיטל תהילים כ״ב, איבערגעלייגט אויף מוזיק פון מאַראָ:

„אלי אלי, למה עזבתני?”

קאפיטל דריי.

ווייט פון מענטשליכן הו-הא.

אין דער אייגענער צייט, אין דעם אייגענעם עסטערדאם האט געוואוינט א אויסטערלישער מאן, איינער פון די מענטשן, וואס קאנען פרוכטבאר ארבעטן, אומבאמערקט לעבן און העלדיש שטארבן. דער דאזיגער מענטש האט געהייסן וואלטער ראמעניוס.

אין עסטערדאם האט ער שוין געלעבט א צייט מיט יארן. פון געבורט איז ער געווען אן אמתער האלענדער, אבער פון וואנען איז ער געקומען קיין עסטערדאם — דאס האט זעלטן ווער געוואוסט. דער אלטער האט ניט ליב געהאט צו דערמאנען די פארגאנגענהייט. געוואוסט האט מען נאר, אז וואלטער ראמעניוס איז א גרויסער געלערנטער, אז ער איז א בקי אין מאטעמאטיק, אסטראנאמיע און אינזשעניריע, אז ער האט אמאל ביי-געוואוינט די באלאגערונג פון טיאנוויל דורך הערצאג גיז, אז ער האט אמאל ערגעץ געארבעט צוזאמען מיט די בארימטע אינזשעניערן פון יענער צייט — מיז פאטשעאטא, אורביגא און אנדערע, אז ער האט ביי זיך דאנקבריוו וואס גראף עגמאנט האט אים געגעבן נאך דער שלאכט ביי סען-קאנטען. נאך האט מען געוואוסט, אז אמאל האט וואלטער ראמעניוס געהאט עפעס סיכסוכים מיט קארדינאל גראנווילנא, און מיט דעם פרעזידענט פון דעם גרויסן ראט אין מעכעלן — לווירענס, וועלכער פלעגט זיך גרויסהאלטן דערמיט, וואס ער האט די וויסענשאפט פיינט תכלית שנאה. ווייטער האט מען דערציילט, אז וואלטער ראמעניוס האט אמאל געהאט גרויסע צרות פון דער אינקוויזיציע, איז נאר על-פי נס ניצול געווארן פון איר אויף א ענגלישער שיף, זיך, אויסבאהאלטן ערגעץ-וואו גאנצע זעקס — זיבן יאר, דערנאך איז ער אנגעקומען קיין עסטערדאם, געקויפט אן אלט האלב אייגעפאלן הויז אין צענטער שטאט און האט זיך

געמאַכט אין אַט דער חורבה אַ גאַנץ באַקוועמע און געמיט־ליכע וואוינונג.

דאָס הויז איז געווען אַ שווערפעליגער און אומגעלומפּער־טער מיטלאַלטערליכער בנין, מער ענליך צו אַ פעסטונג, ווי צו אַ מענטשליכער דירה. דער משונהדיגער ציגלגערעקטער דאַך, די שמאָלע פענסטער, וואָס האָבן אויסגעזעהן ווי שיס־לעכער און זיך פאַרליגט מיט שווערע אייזערנע לאָדנס, די מאַסיווע טירן פון דרויסן באַשלאָגן מיט אייזן, זיי האָבן געהאַט אַ קנאַפּן חן אפילו ביי די קליינע מפונקים פון XIV יאָרהונדערט. אַ לאַנגע צייט האָט וואַלטער ראַמעניוס עפּעס געבויט און געמייסטערט אינווייניג אין הויז. די שכנים האָבן געוואוסט, אַז ביי אים אַרבעטן מולערס, בויען עפּעס אַמאָדערנעם, אויסטערלישן מין אויוון. אויפן דאַך פון הויז האָט מען אַוועק געשטעלט אַ משונהדיגן טורים מיט גרויסע פענסטער. דורך די דאָזיגע פענסטער האָט מען געקענט זעהן עפּעס קופּערנע רייפן אַזעלכע, רעדער, אַ משונה גרויסע שפּאַקטיוו אויף פיסלאַך און נאָך עפּעס. אוונטצייט, אין אַ שיי־נעם וועטער, פלעגן זיך די פענסטער פון טורים עפענען, די שפּאַקטיוו האָט זיך דערהויבן צום הימל, און ביי איר איז גע־זעסן וואַלטער ראַמעניוס, וואָס פלעגט שעהנלאַנג קוקן דורך איר אויפן אויסגעשטערנטן הימל־געוועלב.

מאַנכער איינוואוינער פון עסטערדאַם האָט שוין געהאַט אַ שטיקל ידיעה אין דער „הויכער חכמה" (אַסטראָנאָמיע) און האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, מיט וואָס וואַלטער ראַמעניוס איז זיך עוסק. אָבער דאָס רוב האָבן אין דעם קיין השגה ניט גע־האַט. אַ סך האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ פאַרפאַלענעם און אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער וויכט פון מענטשן.

אין גאַנץ שטאָט האָט וואַלטער ראַמעניוס ניט געהאַט כמעט קיין שום באַקאַנטע, פון פריינד שוין ניט צו רײדן. בלויז דער אַלטער בירגערמייסטער אַלדעראַדע איז געווען שטאַרק באַ־פריינדעט מיט ראַמעניוסן און האָט אַפטמאָל מיט שפּאַץ זיך גערופן „דער פריינד פון דעם גרויסן געלערנטן". און באמת טאַקע, זיינען די אַלטע פריינד געווען צונויפגעטראָגן צווישן זיך

שוין א צייט מיט יארן. נאך אמאל, יונגערהייט, האט פיטער אלדעראדע מיט וואלטער ראמעניוסן צוזאמען געוואנדערט איבער די אוניווערסיטעטן, „זיך געיאגט נאך דער וויסענשאפט”, ווי אל־דעראדע פלעגט זאגן אין שפאס. ראמעניוסן האט געצויגן צו מאטעמאטיק, אלדעראדען — צו יוריספרודענץ און פילאסאפיע. מיט א קלומיקל אויפן אקסל, מיט ביכער אין די הענט, טייל־מאל האלב־הונגעריג, בארוועס, אין צעריסענע אפגעטראגענע קליידער זיינען זיי אויסגעוועזן אין פיזע און באלאניע, און מאנ־פעליע, היידעלבערג, אקספארד און אפילו אין ווין, זיך געדרענגט צוזאמען מיט נאך הונדערטער און טויזנטער אנדערע יונגעלייט ביי פארשיידענע גדולים פון וויסענשאפט און געראנק, דארש־טיג אויפגעכאפנדיג יעדעם ווארט זייערס, און ממלא געווען מיט אייגענע מיטלען דאס, וואס איז געווען טונקל און אומפארשטענ־ליך אין זייערע רעדעס. ראמעניוס איז אפילו געווען אין פולדער קלויסטער, וואו ס'האט זיך אמאל געלערנט אולריך פאן־גוטן, וועלכער איז געווארן אלדעראדעס אידעאל. אלדעראדע און רא־מעניוס האבן צוזאמען איבערגעטראגן אלץ, וועס א סטודענט פון יענער צייט האט נאר געקענט איבערטראגן. הונגער, דחקות, קרענק, בזיונות. שטאמענדיג פון אלטן גרויסן יחוס, איז אלדע־ראדע געווען אפילו אין שפאנישן הויף און וואלט זיך געקענט מאכן א גלענצענדע קאריערע, פארנעמען זייער א ווארים ערטעלע אלס שטאטהאלטער פון א וועלכער עס איז פראווינץ, אבער אלדעראדע האט דערצו קיין חשק נישט געהאט, און ראמעניוס — א זון פון א פשוטן האלנדישן בירגער, אפילו קיין רעכט אויך ניט נאך סטודענטנוויז האבן ביידע פריינד זיך ניט געקענט אפרייסן פון די ווערק פון עראזם, פון ראטערדאם, פון ליוטער און אנדערע ליכטער פון יענער צייט, באזונדערס פון די ארבעטן פון לאוו־רענטיוסוואל, וועלכער איז ארויס געטרעטן קעגן דער וועלטליכער ממשלה פון פויבסט. די זאמען פון דער רעפארמאציע זיינען שוין לאנג געפאלן אין די הערצער פון ביידע פריינד, און דער איבערגאנג צו קאלווינס אמונה איז ביי זיי געשעהן זעער גיך, עפעס אזוי ווי פון זיך אליין.

אָנגעזאַמלט גאַנצע אוצרות וויסן און פילאָסאָפיע און יוריס־פּרודענץ, קלאָר געוואָרן ווי אַ וואַסער די אַלטע קלאַסיקער און די ווערק פון מאַקיאַוועלי, האָט אָלדעראָדע ענדליך באַשלאָסן, אַז פאַר אים וועט עס שוין קלעקן, אַז ס'איז שוין צייט צו פאַרנעמען זיין אָרט און אַרבעטן „אין נאָמען פון גייסט". דער זעלבער אולריך פאָן־גוטען האָט אים אָנגעצונדן מיט זיין פלאַמענדיגער שטימונג און אים אויסגעלערנט אין די אידעאַלן פון דער רעפאָרמאַציע צו זעהן קודם־כל אַ פאַקטאָר אויף צו דערגרייכן פּאָליטישע און סאָציאַלע צילן. און אַרבעטן פאַר די דאָזיגע צילן — איז געווען אָלדעראָדעס ברענענדיגסטער פאַרלאַנג. צוריקגעקומען אין זיין היימישן האָלאַנד, שוין אַ מענטש אין די יאָרן, האָט ער זיך מיט אַ ברען אַ נעם געטאָן צו אַרבעטן „אין נאָמען פון גייסט". אים איז ניט שווער אָנגעקומען צו קריגן דעם פּאָסטן פון אַ בירגערמייסטער אין זיין געבוירנשטאָט עסטערדאַם. דאָס איז געווען אין דער צייט מאַקע, ווען קייזער קאַרל האָט שוין אָוועקגעלייגט זיין שווערע האַנט אויף די נידערלענדישע פרייהייטן, ווען עס האָבן שוין דאָ און דאָרט געפלאַקערט די שייטערס מיט די אַפּיקורסים, ווען די נידערלענדישע לאַנגאָניגע רעכט זיינען שטילערהייט און ביסלאַכווייז באַגרעניצט, פאַרקירצט און אָפּגעשאַפט געוואָרן, ווען די נידערלענדישע רייכטימער זיינען אַלץ גיכער און גיכער אַריבער אין דער קיניגליכער שאַצקאַמער. פּיטער אָלדעראָדע האָט גלייך געפונען געווג וואָס צו טאָן, גלייך געפונען, וואו אָנצווענדן זיין קאַמפּס־שטימונג, זיין שכל, זיין וויסן און די הינטערוועגעלאַך, וואָס ער האָט אויסגעלייענט בּאַ מאַקיאַוועלין אין די ביכער — אָדער צוגלייך אויך די גרויסע ליבשאַפט צו פרייהייט, מיט וועלכער עס האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט דער גרויסער איטאַליענישער פּאַטריאָט. און אין דעם קעסלגרויב פון דעם געזעלשאַפטליכן לעבן, אין דעם גרויסן היסטאָרישן קאַמף, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט וואָס אַמאָל שטאַרקער, האָט אָלדעראָדע, דער געוועזענער נע־ונדנער סטודענט, פאַרגעסן אי די דקדוקי־עניות פון גריכיש און לאַטיין, אי די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון די פאַרשיידענע קלאַסיקער, אי די הויכע מליצות פון דער אַב־

סטראַקטער פילאָסאָפיע און האָט זיך בראשו וברובו אַריינגעצויגן אין אַרומיגן לעבן.

דאָ האָט ער אויף לאַנגע יאָרן נאָכאַנאַנד פאַרלוירן פון אויג. זיין פריינד וואַלטער ראַמעניוס.

און יענער האָט אַזוי ווי אַמאָל זיך געגריבלט אין די ווערק פון עוקליד ארכימעד, פטאָלאָמעאוס, אין די באַרימטע אַרבעטן פון קאָפּערניקוס, אַלבערט דעם גרויסן און אַנדערע גרויסע לייט.

די פּערזענליכע באַקאַנטשאַפט מיט דעם היציגן טיכאָ-דע-בראַהע, דעמאָלט נאָך כמעט אַ יינגל, האָט אים נאָך מער באַפעסטיגט אין דעם שטודיום פון מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע, און צוגלייך דערמיט אויך פון אינזשענעריע.

באַ דער שלאַכט אונטער סען-קאַנטען האָבן זיך זיינע פּעאינגקייטן אַלס אינזשענער אַרויסגעוויזן אויפן שענסטן און גלענצנדינגסטן אופן. אָנוואַרפנדיג אויפן פּאַפּיר אַ פּלאַן פון אינזשענערישע אַרבעטן, האָט ראַמעניוס דערפילט אין האַרצן עפּעס אַ באַזונדערן, פיינליך-זיסליכן ברען. פאַר אים איז געשטאַנען אַן אַבסטראַקטע וויסנשאַפטליכע אויפגאַבע — צו באַשיידן עפּעס אַ טעכנישע פראַגע. און בלויז די דאָזיגע פראַגע האָט אים געשוועבט פאַר די אויגן. ער האָט עפּעס אַזוי ווי גאָר ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסן, ווער עס קעמפט קעגן וועמען און פאַרוואָס ווערט עס אייגנטליך געקעמפט, וואָס וועט אַרויסקומען פון דעם דאָזיגן קאַמף און נצחון. מיט אַלע כוחות פון זיין מעכטיגן פאַרשטאַנד, מיט אַלע קרעפטן פון זיין גאַנצן וויסן האָט ער קודם-כל געשטרעבט צו באַשיידן די וויסנשאַפטליכע אויפגאַבע. און האָט זי באַשיידט אויסגעצייכנט. איי, דאָס האָט געבראַכט אַ נצחון פיליפּ דעם II? — דאָס האָט ראַמעניוסן ניט אינטערעסירט ניט דאַמאָלסט ניט שפּעטער. זינט ער האָט זיך געדענקט, איז זיין אינטערעס שטענדיג געלעגן אין דער וויסנשאַפט, אין בוך.

צייט די באַלאַגערונג פון סען-קאַנטען איז דער גלויבן אין וויסנשאַפט און וויסן, דער גלויבן אין דעם מענטשנס שכל און אין זיינע ממש איבערנאַטירליכע קרעפטן געוואָרן די הערשנדיגע שטימונג אין ראַמעניוסעס נשמה. אָפט פלעגן אים קומען אין

זכרון די ליכטיגע געשטאַלטן פון ראָזשער בעקאָן, קאָפּערניקוס און בראַהע, און ער האָט זיך פאַר זיי געבוקט פּונקט אַזוי, ווי ער האָט זיך געבוקט פאַר דער מעכטיגער געשטאַלט פון דעם פאַנאַטישן קאַלווין... די פרייהייט פון גייסט און וויסנשאַפטליכן געדאַנק איז שוין פון לאַנג אָן געוואָרן דער אני-מאמין פון דעם געלערנטן מאַטעמאַטיקער.

די אַלטע פריינד האָבן זיך באַגעגנט אין דעם אייגענעם טאָג, ווען וואַלטער ראַמעניוס איז ווידער געקומען קיין עסטערדאַם און זיך באַזעצט דאָרט אין זיין הויז. דער קאָפּ זיינער איז שוין געווען אינגאַנצן גרוי, אויך אין די געדיכטע לאָקן אַלדעראָדעס האָבן זיך געזילבערט גרויע האָר. די פריינד האָבן מיט דער אַמאָליגער ליבשאַפט געקוקט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן, נאָכזאָגנדיג די ווערטער פון זייער באַליבטן לאַטיינישן דיכטער:

— „אָ, ווען יופּיטער וואָלט מיר אומגעקערט מיינע פאַרגאַנגענע יאָרן“.

די פריינד האָבן באַלד דערפילט, אַז זיי ריידן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן. פונדעסטוועגן איז זייער פריינדשאַפט באַנייט געוואָרן גלייך פון ערשטן טאָג און איז אַוועק ווי אַמאָל. אַלדעראָדע איז שוין אַצינד געוואָרן ניט קיין ביכער-מענטש. ער האָט שוין צייט געהאַט אַ סך צו פאַרגעסן, אָבער זיין לעבנס-חוש און נסיון האָבן אים ניט פאַרלאָזן. ער האָט זיך אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין טאָג-טעגליכע עסקים און האָט אַחוץ זיי אויפגעהערט צו באַנעמען די חקירות פון די ביכער. קיין פאַמיליע האָט אַלדעראָדע ניט געהאַט. פאַרטאָן איז ער שטענדיג געווען איבערן קאָפּ, סיי אין אייגענע סיי אין כלל-זאַכן, און אַז ער איז געוואָרן בירגערמייסטער, האָט ער גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אָן זיך.

אָבער אַפילו פאַרנומענערהייט פלעגט ער שוין אַ צייט מיט יאָרן אַלע זונטאָג אין דער געוויסער שעה פּינקטליך קומען צו זיין פריינד אין שטוב אַריין. ער פלעגט קומען אויסרויכערן אַ רעכטע ליולקע טאַבאַק, פלוידערן אַ ביסל מעניני דיומא, דערמאָנען די אַמאָליגע יאָרן, פרעגן אויפן געזונט, הערן עפּעס נייע המציאות, וואָס דער געלערנטער קאָפּ פון דעם אַלטן ראַמעניוס האָט אויס-

געטראַכט. דעם שמועס פלעגט אָנהייבן אָלדעראָדע, ניט וואַרטנדיג, ווען יענער וועט אים שטעלן די אָדער יענע פראַגע. ער פלעגט פאַר אים אַרויסלייגן אַלע נייסן און שטאָט־זאַכן פאַר דער וואָך, אַרויסזאָגן זיינע השערות און סברות בנוגע צו די אָדער יענע פאַקטן, פאַרטרויען אים אין זיינע פּלענער אויף דער צוקונפט. דער אַלטער וואַלטער ראָמעניוס האָט אויסגעהערט אַלצדינג פון אָנהייב ביזן סוף, רואיג זיצנדיג אין זיין ווייכן פלעמישן פאָטערשטול און אויך רויכערנדיג אַ ליולקע טאַבאַק. ראָמעניוס האָט קיינמאָל ניט מפסיק געווען זיין פריינד. האָלט אָבער ווען אָלדעראָדע געהאַט אַ שאַרפערע אויג, וואָלט ער באַלד באַמערקט, אַז דעם געלערנטן מאַטעמאַטיקער אינטערעסירן קנאָפ־וואָס זיינע וואָכעדיגע מעשיות, אַז די שטאָט־געשעהענישן און קלאַנגען וועגן אַלבאַס רציחות, וועגן דעם קיניגס פאַלשקייט, וועגן דער בגידה פון די אַדל־לייט אין דער האָלענדישער פרייהייט, האָט דער אַלטער וואַלטער ראָמעניוס עפּעס ווי אַדורכגעלאָזן פאַרביי די אויערן. טיילמאָל האָט אויך פּאַסירט, אַז ראָמעניוס פלעגט איבעררייסן זיין באַריידעוודיגן חבר און געזאָגט:

— נו, יאָ, מיין פריינד! אַזוי גייט עס אַלעמאָל צו אין אונזער וועלט.

דער גערודער פון לעבן, זיינע ליכטיגע און טונקעלע זייטן, זיין גליק און צער זיינען עפּעס גאָר ניט אָנגעגאַנגען וואַלטער ראָמעניוסן.

וואַלטער ראָמעניוס האָט זיך ווירקליך אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיטן לעבנס־ים און זיינע שטורימס. ער האָט געהאַט זיין אייגענעם קדשי־קדשים — די וויסנשאַפט, די וועלט פון אַבסטראַקטע געשטאַלטן, הויכע אידעען, האַרמאָניש געבויטע טעאָריעס, מעכטיגע טעזיסן, טיפע אָן אַ גרונד, הייליגע און ריינע, אינגאַנצן פרעמדע דעם שטות און קויט פון דעם אַרומיגן לעבן, און זיי האָבן אים פאַרכאַפּט מיט אַ קראַפט ניט בייצוקומען. און נאָכטראַכטנדיג וועגן דער דאָזיגער האַרמאָניע פון אידעען, איז דער אַלטער ראָמעניוס טיף, מיטן גאַנצן האַרצן געווען איבערציינגט, אַז ער קוקט אַריין אין דעם העכסטן אמת, אַז די אייביג־

קייט אַליין אַנטפּלעקט זיך דאָ פאַר אים. גאַנצע נעכט האָט ער פאַרבראַכט בײַ זײַן אַסטראָנאָמישער שפּאַקטיוו, אָבסערווירנדיג דעם גאַנג פון די הימלישע גלגלים. גאַנצע טעג פלעגט ער אַוועקזיצן בײַ זײַנע טיף שכלדיגע אויסרעכענונגען. זײַנע רעיונות האָבן געשוועבט אין די הימלישע רוימען. זײַן שכל האָט געאַרבעט אָן אויפהער, זיך פאַרטיפנדיג אין די פאַרפלאָנטערטע קאָמבינאַציעס פון די פעסטע און גרויזאַמע ערשײַנונגען פון דער אייביגקייט.

וואַלטער ראָמעניוס האָט שוין פון לאַנג אָן ליב באַקומען די וויסנשאַפט און איז געוואָרן אין דער דאָזיגער ספערע אַן אייגענער מענטש. ער האָט זי ליב געהאַט, געגלויבט אין איר, פאַרשטאַנען, אַז זיגן וועט דער אמת איבער דעם לעבנס־ים, אַז באַצווינגען וועט ער סוף־כּל־סוף אַלע מוחות און הערצער און דאַן וועט דער דאָזיגער לעבנס־ים ווערן פונקט אַזוי רואיג און לויטער, ווי די הימלישע טיפענישן, וואו פרײַ און ניט שטערנדיג איינער דעם אַנדערן טוען זיך באַוועגן די האַרמאָנישע פמליות פון די הימלישע גלגלים. „כּדי צו דערהייבן זיך איבער דעם וואָכעדיגן און פאַרהאַוועטן לעבן — האָט וואַלטער ראָמעניוס געטראַכט — דאַרף מען קודם־כּל אַרויסגיין פון אָט דעם לעבן און אַ קוק טאָן אויף אים פון ערגעץ־וואו אָן אַ זײַט אָדער פון דער הייך — דאַן און נאָר דאַן וועלן מיר עס פאַרשטיין, דאַן נאָר וועלן מיר זײַן אימשטאַנד עס אָפּצושאַצן ווי עס דאַרף צו זײַן".

אין די זעלטענע מינוטן, ווען דער אַלטער געלערנטער פלעגט ווערן באַרעדעוודיג, פלעגט ער דערציילן אָלדעראָדען זײַן פרײַנד וועגן די סודות פון דער אומענדליכער אייביגקייט, וועגן די טיפענישן פון מעשי־בראשית, וועגן דעם „קוויל פון סיבות און רעזולטאַטן, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אַלץ". און אָלדעראָדע האָט אים שווייגנדיג געהערט, רויכערנדיג די ליולקע און זופנדיג פון דעם אַלטן ווײַן, וואָס די דינסט גערטרודע האָט דערלאַנגט. אָבער ווען ראָמעניוס וואָלט אין די דאָזיגע מינוטן געהאַט אַ שאַרפערן טביעת־עין, וואָלט ער אויך באַמערקן, אַז דער אַלטער פרײַנד זײַנער אָלדעראָדע טראַכט דערבײַ עפּעס נאָר וועגן אַנדערע ענינים...

אַזוי פלעגן די פרײַנד פאַרברענגען אַלע זונטאָג־צונאַכטסן,

און ווען דער קלויסטער-זייגער פלעגט אויסשלאָגן צעהן, איז יעדערער נעגאַנגען צו זיין זאַך: איינער פלעגט אַראָפּנידערן אין די טיפעניש פון הימל, דער אַנדערער — אין דעם קעסלגרוב פון דעם לעבענס-ים, וואָס פלעגט אים ניט לאָזן רוען אַפילו בײַ דער נאַכט...

און אַ מערקווירדיגע זאַך! — בײדע פריינד האָבן געפילט, אַז זיי דאַרפן האָבן איינער דעם אַנדערן...

אַחוץ דעם אַלטן אַלדעראָדע האָט ראָמעניוס ניט געהאַט אין זינען צו זוכן זיך נײע באַקאַנטע. פון די מענטשן האָט ער עפּעס אַזוי ווי שוין גענומען אַלץ, וואָס ער האָט געדאַרפט, און אַ צייט האָט ער שוין מער פון קיינעם קיין שום זאַך ניט פאַרלאַנגט. זיין לעבן איז נעגאַנגען ווי אַ גלאַטער און גלייכער שטעג, נעכטן אַזוי ווי היינט. און אַזוי — יאָר איין יאָר אויס. די יאָרן פון דער בליענדיגער יוגנט זיינען אים אַריבער אין די אודיטאָריעס פון די אוניווערסיטעטן און אין די קלויסטער-ביבליאָטעקן. אַפילו יונגערהייט האָט ער אויך ניט געוואוסט פון דעם פאַרקאָכטן, ליידנשאַפטליכן קאַמף, און דאָס ביסל יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין די אינזשענערישע אַרבעטן, האָבן אין אים דערוועקט נאָך מער ווידערגעפיל צו די נויטן פון טאָג, צו די אינטערעסן פון מאָמענט. דאָס אַלץ איז פאַר אים געווען ניט דאָס, וואָס איז נייטיג און וויכטיג. וואַלטער ראָמעניוס איז באַלד אַוועק אין דעם שטילן ווינקל פון זיין וויסנשאַפט. דאָס ביסל מיטלען, וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפט דורך אינזשענעריע, האָבן אים געגעבן די מיגליכקייט דורכצולעבן זיך אין שטילער מנוחה און איינזאַמקייט. די אַלטע דינסט גערטרודע, וואָס איז שוין געווען בײַ אים אַ סך יאָרן, פלעגט אים מאַכן פשוטע מאכלים, קיינמאָל ניט צו פרעגן, וואָס ער האָט ליב. דער אַלטער איז שוין לאַנג געוויינט געווען צו עסן אַלץ, וואָס מ'האָט אים דערלאַנגט.

מיט אַ יאָר צעהן צוריק האָט זיך בײַ ראָמעניוסן אין שטוב געוויזן נאָך אַ באַוואוינער: אַ זיבעניאָריג יינגל הערמאַן. דאָס איז געווען אין דער אייגענער צייט, ווען די אינקוויזיציע האָט שוין אָנגעהויבן צו ווייזן אירע בלוטיגע גבורות און אויך אין עסטערדאַם האָבן זיך צעפלאַקערט אירע ערשטע שייטערס. הערמאַנס פאָטער

איז געווען צווישן די ערשטע קרבנות פון דער אינקוויזיציע. מ'האָט
אים פאַרברענט לעבעדיגערהייט דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט
באַ זיך עטליכע אַנאַבאַפּטיסטישע ביכער און האָט פּראָפּאַגאַנדירט
פון זיי „די טריפע אַנאַבאַפּטיסטישע כּפירה". הערמאַנס מוטער,
דערזעהן דעם מאַן, ווי ער צאַפּלט זיך אין די ענויים קשים אויפן
ברענענדיגן שייטער, איז דעם אייגענעם טאָג אראָפּ פון זינען. דאָס
הויז און דער גאַנצער פאַרמעגן פון דעם פאַרברענטן אַפּיקורוס
האָט מען קאָנפיסקירט, און דער זיבניעריגער הערמאַן איז געבליבן
אויף דער גאַס. דאָ האָט אים געפונען די אַלטע גערטרודע. און
אַפילו ניט געפרעגט דעם בעל-הבית, האָט זי אים אריינגענומען
צו זיך אין צימער אַריין. פאַר הערמאַנען האָט זיך ווידער אָנגע-
הויבן אַ רואיג און גליקליך לעבן, און גאָר אינגיכן איז דער לעבע-
דיגער פעאיגער יונג געוואָרן אַ גאַנצער בעל-הבית אין שטוב. גער-
טרודע האָט, ווי ווייט זי האָט נאָר געקענט, געפלייסט זיך צו זיי-
פאַר אים אַ מאַמע. ראָמעניוס האָט זיך גענומען אים מדריך זיין
מיט דעם גאַנצן ערנסט פון אַ געלערנטן. און וואָס מער ער האָט
מיט אים געלערנט, אַלץ שטאַרקער האָט דער אַלטער געפילט,
אַז אָן הערמאַנען קאָן ער ממש ניט אויסקומען. נאָר פון זיינטוועגן
פלעגט ער צוצייטן לאָזן זיין אַרבעט, פאַרגעסן זיין טורים און די
אַסטראָנאָמישע שפּאַקטיוו, און זיך באַקוועם געמאַכט אין דעם רו-
איגן פאָטערשטעל, האָט ער שעה'ן נאָכאַנאַנד אַוועקגעשמועסט
מיט אים וועגן פאַרשיידענע הויכע ענינים, וועגן הימל, וועגן די
שטורימס און גערודערס פון דעם מענטשליכן לעבן, וועגן דעם
גרויסן כּוח פון דער וויסנשאַפט, וועלכע קען און וועט סוף-כּל-
סוף אויסהיילן אַלע וואונדן פון דער מענטשהייט און מאַכן פון
דער גאַנצער נאַטור ניט מער און ניט ווייניגער ווי דעם מענטשנס
אַ געטרייע דינערין.

הערמאַנס פעאיגקייטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלץ לעבעדי-
גער און קלאָרער. דער אַלטער וואַלטער ראָמעניוס האָט טיילמאָל
זיך אַליין געחידושט, ווי לייכט און פריי דאָס יינגל כאַפּט אויף
דעם סאַמע תּוך פון דער זאַך, ווערט דער האַר פון דער וויסנ-
שאַפט און ניט אַ דינער אירער. די ליבשאַפט פון דעם אַלטן גע-

לערנען צו זיין תלמיד איז געוואקסן וואָס אַמאָל מער. ס'איז אַריבער נאָך עטליכע יאָר און ער האָט אים אָנגעהויבן צו רופן „מיין זון“. און הערמאַן איז טאַקע באמת געווען זיין זון — אַ זון לויטן גייסט, לויט די שטרעבונגען און האָפענונגען אויף דער צוקונפט: הערמאַן האָט, זעהט אויס, נאָר געטראַכט וועגן דעם, ווי צו גיין מיט דעם אייגענעם געריכטן וועג, וואָס זיין נייער פאָטער איז געגאַנגען... בײַ אים האָט זיך געשאַפן אַ באַזונדערע וועלט פון אינטערעסן, פונקט אַזעלכע איבערערדישע, פונקט אַזעלכע אַבסטראַקטע, ווי די אינטערעסן פון זיין פאָטער. די קינדערשע שפּילן מיט דעם שכנס טאָכטער מאַרטע האָבן אים אויך קנאַפּ־וואָס אינטערעסירט. ער איז געווען ערנסט ניט פאַר זיינע יאָרן, ווי דאָס איז שטענדיג דער שטייגער פון אַ קינד, וואָס וואַקסט צווישן גרויסע, כמעט אָן דער געזעלשאַפט פון זיין גלייכן. הערמאַן האָט שוין באַלד אָנגעהויבן העלפן דעם פאָטער אין זיין אַרבעט. ער האָט זיך אויסגעלערנט אויסצופירן די האַרבסטע באַרעכענונגען, האָט זעער געשיקט געמאַכט פאַרשיידענע, גאַנץ קאָמפּליצירטע און פּינקטליכע אָבסערוואַציעס מיט דער הילף פון דער אַסטראָנאָמישער שפּעקטיוו, ער האָט גיך ליב באַקומען ביכער, און אים האָט זיך דערוועקט עפּעס אַ מין ברען צו זיי. דער אַלטער האָט אים אָנגעהויבן איבערצוגעבן קליינע אַרבעטן, דער יינגל האָט זיך געגריבלט פאַר אים אין די ביכער און אויסגעשריבן פאַרשיידענע ציטאַטן. נאָך נאָר אַ יונג קינד, האָט הערמאַן פונדעסטוועגן זעער אַ סך געקענט און נאָך מער געוואָלט קענען. אַליין ניט צו וויסן דערפון — האָט ער איבערגענומען פון דעם אַלטן דאָס וואָס איז געווען יענעמס עצם — זיין ליידענשאַפטליכע ברענענדיגע ליבשאַפט צו דער וויסנשאַפט, דעם גרויסן יראת הכבוד צו איר, דעם טיפן, ריינהאַרציגן פאַרלאַנג צו דינען מיט אַלע כוחות דער אייביג'ער מעכטיגער באַוועגונג אירער פאָראויס. אין דעם יינגלס נשמה האָט דער אַלטער דערוועקט אַזאַ ברען צו זוכן און צו פאָרשן, אַזאַ חשק צום וויסן, וואָס שטילן אים האָבן ניט געקענט ניט נאָר די ביכער, וואָס דער אַלטער האָט געהאַט, נאָר אַפילו די, וואָס זיינען געווען דאַן במציאות אויף דער וועלט. דער סוד, וואָס רינגלט אַרום דעם מענטשן פון

אלע זייטן, איז מיט פערטהאלבן הונדערט יאָר צוריק געווען נאָך טונקעלער און דאָס אַריינדרינגען אין דעם אומבּאַוואוסטן איז אין יענע צייטן געווען אַ סך, א סך שווערער, ווי איצט. וועלכע דרכים פירן אין דער וועלט פון דעם פּינקטליכן וויסן — וועגן דעם האָט מען דאַמאָלסט געקענט מאַכן השערות בּלויז, אָבער אויף זיכער האָט עס קיינער ניט געוואוסט. וועלכע מעטאָדן פון פאָרשן גיבן די זיכערסטע רעזולטאַטן — וועגן דעם איז נאָך דאַמאָלסט געגאַנגען אַ האַרבּע פּלוגתּא. פאַקטן האָט זיך אָנגעזאַמלט נאָך זעער ווייניג, אַפּאַראַטן און אינסטרומענטן צום פאָרשן האָט מען נאָך כּמעט ניט געהאַט אויסגעטראַכט. אין דער וועלט פון דעם אומבּאַוואוסטן אומפאַרשטענדליכן זיינען די מענטשן נאָך געגאַנגען עפּעס אַזוי ווי טאַפּענדיג.ערהייט, מיט פאַרבּונדענע אויגן.

און דאָך — געגאַנגען איז מען פאָרט און אַלץ ווייטער או ווייטער.

אינגיכן האָט הערמאַן אַזוי ווי דער אַלטער וואָלטער ראַמע־ניום זיך איינגעוויינט צו לעבן צווישן בּיכער און גריבּלען זיך אין זיי. אַריינגעטאָן דערינען מיט לייב און לעבן, האָט ער געהאַט איבּערגענומען פון אַלטן יענעמס מאָדנעם סקעפּטישן קוק אויף די מענטשן, אַ בּיסל אַזוי ווי פון אויבן אַראָפּ. ער האָט אָנגעהויבּן פון זיי וויַכן. קיין חברים האָט ער ניט געהאַט, און אַ לאַנגע צייט זיינען די שטורמישע לעבּנס־געשעהעענישן אים קנאַפּ־וואָס אָנגעגאַנגען.

— נו, וואָס מאַכן עפּעס אייערע בּיכער? פלעגט אים דעם שכנס מאָכטער מאַרטע אַ פרעג געבן מיט אַ קאָקעטישן שמייכל.

— איך דאַנק פאַר פרעגן, פלעגט הערמאַן איר ערנסט ענטפערן. מיינע בּיכער זיינען געזונט.

מאַרטע און הערמאַן האָבן אָפטמאָל זעער שטאַרק חשק געהאַט אַ שמועס טאָן צווישן זיך טיפער און אינטימער. אָבער דער יונגל האָט עפּעס ניט געקאָנט געפינען דעם געהעריגן טאָן בּשעת ער פלעגט ריידן מיט דער בּאַחנטער שכנה.

ער פלעגט בּלויז שעמעוודיג זי בּאַגריסן, זיך געריייטלט דערבּיי אין פּנים און עניוותדיג פאַרגעליינט ניט זיכערע אומבּאַ־שטימטע פראַגן.

אַזוי איז עס צוגעגאַנגען ביז זעכצן יאָר. דאָ האָט זיך הערמאַנס שטימונג איבערגעביטן. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם לעבן. די געשעהענישן פון דער פינסטערער ווירקליכקייט האָבן מיט אַמאָל צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט. דאָס איז געשעהן גאָר אומגעריכט, אַפילו פאַר הערמאַנען גופא. דער יינגל האָט פלוצלונג באַנומען, אַז אויך אין די ענינים פון מאָמענט איז פאַראַן עפּעס הויכעס, דערהויבענעס, הייליגעס.

אין יענע טעג, ווען צו ראָמעניוסן פלעגט קומען אָלדעראָדע, האָט הערמאַן שוין זיך ניט געזעצט צו די ביכער. ער פלעגט זיך פאַרקלייבן ערגעץ אין אַ ווינקעלע אין דעם חדר, וואו די אַלטע פריינד זיינען געזעסן, און ניט אַראָפּנעמענדיג די אויגן פון דעם בראַוון בירגערמייסטער, פלעגט ער מיט קאָפּ זיך איינהערן צו זיינע ערציילונגען ווענן די זאַכן, וואָס ווערן אומבאַשטראָפט אָפּגעטאָן אויף דער ווייסער וועלט. אָלדעראָדע האָט גערעדט ניט צו שטיינער, און ווען ער וואָלט זיך צוקוקן צו דעם יינגלס פנים, וואָלט ער דערזעהן אין זיינע אויגן אַזאַ פייער, וואָס וואָלט אוודאי דערפרייט זיין אַלט האַרץ. הערמאַן האָט אַליין ניט פאַרשטאַנען, וואָס אין זיין נשמה גייט פאָר, וואָסערע געפילן און שטימונגען עס באַצווינגען זי מיט אַזאַ קראַפט. דאָ איז דאָס געווען דער האַס צו די שונאים-אונטערדריקער, דאָ — אַ ברענענדיג פייניליכער צער איבער די קדושים, וואָס זיינען אומגעקומען פאַר פרייהייט, דאָ — אַ שטראָם פון פרייד ביי די ידיעות וועגן זייערע נצחונות. טייל-מאָל פלעגט אָלדעראָדע מיט טרערן אין די אויגן דערציילן ראָמעניוסן וועגן אַלבאַס פרישע רציחות; דער בלוטיגער הערצאָג האָט גאָר ניט געוואוסט קיין גרעניץ פאַר זיין ווילדן, ניט איינגעהאַלטענעם ווילן. און ווער וועט עס קענען ביישטיין געגן דעם דאָזיגן אייזערנעם ווילן? אָבער הערנדיג די טרויעריגע ווערטער פון דעם אַלטן אָלדעראָדע, האָט הערמאַן דאָך געפילט, אַז דער אַלטער איז ניט געפאַלן ביי זיך, אַז ער איז מוטיג און מונטער ווי אַלע מאָל, אַז ער איז גרייט צום ווייטערדיגן קאַמף.

און דעם אַלטנס שטימונג האָט זיך ניט ווילנדיג איבערגע-

געבן דעם יינגל. און די אימות און רציחות אלבאם האבן אים ניט געשראקן.

— נישקשה, וועסט עס גערענקען, דו טייוול איינער! האט אלדעראדע גערעדט, מיינענדיג אלבאן — מעגסט אונז די אָרערן טרענען — אויספירן וועלן מיר!

ביי די ווערטער האט דער יינגל געפילט, ווי א נערוועאי־שער ציטער לויפט אים אדורך איבערן רוקן, דאס הארץ קלאפט און צאפלט, די נשמה באהערשט עפעס א מאדנע בענקעניש און ציעניש, ערגעץ־ווייט־ווייט, פאראויס, אין דעם דאזיגן קאמף אויף לעבן און טויט.

„ניין, ניין! אזוי זיצן איז אוממיגליך! וואס טויגן מיר די אלע ביכער, וויבאלד זיי לערנען מיך ניט צו קעמפן פאר דער גרויסער און הייליגער זאך". טיילמאל פלעגט דעם יינגל אנכאפן אזא ברען צום קאמף, אז ער פלעגט פארלירן איבער זיך די שליטה. דאן פלעגט ער זיך פארשטעקן ערגעץ אין א ווינקעלע און פארזינקען אין זיינע חלומות: ווי אזוי ער אנטלויפט פון דער היים, ווי אזוי ער פאלט אויף די קני פאר ווילהעלם פון אראניע, בעט זיך ביי אים רחמים, ער זאל אים פאררעכענען אין דער צאל קריגער, ווי אזוי ער גייט אין דעם מוראדיגן קאמף און קומט לסוף אים, ראנגלענדיג זיך פאר דער פרייהייט.

אלדעראדע האט זעער גוט געקענט איבערגעבן זיין שטימונג זיינע צוהערער. אין דעם אלטן בירגערמייסטער האט, ניט קוקנדיג אויף זיינע יארן, נאך ביז אהער געשטעקט א יונגדליכער פייער. ער האט נאך געהאט די פייאיגקייט זיך צו קאכן און היצן און נעמען נאהענט צום הארצן אזעלכע זאכן, וואס האבן זיך, דאכט זיך, גאר ניט אנגעקערט מיט אים. ניט זעלטן פלעגט טרעפן, אז אלדעראדע פלעגט ווי א באמבע ארייננפלאצן אין דעם שטילן און פרידליכן ווינקעלע פון וואלטער ראמעניוס מיט עפעס אן אפיציעלן פאפיר אין דער האנט און גאר ניט באמערקנדיג, וואס זיין קומען שטערט די רו פון זיין פריינד, רייסט אים אפ פון זיינע פרידליכע און אבסטראקטע ארבעטן, פלעגט ער אנהייבן שרייען און ליארימען, מאכנדיג מיט די הענט און ארויסוויזנדיג

אַלע סימנים פון דער גרעסטער אויפרעגונג און געדרייצטקייט׳

—נו, וואָס זאָגסטו אויף אונזערע פאַרזאָרגער, הא? לייג נאָר צו א ביסל קאָפ!

אָט דאָס זיינען אַ ביסל אויסוואורפן! אמתע וועלף אין אַ שעפסענער פעל! דער פויפסט האָט שוין אַרויסגעגעבן אַ נייע בולע, וואו עס שטייט שוואַרץ אויף ווייס, אַז ער, דער פויפסט הייסט עס, איז מער ניט ווי אַ קנעכט, וואָס זאָרגט פאַר דעם גליק פון די נידערלענדישע פּראָווינצן און פאַר עולם־הבא פון זייערע איינוווינער; זיי... פון אַ קנעכט, וואָס ציט די יניקה פון געבראָטן מענטשלעך פלייש און ווערט נתעשר פון פרעמדע קאַפּיטאַלן! אָבער דאָס איז נאָך גאָרנישט — הערט ווייטער.

און אַלדעראַדע פלעגט אָנהייבן לייענען דעם פויפסטס בולע הויך אויף אַ קול, פייערלעך און צוגלייך אויך — מיט אַ אוראַנישן טאָן: „דער שונא פון דעם מענטשלעכן מין נעמט די לעצטע צייט אָן אַלערליי געשטאַלטן. די נידערלאַנדן, וואָס ווערן רעגירט פון דיין ליבלעכן זון פיליפּ דעם קאַטוילישן, זיינען אַזוי ענג אַרומגערינגלט פון אַפּיקורסישע אומות, אַז די גייסטיקע גאולה פון דעם דאָזיקן לאַנד שטייט אין דער גרעסטער סכנה. בלויז די אינקוויזיציע קאָן ראַטעווען די נשמות פון די פאַרבלאָנדזשעטע מענטשן. וואָרים זי, די אינקוויזיציע, איז דער אמתער מלאך המושיע, וואָס היט די טויערן פון גן־עדן, זי איז דניאלס לייבנגרוב, וואו דניאל און אַנדערע צדיקים האָבן ניט וואָס מורא צו האָבן, — אָבער די רשעים ווערן דאָרט אויסגעריסן...״ נו, ווי געפעלט אייך אַ לשון? צום טייוול — ניט שלעכט צוגעטראַכט! דאָס הייסט — אויסוואורפן פון זיין ליבן נאָמען! ווען זיי וואָלטן ניט געריסן פון אונז קיין שטייערן, ניט געמאַכט קיין קאָנפיסקאַציעס, וואָלט איך גלייבן געמיינט, אַז זיי זיינען טאַקע גאָט די נשמה שולדיק!

וואָלטער ראַמעניוס, ניט אַרויסלאָזנדיק פון דער האַנט די נאָך ניט אָפּגעטריקנטע פען, האָט רואיק און קאַלט געקוקט אויף זיין פריינד. ער האָט זיך ניט אָנגעהויבן אַפילו צו וואונדערן איבער דעם, וואָס אַלדעראַדע האָט דערציילט. איז עס דען אַ

נייעס, אַז די מיאוסטע זאַכען אויף דער וועלט ווערן בײַ אַלע פעלקער און אין אַלע צייטן פאַרדעקט מיט די העכסטע און שענסטע ווערטער, מיט דעם פשוטן חשבון, אַז ניין און ניינציק פּראָצענט מענטשן וועלן זיך ניט קאָנען פונאַנדערקלייבן אין דעם רעכטן עיקר? וואו עס זיינען דאָ מענטשן, דאַרפן הערן אויך אָפּגעטאָן מיאוסע זאַכן און ס׳גילט נאָך אַ מיאוסערער עיקר. און וואָס איז זיך דאָ אַזוי פאַראַן וואָס צו קאָכן? און וואָס קאָן דען אַרויסקומען פון דעם קאָכן זיך? וואָלטער ראַמעניום האָט געשוויגן, אָבער זיין שטימונג איז פונדעסטוועגן גוועזן פאַרשטענדלאַך פאַר זיין אַדאָפּטירטן זון. אָבער אויך די שטימונג פון דעם אַלטן בירגערמייסטער האָט הערמאַן פאַרשטאַנען, וואָרים דאָס, וואָס האָט אַלדעראָדען אַזוי אַרויסגעבראַכט פון די כלים, האָט ניט ווייניקער אויפגערעגט הערמאַנען אויך. ער האָט אָנגעהויבן צו באַגרייפן, פאַרוואָס טייל מענטשן זיינען וועלף און טייל — שעפסן, און וואָס פאַר אַ מיטלען די וועלף האָבן צוגעטראַכט, כדי צו שערן און שעכטן די שעפסן.

און אַלדעראָדע האָט דערווײַלע אַרויסגעשלעפּט פון זיין ברייטער קעשענע אַ נײַ פּאַפּיר און זיך גענומען לייענען אַ נייעם באַפעל, וואָס דער הייליקער טריבונאַל האָט נאָרוואָס פּובליקירט

„ס׳איז פאַרווערט — איז געשטאַנען אין דעם דאָזיקן באַפעל — צו דרוקן, טראָגן, האַלטן, פאַרקויפן, קויפן, כילן אין קלויסטער, אויף דער גאַס און אין אַנדערע ערטער אַלע געדרוקטע אָדער געשריבענע חיבורים פון לוטער, קאַלווין, צווינגלי, עקאָלאָמפּאַדי און אַנדערע אַפּיקורסים, פאַלשע מדריכים און גרינדער פון אומפאַרשעמטע כיתות און שעדלאַכע חקירות קעגן זיין הייליקייט דעם פּויפּסט און זיין מאַיעסטעט דעם קיניג. ס׳איז פאַרווערט צו דערלאָזן בײַ זיך אין שטוב שמועסן אָדער אומגעזעצלעכע אסיפות און זיין אויפפאַרזאַמלונגען, וואו מורדים און אפּיקורסים פּרעדיקן זייער פאַלשע תורה, מאַכן פאַרשווערונגען אויף דער הייליקער קירך און געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. ס׳איז פאַרווערט אַלע פשוט׳ע בשר־ודמס סיי אָפן סיי בסוד צו אַמפּערן זיך און אַרויסזאָגן חקירות וועגן די הייליקע ספרים.

בפרט ווענן הארבע שאלות, און אויך לייענען, לערנען און דערקלערן די הייליקע שריפט אחוץ די, וואס האבן מיט א גרונט געלערנט טעאלאגיע און האבן דערויף א סמיכה. ס'איז פארווערט סיי בפרהסיה סיי בשתיקה צו פריידיקן, פארטיידיקן, איבערחזר אדער פארשפרייטן די שיטות פון די אויבנדערמאנטע כופרים און מורדים. אין פאל, אז מ'וועט עובר זיין אויף איינעם פון דן דאזיקע איסורים, קומט די שולדיקע א שטראף ווי מורדים און שטערער פון דער געזעלשאפטלעכער רו און מלוכישער ארדענונג".

געענדיקט לייענען, האט אלדעראדע צונויפגעקנייטשט דאס פאפיר, אריינגעווארפן עס אין קאמין און, אומגעזעגנט מיט זיין אלטן פריינד, גיך ארויס פון צימער.

וואלטער ראמעניוס האט קיינמאל ניט געשמועסט מיט זיין אדאפטירטן זון ווענן קיין שום גרויסע אמתן, אחוץ די, וואס זיינען שוין געווארן א חוק אין דער וויסנשאפט. א לאנגע צייט איז הערמאנען אפילו געווען ניט קלאר, פארוואס אייגנטלעך גייט דער בלוטיגער קאמף מיט די שפאניער. סיי די שייטערס סיי די שטראמען בלוט, וואס ווערן פארגאסן אויף די עשאפאטן און אין די שלאכטן, האבן געווארפן אויף אים אן אימה, און לאנג האט ער ניט געקענט פארשטיין, וואס פאר א קראפט קאן עס דערשטיקן אין א לעבעדיקן דעיקענדיקן מענטשן דיזאזיקע אימה? וואס פאר א קראפט קאן עס פאדערן פון דעם מענטשן צו טאן דווקא די מעשים, קענען וועלכע עס זיינען געשריבן די אלע געזעץ, תקנות, באפעלן, דעקרעטן און פארארדענונגען? הערמאן האט געגלויבט זיין נייעם פאטער — אז די וויסנשאפט קאן ווירקלעך ארויספירן דעם מענטשן, וואס פארטיפט זיך אין איר, פון דעם צודולטן טארעראם פון אלטעגלעכן לעבן און אריינפירן אים אין א וועלט, וואס איז העכער פון דעם אלעם און מחוץ דעם אלעם.

איינמאל איז אלדעראדע געקומען צו ראמעניוסן אין א מאדנע אויפגערעגטן צושטאנד:

כ'האב נייס, האט ער געזאגט צו זיין פריינד — גרויסע נייס:

דער פויפכט האָט דעם קיניג געגעבן אַ מחילה אויף זיין גרויסן חטא פון ברעכן אַ שבועה!

ראַמעניוס איז געבליבן אומבאַוועגלעך ווי געווען. הערמאַן איז אויפגעשפּרונגען פון זיין שטול און אויסגעשריגן:

— פּעטער אָלדעראָדע! וואָס רעדט איר עס אַזוינס?

— אַז איך רייד, פּייגעלע מיינס, ווייס איך שוין וואָס!

אָלדעראָדע איז אויך אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו הערמאַנען, זיך אַריבערגעבויגן איבער אים און מעשה גוטער-פריינד אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע:

— אַך, דו פויגל איינער, וואָס דו ביסט! וויפיל זאַכן איז פאַראַן אויף דער וועלט, אַזעלכע פּשוטע און קלאָרע, וואָס דו פאַרשטייסט זיי ניט און וואונדערסט זיך איבער זיי! און וואָס איז דאָ, דאַכט זיך, פאַראַן וואָס צו פאַרשטיין! מיר ווילן לעבן און האַלטן זיך פאַר דאָס אומזעריקע, און יענע ווילן לעבן בעסער — ווילן זיי אַוועקנעמען ביי אונז דאָס אונזעריקע. אין אונזערע כאַרטיעס שטייט קלאָר געשריבן: „די שטעט פון אַלע נידערלענדישע פּראָווינצן האָבן אַט אַזעלכע און אַזעלכע, געגוי באַשטימטע רעכט. זיי מעגן אויסקלייבן זייערע אויסדערוויילטע מענטשן, זיי מעגן צונויפשטעלן פון זיי סיימען ווי אָפט זיי ווילן און אין וועלכן אָרט זיי ווילן; אָן זייער הסכם קען דער שפּאַנישער קיניג ניט איינשטעלן קיין שום שטייער; אָן זייער הסכם קען קיין הערשער פון די פאַראייניקטע פּראָווינצן ניט אָנהייבן קיין שום מלחמה, ניט קיין אַגרעסיווע און ניט קיין דעפענסיווע, און אויב ער הייבט אָן די מלחמה ניט אויף אַ געזעצליכן סמך, ד. ה. אָן דעם הסכם פון די דעפּוטאַטן פון די שטאַטן זיינען די נידערלענדישע פּראָווינצן ניט מחויב אַזאַ מלחמה צו שטיצן“.

ווייטער ווערט אין אונזערע כאַרטיעס געזאָגט: „דער בית-דין דאַרף זיין גלייך פאַר אַלע — פאַר אָרים און רייך; די שופטים ווערן באַשטימט פון די שטעט גופא און ניט פון פיליפּן; זיי, די שטעט, גיבן אויך אַרויס פאַר די ריכטער געזעצן, וואָס זיי האַלטן פאַר נייטיק און ניצלעך; קיינער טאָר ניט אַריינגעזעצט ווערן אין תפיסה לית דין ולית דיין. און יעדערער דאַרף גע-

משפט ווערן אין זיין אָרטיקן געריכט און ניט ערגעץ אַנדערש". אויך שטייט געשריבן אין די כאַרטיעס, אַז די נידערלענדער זיינען זיך מתחייב צו פאָלגן ניט אַלע געזעצן און פאַראָרדענונגען פון זייער קיניג, נייערט די, וואָס זיינען ניט עובר אויף זייערע געזעצלעכע רעכט, און אויב דער קיניג איז פאַר אונז אַ וואָלף, מעג מען און מ'דאַרף אים אַרונטערזעצן און אויסקלייבן אַן אַנדערן". אָט וואָס עס שטייט געשריבן אין אונזערע כאַרטיעס. דידאָזיקע ווערטער זייערע, דאַרפסטו, — דו פויגל איינער, איינחזרן אויף אויסווייניק! דו הערסט? מעגסט זיך זיין אַ תלמיד־חכם איינער אין דער וועלט, אָבער אַ מענטש ווערסטו אַלעמאָל בלייבן און מיט כלל־זאַכן ווערסטו — ווילנדיק ניט ווילנדיק — זיך מוזן רעכענען!

— און ווער האָט די שטעט געגעבן אַזעלכע כאַרטיעס? — האָט הערמאַן שעמעוודיק געפרעגט.

— די בורגונדישע הערצאָגן! — האָט אָלדעראָדע געענטפערט — און דערנאָך האָבן די שפּאַנישע מלכים אויך באַשטעטיקט די דאָזיקע כאַרטיעס.

— ס'אַר אַ גוטע זיי זיינען! — האָט הערמאַן אויסגערופן.

— יאָ, גוטע! — האָט אָלדעראָדע געזאָגט, — און די שטעט, וועלכע מ'האָט דידאָזיקע כאַרטיעס געגעבן, און די דערפער זייגען אויך גוטע, נאָך בעסערע פאַר יענע! יענע האָבן געגעבן כאַרטיעס, און די — די שטעט און די דערפער — האָבן זיי געגעבן געלט; יענע פלעגן נעמען און אָנשרייבן אַ פּאַפּירל און די שטעט און דערפער פלעגן זיי ברענגען אויף וועגעלאַך צו פירן גאָלד און זילבער. איבעריקנס פלעגט מען זיך מאַנכמאָל קענען באַגיין אָן דעם אויך: ווען זיי האָבן געהאַלטן שמאָל און מיר פלעגן זיי צושפּאַרן צו דער וואַנט, פלעגן זיי געבן דאָס פּאַפּירל אָן געלט אויך — דער בעסטער מיטל צו פאַרבעסערן אונזער לעבן איז — צושפּאַרן זיי צו דער וואַנט.

— צו וואָס־זשע דאַרף מען אינגאַנצן פירן דעם קאַמף — צוליב אַ פּאַפּירל, עפּעס אַ כאַרטיע?

— אַך, דו פויגל וואָס דו ביסט! ניט אום דעם גייט

דער קאמף, נאר אום א בעסער לעבן: ווען מיר האבן א פאפירל און אלץ געשעט, ווי אין דעם פאפירל שטייט, איז אונז בעסער צו לעבן; האבן מיר אבער ניט קיין פאפירל, און עס געשעט ניט, וואס דערינען שטייט געשריבן—איז זיי בעסער צו לעבן. דאס גאר! יעדער מענטש וויל לעבן וואס בעסער און שענער, יעדערער איז אויסן זיין טובה. צוליבדעם גיט מען שבועות, צוליב דעם איז מען אויך עובר אויף זיי. לאמיר נעמען, למשל, פיליפן. ווען זיין פאטער קארל V. האט זיך אפגעזאגט פון טראן, האט פיליפ מיט אויפגעהויבענע הענט צום הימל הייליק געשווארן „ריכטיק און געוויסנהאפטלעך צו האלטן אלע זכיות און פריווילעגיעס, אלע מנהגים. טראדיציעס, געוויינהייטן און רעכט, וואס זיינען איצט אנגענומען און ווערן אפגעהיט". אבער דאס איז פאר אים פארט אן עיכוב. האט ער גענומען און געבראכן זיין ווארט, און דערנאך האט ער תשובה געטאן און דער פויפסט האט אים מוחל געווען זיין חטא מיט דעם כוח פון זיין מאכט צו מחייב זיין און צו מתיר מאכן. אלץ איז אין דער ארדענונג, ווי עס דארף צו זיין, על-פי דין און על-פי מנהג. די הענט זיינען איצט אלזא פריי—ארבעט, הערצאג אלבא, אויף אלע כלים!...

אלדעראדע איז שטיין געבליבן און האט זיך צעלאכט מיט א הויכן הילכיקן געלעכטער.

—און נאך א נייס האב איך,—האט ער אין א ווײלע ארום ווידער געזאגט: ברעדעראדע האט איבערגעכאפט א וואוג- דער ווי אינטערעסאנטן בריוו פון אלבא צום קיניג. „דעם קיניגס הבטחות—ווערט געזאגט אין דעם דאזיקן בריוו—טאר מען בשום אופן ניט האלטן אזוי הייליק ווי די הבטחות פון א פשוטן בשר-ודם. די אויפפירונג פון דעם מלכות הענגט ניט אפ פון די פרינציפן, פון וועלכע עס הענגען אפ די מעשים פון אונזער איינעם, פון א פריוואטן מענטשן, וואס אזעלכע איז דא א סך אויף דער וועלט" . נישקשה פון א ווערטל

א בלאסער, א שטומער, האט הערמאן אומבאהאגלעך געקוקט אויף אלדעראדען. דער געדאנק האט שטארק געארבעט אין זיין

קאַפּ. יעדעס וואָרט דעם בירגערמייסטערס האָט אויפגעהויבן אַ גאַנצן שטורים אין זיין נשמה. הינטער יעטווידער וואָרט אַזאַ, הינטער יעטווידער אויסדרוק פֿון דער אָדער יענער לאַרטיע אָדער שבועה האָט ער געשפּירט לעבעדיקע מענטשן, מיט פֿלייש און און נערוון, זייערע האָפֿענונגען און שטרעבונגען צו אַ בעסערן לעבן, זייערע חלומות, זייער מי און אַרבעט און דחקות אין דעם קאַמף פֿאַר דעם דאָזיקן לעבן. די ליידן פֿון די איינע, דאָס גליק פֿון די אַנדערע; און דאָך האָט הערמאַנס יונגער שכל, וואָס איז אָנגעשטימט געוואָרן פֿון דעם אַלטן ראַמעניוס איינגעפֿונען, ריכטיקער — געשפּירט עפּעס מאַטעמאַטישע קאָנגזי־טיקע פֿאַרהעלטניש—די פֿאַרהעלטניש פֿון פּאַרקערטער פּראָפּאָר־ציאָנאַליטעט. און ניט די טויטע, מליצהדיקע אויסדרוקן פֿון די לאַרטיעס און אַנדערע אָפֿיציעלע פּאַפּירן האָבן אים געצערט, נאָר דווקא דידאָזיקע מענטשלעכע ליידן, וואָס זיי האָבן גע־קענט ברענגען אָדער באַזייטיקן, און דידאָזיקע ליידן האָבן וואָס פֿון טאָג אַלץ מער אויפֿגערירט הערמאַנען. און ער האָט אַלץ מער און מער אָנגעהויבן צו באַנעמען יענע קראַפֿט, וואָס צווינגט דעם מענטשן ניט מורא צו האָבן ניט פֿאַר די שייטערס פֿון דער אינ־קוויזיציע, ניט פֿאַר דעם עשאַפֿאָט פֿון דעם בלוטיקן ראַט. און ווי בלאָס און אָן פֿאַרב פֿלעגן אים אין אַזעלכע מינוטן אויסווייזן די לאַנגע שורות ציפֿער, וואָס פֿלעגן אַריינברענגען ראַמעניוסן אין אַזאַ התפּעלות...

ס'איז אָבער אַוועק אַ טאָג, אַ טאָג נאָך אַ טאָג, און אונטער דער ווירקונג פֿון נייע שמועסן מיט ראַמעניוסן פֿלעגט הערמאַן זיך ביסלעכווייז באַרואיקן. די ליידנשאַפֿטלעכע ליבשאַפֿט פֿון דעם אַלטן צו דער וויסנשאַפֿט האָט ווידער געמאַכט איר רושם אויף דעם בחורס האַרץ. דער סוד, וואָס רינגלט דעם מענטשן אַרום, האָט אים ווידער געלאָקט, און אים האָט זיך געוואָלט קעמפֿן קעגן דעם דאָזיקן סוד, באַקעמפֿן אים.

די צייט איז געגאַנגען, און דער בחור איז געוואַקסן אי גייסטיק, אי פֿיזיש. אמת, די סודות פֿון מעשי־בראשית האָבן אים אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געצויגן צו זיך, אָבער נאָך

שטאַרקער האָבן פאַרנומען זיין שכל די סודות פון דעם מענטשלעכן גליק, די סודות פון אַ גליקלעכן לעבן אויף דערזעלביקער ערד, וועלכע האָט אַזויפיל מיליאָן מאָל זיך באַוואַשן מיט שווייס, בלוט און טרערן פון אַזויפיל מענטשן... הערמאַן האָט אַלץ מיט מער קאָפ זיך צוגעהערט צו די ווערטער פון אַלטן אָלדעראָדע און אויפגעכאַפּט אַזוי ווי אין דער שוועב די לאַנגע שורות בילדער און אידעען, שטימונגען, געפילן, מיט וועלכע דער אַלטער בירגערמייסטער, אפשר אַליין ניט וויסנדיק דערפון, איז געווען אַזוי רייך... די שטימונג האָט זיך איבערגעגעבן פון מענטש צו מענטש, אין די פשוטע ווערטער אָלדעראָדעס האָט ווי פון אַ קוואַל געשלאָגן דאָס לעבן, און ווי אַ הייליק און ברענענדיק פייערל האָט געפלאַקערט אי כעס אי ליבשאַפט אי חשק צו קעמפן. הערמאַן האָט אַלץ קלאָרער געפילט, אַז אַ פונק פון דעם דאָזיקן פייערל איז אים אי נעענטער אי אָנגענעמער, ווי די פונקען פון גאָט — די שטערן, אַז אַזאַ פונק ברענט שטאַרקער זיין האַרץ, ווי די שטומע אין־סופיקע רחבות פון הימל.

קאפּיטל פיר.

וויסנשאַפט און לעבן.

עסטערדאַם איז געווען באַלעגערט. אויף די מויערן האָט געקאָכט דער קאַמף. און דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס איז ווי פריער געזעסן אין זיין טורימל און אָבסערווירט דעם גאַנג פון די שטערן און פלאַנעטן און געמאַכט זיינע באַרעכענונגען. ווי פריער זיינען אין זיין נשמה געשטאַנען די גרויסע פראַגן פון דער נאַטור, וואָס ער האָט שוין אַזויפיל יאָרן, ניט מיד ווערדיק, געזוכט אויף זיי אַן ענטפער. וואַלטער ראַמעניוס האָט שלעכט געזען דאָס, וואָס טוט זיך אַרום אים. די שפּאַנישע באַבעס האָבן צו אים ניט געגרייכט. דער רעשדיקער המון האָט ניט אַריינגעקוקט אין דעם שטילן געסל, וואו זיין הויז איז געשטאַנען. וואַלטער ראַמעניוס האָט ניט געהערט און ניט געוואָלט הערן, וואָס עס קומט פאָר אויף די מויערן פון שטאָט. און וואָס איז דער חידוש? קורץ פאַר דעם, ווי צו עסטערדאַם האָבן זיך דערנעענטערט דאָס שפּאַנישע חייל, האָט אין דער נשמה פון דעם געלערנטן מאַטעמאַטיקער אויפגעבליצט אַ געניאַלער געדאַנק—אַזאַ געדאַנק, וואָס ווערט געבאָרן אין איינעם אַן אויסדערוויילטן פון מיליאָנען מענטשן. די נאַטור—דאָס איז אַ גרויסע רעטעניש. מ'מוז זי ניט נאָר שטודירן—מ'מוז זי ט ר ע פ ן. פאָראויס פאַר דער פאָרשונג גייט דאָס ט ר ע פ ן. די גרויסע סודות פון מעשי-בראשית האָבן זיך תמיד אַנטפּלעקט עפּעס ווי פון זיך אַליין—אין איין געטלעכן מאָמענט. און די אומגלויבלעכע אנשטרענגונגען פון שכל, געדאַנק, וויסן, אַרבעט—זיינען פאַרווענדט געוואָרן נאָר דערויף, צו דערווייזן די ריכטיקייט פון דעם אויפגעבליצטן פתרון, צו מאַכן אים באַשיינפּערלעך פאַר אַלעמען.

וואלטער ראמעניום האט געפונען אזא פתרון. דער מעכטיקער שכל אנגעשטימט אויף איינאיינציקער נאטע, באוואפנט מיט די ברייטסטע און פינקטלעכסטע קענטעניש, וואס די דעמאלטיקע צייט האט נאר געקענט געבן, האט נאך לאנגע שווערע מאטערנישן ארומגענומען, משיג געווען יענץ ווינקעלע פון מעשי=בראשית, וואס האט אים אינטערעסירט, וואס איז געווען נאענט צו זיין הארץ אזויפיל צענדליקער יארן — ארומגענומען, פארבונדן דורך איין השערה, אז די ווירקינג פון די הימלישע לייכטערס אויפן אנדערן איז ניט קיין חלומות פון אסטראלאגן=שטערנזעער, נאר א ווירקלעכער פאקט, אז די לבנה ציט צו דאס וואסער פון די אקעאנען און ימען, און דערפון ווערן צופלוסן און אפפלוסן, אז זי ציט צו ניט נאר וואסער, נאר וואסער=דאמף אויך און אייז אויך, — מיט איין ווארט, אי הארטע קערפערס, אי פליסיקע, אי גאזן — אלע קערפערס, וואס זיינען נאר דא אויף דער ערד און אומעטום, וואו דאס זאל ניט זיין. דערדאזיקער געדאנק, וואס האט ווי א בליץ דורכגעצוקט אין דעם אלטנס מוח, האט אנגעצונדן זיין גאנצע נשמה. דער געדאנק האט זיך צופלאקערט אין איר ווי א העלער פלאם. באהערשט פון דעם געדאנק — איז דער אלטער געווארן אזוי אויפגערעגט, ווי ער איז שוין ניט געווען לאנגע יארן, זינט די טעג פון זיין ווייטער יוגנט. ער האט זיך שוין אפגעוויינט פון אויפרעגונגען, אבער דער אנטפלעקטער אמת האט אים געפייניקט און געברענט און ניט געגעבן קיין רו סיי ביטאג סיי ביינאכט.

געשען איז דאס אין דערזעלבער צייט, ווען ער האט מיט א יאר דריי פאר דער באלאגערונג פון עסטערדאם, עפעס איינמאל געוואנדלט איבער דער גרויסער עסטערדאמער דאמבע און האט געהערט דעם אנפראל פון דעם ים אן איר גרויסער מאסע. ס'איז געווען ניין א זייגער אינאוונט. דער הימל איז געווען לויטער. א פולע לבנה האט העל ארונטערגעקוקט אויף דער ערד. די כוואליעס האבן ריטמיש זיך געשלאגן אן דער דאמבע, זיך צוגאסן איבער איר שיפוע, אנגעפראלט און אפ=

געטראַכט, מיטשלעפּנדיק צוריק קליינע שטיינדלעך און זאַמד. די דאַמבע האָט עפּעס ווי געהוידיעט, און דאָס וואַסער האָט זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער. דער צופֿלוס איז געווען אין רעכטן ברעג; די כוואַליעס האָבן עפּעס ווי געזוכט אַריבערצוציִען איינע די אַנדערע, געקראָכן איינע אויף דער אַנדערער אַרויפֿצו און אַרונטער, גלייך ווי זיי וואָלטן וועלן פֿאַרפֿלייצן די דאַמבע, גלייך ווי זיי האָבן זיך געצויגן צום הימל, וווּ עס האָט העל און רויִק-קאַלט געגלאַנצט אַ קיילעכדיקע לבנה. אירע שטראַלן האָבן באַגולט דעם רוקן פֿון די כוואַליעס; אַזוי ווי פֿונקען האָבן איבער זיי געגלאַנצט און געשפּילט די גאָלדענע אָפּגלאַנצן. איז אפֿשר גאָר די לבנה שולדיק אין דעם דאָזיקן מעכטיקן אָנפֿאַל פֿון די כוואַליעס? אפֿשר ציט זי דאָס די וואַסער-מאַסע צו זיך, צום הימל? אפֿשר רופֿט זי דאָס אַרויס סיי דעם צופֿלוס סיי דעם אָפּפֿלוס אויף דעם גאַנצן כדור-הארץ?..

דער מעכטיקער, אימהדיקער, גראַנדיאָזער ים האָט אונטערגעזאָגט ראַמעניוסן די תשובה אויף דער דאָזיקער פֿראַגע. דער אַלטער געלערנטער האָט געטראָפֿן די גרויסע רעטעניש, וואָס דער פּתרון אויף איר האָט מיט דער צייט געדאַרפֿט מאַכן אַ גאַנצע עפּאָכע אין דער געשיכטע פֿון חכמות און וויסנשאַפֿטן.

ראַמעניוס איז געקומען אַהיים עפּעס ווי אַ שיכורער און האָט ניט געקענט רוען. ער האָט אַראָפּגעשלעפּט פֿון די פּאָליצעס איין בוך נאָכן אַנדערן. דאָ זיינען געווען זיינע באַליבטסטע ספֿרים: די ווערק פֿון אַלבערט דעם גרויסן, אַריסטאָטעלעס און עוקלידעס, קאָפּערניקוס, פּורבאַך, רעגיאָמאָנטאַן, דער „טראַקטאַט וועגן גלייכגעוויכט" פֿון נעבער, די באַרימטע „אַלפֿאָנס-טאַבעלעס", דער טראַקטאַט וועגן דעם פּלאַנעטן-קרייז" פֿון סאַקראָבאָסקאָ און די ווערק פֿון ראַימאָנד לוליי. דער אַלטער האָט זיך געגריבלט אין די דאָזיקע ביכער און האָט עפּעס געזוכט מיט אַ מאָדנעם ברען. ער האָט געגאַרט נאָך אייזערנע ראיות, נאָך באַשיינפּערלעכע באַווייזן. ער האָט געגאַרט

נאָך קלאָרקייט און פשטות. ער האָט געוואוסט, אַז אַלע גרויסע וואָרהייטן זיינען קלאָר און איינפאַך, און ער האָט געזוכט, גע־יאָגט זיך נאָך דעם דאָזיקן פשוטן און קלאָרן אויסדרוק פאַר דאָס, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן אין זיין מוח אַזוי ווי אַ בליץ.

און אַ טאָג פאַר אַ טאָג איז אַריבער אין דיזאָזיקע זוכע־נישן. דער אַלטער האָט ניט געמערקט, ווי די צייט פליט. ס'איז אַריבער אַ יאָר, אַ צווייטער, אַ דריטער. ראַמעניוס איז אינגאַנצן געווען אַריינגעטאָן אין זיין אידעע. זיין השערה האָט זיך אָנגעקליידט אין פלייש און בלוט. דער געלערנטער האָט געפילט, אַז ער שטייט אויף דעם ריכטיקסטן וועג און האָט זיך געאיילט צו גיין אויף אים. וואַלטער ראַמעניוסעס נשמה איז געווען פול מיט הייליקער התלהבות, וואָס האָט געשטופּט זיין שכל אַלץ ווייטער און ווייטער. פאַר קיין אַנדערע געפילן איז אין זיין נשמה מער קיין אָרט ניט געווען. דער אַלטער מאַטעמאַטיקער האָט ניט געמערקט, וואָס עס גייט־פיר אַרום אים.

עסטערדאַם איז שוין לאַנג געווען אין באַלאַגערונג. אויף די מויערן פון דער פעסטונג האָבן געדונערט די האַרמאַטן און ביקסן און בלוט האָט זיך שוין געגאָסן. און ביי דעם אַלטן ראַמעניוס אין מוח האָט זיך אַנטפּלעקט איין בילד נאָכן אַנדערן: „פאַרוואָס ציט די לבנה צו דאָס וואַסער? אין איר איז פאַראַן עפּעס אַזאַ באַזונדערער כוח. אויב ער איז אָבער דאָ אין דער לבנה, דאַרף ער דאָך אויך זיין אין אַנדערע הימלישע לייכטערס— אין מאַרס, אין ווענוס, אין דער ערד... און אויב ער איז פאַראַן אין זיי, מוז ער דאָך אַלזאָ זיין אויך אין ווייערע טיילכעלעך. צעקלאַפּ די לבנה אָדער די ערד אויף דער העלפט, וועט אין זיי אַלץ זיין דערדאָזיקער כוח, הגם ניט אַזוי גרויס. מעגסט נעמען כאָטש אַ פּיצל פון דער ערד—אַ שטיין פון איר איבערפלאַך, אַ טיילכל פון דעם שטיין — אויך אין זיי איז דער כוח פאַראַן בלתי שום ספק. דערדאָזיקער כוח איז אַ צו־ציענדיקער. אָט ער האַלט עס צוזאַמען די הימלישע לייכטערס איינס מיטן אַנדערן. אָט ער פאַרבינדט אי די זון אי די פּלאַ־נעטן אי די קאָמעטן אי אַלע וועלטן אין איין סיסטעם; אָט ער

גיט עס צו איינהייטלעכקייט דער אומענדלעכער מאַסע פֿון די אַן אַ צאָל וועלטן, וואָס זיינען צעזייט איבער דעם אין־סוף פֿון דעם הימלישן רוים..."

די האַנט פֿון דעם אַלטן מאַטעמאַטיקער האָט געציטערט, ווען ער האָט פֿאַרשריבן אין זיין בוך דידאַזיקע שורות, וואָס די געטלעכקייט אַליין האָט אים זיי עפּעס ווי אונטערגעזאָגט. איז דען דאָס אַלץ, וואָס ער האָט פֿאַרשריבן, ניט קלאָר און ניט פֿאַרשטענדלעך? דאָס איז דאָך אַזאַ אמת, וואָס רעדט אַליין פֿאַר זיך! אין דער צייט פֿון צופֿלוס הייבט זיך דאָס וואַסער אַרויפֿצו, ציט זיך צו דער זון; אַ שטיין, געוואָרפֿן פֿון דער האַנט, פֿאַלט, ציט זיך צו דער ערד. די לבנה גייט ניט אַוועק פֿון דער ערד, וואָרים די ערד ציט זי צו, און די ערד, מאַרס און די איבעריקע פּלאַנעטן גייען ניט אַוועק פֿון דער זון, ווייל די זון ציט זיי צו.

דער גרויסער סוד פֿון מעשי־בראשית איז געפֿונען! עס עס איז געפֿונען דער גרונד־געזעץ פון דער וועלט! באַהערשט פֿון דעם דאָזיקן גרויסן געדאַנק, האָט דען דער אַלטער וואַל־טער ראַמעניוס געקענט הערן אין יענע מינוטן דעם דונער פֿון די האַרמאַטן, וועלכע האָבן געקנאַלט אויף די מויערן פֿון דער פֿעסטונג? אַרויסקוקנדיק פֿון זיין טורימל, האָט ער דען געקענט זען עפּעס אַנדערש אַחוץ דער אומענדלעכער רחבות פֿון הימל? האָט ער דען געקענט באַמערקן דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך גע־טאָן אויף די גאַסן און אויף די מאַרקפּלעצער? יאָ, ער, די גאַנצע נשמה זיינע זיינען דאַמאָלט געווען ערגעץ ווייט, ווייט. זיצנדיק ביי זיך אין צימער איבער די לאַנגע שורות ציפֿער, פֿאַרטאָן אין די האַרבע און פֿאַרפּלאָנטערטע באַרעכענונגען, וואָס מיט דריי הונדערט פֿופֿציק יאָר צוריק, לויט דעם דע־מאָלטיקן שטאַנד פֿון דער וויסנשאַפֿט, זיינען זיי געווען נאָך פֿאַרפּלאָנטערטער און האַרבער, איז וואַלטער ראַמעניוס מיט דער נשמה זיינער געווען ניט אין דעם דאָזיקן האַלב־פֿינצטערן חדר פֿאַרשטעלט מיט גלעזערנע כלים, רעטאָרטעס און קאָלבעס, פֿאַרוואָרפֿן מיט ביכער און כתב־ידן. ער איז געווען גאָר דאָרטן,

צווישן די פלאַנעטן, צווישן די שטערן. ער איז אַוועק פֿון דערדאָזיקער וועלט, וואו הארמאַטן האָבן גערונערט און בלוט האָט זיך געגאָסן, און אין דער צייט, ווען די אַנדערע אַרום אים האָבן געהונגערט, האָט ער, דעם אמת געזאָגט, ניט גע־וואָלט ניט עסן און ניט טרינקען...

די אַלטע גערטרודע פֿלעגט נאָר טרויעריק שאָקלען מיטן קאָפּ, אויסער זיך פֿאַר חידוש, וואָס איר אַלטער בעל־הבית זאָרגט זיך אַזוי ווייניק וועגן דעם שטיקל ברויט. צו וואָס־זשע האָט זי זיך אַזוי געפֿלייסט, געבליבן אָן כוחות, אָנגרייטנדיק עסנוואַרג אויף די שלעכטע טעג? אפֿשר גאָר צעטיילן דאָס עסנוואַרג די פֿאַרחלשטע גוססע מענטשן, וועלכע גייען אַלע ווילע פֿאַרביי פֿאַר איר טיר?

דאָס איז געווען אין אָנהייב באַלעגערונג. די פֿענסטער ביי ראַמעניוסן אין הויז האָבן געציטערט פֿון דער שיסעריי. דאָס געפֿעס האָט געקלונגען. אוודאי האָט דאָס אַלץ אויך דער אַלטער געלערנטער געהערט. האָט ער דען געקענט ניט זען דאָס, וואָס טוט זיך אַרום אים? ער האָט געזען אַ סך און געהערט אַ סך. מערניט ער האָט דעם אַלעם ניט צוגע־געבן קיין שום באַדייטונג.

דאָס אַלץ וועט פֿאַרשווינדן, דאָס אַלץ וועט אַריבער. בלוט וועט זיך ניט גיסן, ווען אויף דער ערד וועט הערשן דער אמת. די מלחמות וועלן אויפֿהערן. ס׳וועט ניט זיין קיין רציחות און קיין עוולות, ווי עס הערט געזונגען אין אַן אַלט סטודענטיש ליד, וואָס דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט עס אויסגעלערנט פונקט מיט פֿערציק יאָר צוריק אַלס סטודענט פֿון פּאַדוער אוניווערסיטעט: „אַוועק די שווערע יאָרן—ס׳קומט אָן אַ נייע צייט, אידעען וועלן נייע זיין און נייע אויך די לייט. ס׳וועט אויפֿהערן דער ביטערער און אומטענטשלעכער שטרייט; פֿון אַרבעט און פֿון ווינסנשאַפֿט וועט אָנקומען אַ צייט!"

אמת, דאָס אַלץ וועט זיין ניט אַזוי גיך, אָ, ווי ניט גיך! און ביז יענער צייט וועלן נאָך ניט ווייניק דורות מענטשן אַוועקגיין פֿון דער וועלט און פֿאַרפֿוילט ווערן אין קבר...

פֿונדעסטוועגן האָבן אויך די געשעענישן זייער לאָגיק, הגם אַ לאָגיק אַ אומגעלומפּערטע, אַ לאָגיק, וואָס קאָמבינירט זייער לאַנגזאַם אירע סילאָגיזמען. די וויסנשאַפֿט בויט זי שנעלער — וועט זי קומען צו הילף די געשעענישן... אַלץ וועט מקוים ווערן, אַלץ וועט קומען אין זיין צייט. זאָל זיין, אַז ניט אַזוי גיך. אַלץ פֿאָדערט צייט, אַרבעט און געדולד.

דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט שוין לאַנג און פֿיל געטראַכט דערפֿון. געטראַכט און דערטראַכט זיך צו אַ באַשייד, און אויפגעהערט דערפֿון צו טראַכטן.

אַצונד האָט ער געהאַט אַן אַנדער מחשבה, אַ העכערע. ער האָט געאַרבעט איבער זיין געפֿונענעם פּתרון, אויסדריקנדיק אים אין אַ לאַנגער און האַרמאָנישער שורה ציפער און מאַטעמאַטישע פֿאָרמולעס.

און אונטער דעם דונער פֿון די האַרמאַטן און ביקסן, אונטער דעם ציטערן פֿון די שויבן און געפֿעס, איז וואַלטער ראַמעניוס גאַנצע טעג געזעסן ביי זיך אין פֿינסטערלעכן צימער, פֿאַרוואַלגערט מיט ביכער, און געשריבן נאָטיצן, געמאַכט אויס־רעכענונגען. לעבן אים האָט געאַרבעט זיין אַדאָפּטירטער זון הערמאַן. ער האָט אויך עפּעס געצייכנט און געחשבונט, זיך געפֿלייסט צו זיין וואָס פֿלייסיקער און אויפֿמערקזאַמער. אָבער אין זיין נשמה איז פֿאָרגעקומען גאָר ניט דאָס, וואָס ביי דעם אַלטן מאַטעמאַטיקער. פֿון דער וויטער קאַנאָנאַדע פֿלעגט ער ניט ווילנדיק זיך אַ צאַפּל טאָן. ווען די שיסעריי פֿלעגט שטאַר־קער ווערן, די שאָסן פֿלעגן ווערן אָפֿטער און הילכיקער, איז די פען ניט ווילנדיק אַרויסגעפֿאַלן הערמאַנען פֿון דער האַנט, און אַזעקרוקנדיק פֿון זיך די אַרבעט, פֿלעגט ער מיט געבעט אין קול זאָגן צום אַלטן:

— פֿאָטער, דו הערסט, צי דו הערסט ניט? ס'האָט זיך שוין ווידער דאָרט אָנגעהויבן! וועלן זיי דען מנצח זיין, און אונזער זאַך וועט גיין פֿאַרלוירן?

אָבער דער אַלטער ראַמעניוס, פֿאַרטיפֿט אין זיין אַרבעט, האָט עפּעס ווי גאָרניט געהערט דעם יונגם פֿראַגן. אַז הערמאַן

פֿלעגט ענדיקן איין חשבון, האָט אים דער אַלטער גלייך געגעבן א צחייטן. ווען הערמאַן האָט אים געבעטן אָפּלייגן די ארבעט, פֿלעגט דער אַלטער נעמען בעטן אים רחמים עס ניט צו טאָן. ער דאָט געבעטן מיט א פיבערדיקער געווייצטקייט, גלייך עס וואָלט אים גיין אין לעבן. גיכער! מ׳מוז זיך איילן און איילן! מ׳דאַרף נאָר פֿאַרשטיין, וואָס פֿאַר אַן ארבעט דאָס איז! צי דען קאָנען נאָר אַלטע לייט פֿאַרשטיין דעם ווערט פֿון דער חיסנשאַפֿט, און א יונגער מאַן איז גאָר-ניט מסוגל צו באַפּן התפּעלות פֿון איר גרויסקייט און גלאַנץ? מ׳דאַרף דאָך זיין שוין גאָר א נאַרישער מענטש, מ׳דאַרף דאָך האָבן שוין גאָר א פֿאַרשטיינערט האַרץ, מ׳זאָל זיך ניט איבערגעבן מיט לייב און לעבן צו אַן ארבעט, וואָס איז זעלטן ווען באַשערט אָפּצוטאָן א מענטשן — אַן ארבעט צו דערגיין פּינקט-לעך, גענוי און אייזנפֿעכט איינעם פֿון די גרעכטע סודות פֿון מעשׂי-בראשית! באַפֿליגלט און באַהערשט פֿון זיין אידעע, האָט דער אַלטער שוין אַזוי ווי געזעען בנבואה יענע איבערקע-רעניש אין די מענטשלעכע מוחות, וואָס זיין אַנטדעקונג וועט אַנמאַכן גאָר אינגיכן, קוים וועט ער זי נאָר אַרויסברענגען פֿון זיין פֿינסטערן ענגן צימער אויף גאָטס ליכטיקער וועלט — פֿאַרן אָנגעזיכט פֿון אַלע מענטשן.

ראַמעניוס איז געגאַנגען צום ציל מיט האַסטיקע טריט. פאַר אים איז שוין געווען קלאָר, אַז אַלע פלאַנעטן, אַלע וועלטן פֿון קאָסמאָס זיינען פֿאַרבונדן צווישן זיך מיט פּינקטלעכע אויף דער האָר מאַטעמאַטישע בענדער, וועלכע זיינען ניט ווייניקער באַשטימט, ווי די וועגן פֿון די גלגלים אין הימל. פֿאָרשנדיק דידאָזיקע וועגן פֿון די פלאַנעטן, האָט דער אַלטער ראַמעניוס שוין לאַנג זיך געשטויסן, אַז דער גרויסער קאָפּערניקוס איז געווען ניט אינגאַנצן גערעכט, אַז די פלאַנעטן נייען אַרום דער זון ניט א יבער קרייזן, נאָר איבער עליפּסיסן, און אַז יעדער פלאַנעט דאַרף האָבן א גענוי באַשטימטע צייט אויף דורכצומאַכן א פֿולן קרייז אַרום דער זון. היינט וואָס-זשע פֿאַר א צוזאַמענהאַנג עקסיסטירט צווישן די פלאַנעטן? צי קאָן מען זי ניט אויסדריקן,

אין א גענויער פארמולע? און דער אלטער האט געזוכט און געזוכט, פאמעלעך, אבער מיט זיכערע טריט געקומען נעענטער צו דער ספערע פון דעם אומבאוואוסטן און אומדערקענטן, וואס אהינצו ווינען נאך אים געגאנגען אי קעפלער, אי טיכא דע-בראהע, אי ניוטאן, און נאך א סך אנדערע.

וואלטער ראטעניוס איז געווען פעסט איבערצייגט, אז ער שטייט אויף א ריכטיקן אויסגעפרובטן וועג.

הערמאן האט געפאלגט דעם אלטן, זיין ליבן טייערן פאטער, וואס האט אים געגעבן חכמה און וויסן, געגעבן צו פארשטיין אזויפיל ערשיינונגען אין דער וועלט, אנגעצונדן אין אים דאס הייליקע פייערל פון הימלישן פלאם און אויסגעלערנט זיין הארץ צו קלאפן מיט א ליכטיקער ליבשאפט צו דער וויסנשאפט — און ער פלעגט זיך ווידער נעמען צו דער ארבעט, גערעכנט און געחשבונט און...

און די צייט איז אלץ געגאנגען און געגאנגען, א וואך נאך א וואך איז אריבער, און וואס אמאל איז אלץ שווערער געווארן דעם בחור צו זיצן ביי די פארמולעס אין דער אייגענער צייט, ווען אויף די מויערן פון עסטערדאם גייט אזא ביטערער שטרייט.

און אפט פלעגט די ארבעט פאלן הערמאנען פון די הענט ארויס, ווי נאר צו זיין אויער פלעגט גרייכן דער דונער פון די שאסן אדער דאס קרעכצן פון פארוואונדעטע, וועלכע מ'האט געטראגן איבערן גאס צו די צוגעגרייטע פונקטן.

און דער כוח-הדמיון האט אים אויסגעמאלט שרעקלעכע בילדער. וואס קומט עס אצונד פאר אויף די ווענט פון דער פעסטונג? האבן זיך די שפאניער חס-ושלום אריינגעריסן אין שטאט אריין? צי דען גייט פארלוירן די הייליגע זאך? צי דען וועט עסטערדאם היינט אדער מארגן אפגעמעקט ווערן פון דער ערד און זיינע איינוואוינער — זיך דערטרינקען אין שטראמען בלוט?

וועט עסטערדאם אומקומען, וועט מיט אים צוזאמען פארלוירן גיין די נידערלענדישע פרייהייט, דער ליכטיקער עתיד

וועט פֿאַרטונקלט ווערן און ס'וועלן פֿאַרטיליקט ווערן גאַנצע דורות מענטשן, דערצויגענע אין דעם באַוואוסטזיין פֿון זייער רעכט און פֿרייהייט, צוגעוווינטע צו דעם קאַמף פֿאַר יושר, פֿאַר איבערצייגונגען, פֿאַר גערעכטיקייט.

דאָס לעבן פֿון מיליאָנען לעבעדיקע באַשעפֿענישן וועט פֿאַרקריפּלט און פֿאַרהויקערט ווערן אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן, אפשר אויף גאַנצע יאָרהונדערטער. איז דען דאָס די לאָגיק פֿון די געשעענישן? צי דען האָבן די מענטשן טאַקע מער קיין ברירה ניט, ווי קוקן דערויף און זיך אונטערגעבן און וואַרטן אויף ניסים? אויב אַזוי, טאָ וואָס-זשע פֿאַר אַ באַטײַט האָט דעם מענטשנס ווילן און פֿאַרלאַנג? טאָ וואָס-זשע קעמפֿן אַצינד די, וואָס זײַנען איצט אויף די ווענט פֿון די פֿעסטונג? נאָך וואָס קומען זיי אום אין נאָמען פֿון אַ בעסערער צוקונפֿט, אַזוי ווי עס זײַנען אומגעקומען זייערע זיידעס און פֿאָטערס און מיליאָנען מענטשן אין אַלע לענדער און אַלע צײַטן, וואָס זײַנען געפֿאַלן, זיך ראַנגלענדיק און שטרעבנדיק און אַרײַנבײַסנדיק זיך אין דער לאָגיק פֿון די געשעענישן? אָבער נאָר אַדאַנק זייער אַרײַנמישונג טאַקע לעבט נאָך צווישן מענטשן דאָס גוטע, דאָס ליכטיקע און הייליקע, וואָס גיט זיי חיות... אַדאַנק זייער אַרײַנמישונג טאַקע הערשט אויף דער ערד ניט דאָס שלעכטס אַליין און די בייזע קרעפֿטן, און די מענטשהייט איז ניט פֿאַרטרונקען געוואָרן אין איר אייגן בלוט, און עס לעבט נאָך דאָס געוויסן, און די פֿרייהייט און די וויסנשאַפֿט און די בערימטע היימישע שטאָט עמסטערדאַם און צוזאַמען מיט איר אויך די אומאָפּהענגיק ניט אײַנגענומענע, פֿרייע, נידערלענדישע פּראָווינצן...

און אין דעם יונגס פֿאַנטאַזיע זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען איינס נאָכן אַנדערן לאַנגע רייען העלדן און זיגער פֿון פֿאַרשיידענע לענדער, וואָס האָבן פֿאַרטיידיקט אייגענע און פֿרעמדע רעכט, אייגענע און פֿרעמדע פֿרייהייט, וואָס האָבן פֿאַרטיידיקט, ניט שוינענדיק זיך, דאָס אַלץ, מיט וואָס עס לעבט און אָטעמט די מענטשהייט אויף דער ערד...

ניין, ניט בײַ דעמדאָזיקן טיש, ניט בײַ דידאָזיקע

פארמולעס איז זיין ארט! הערמאן מוז, מוז, ניט קוקנדיק אויף קיין שום זאך, זיין דארטן, אויף די ווענט פון דער פעסטונג, דארטן, וואו עס ברענט דער קאמף פאר פרייהייט.

סוף־כל־סוף האט הערמאן ניט אויסגעהאלטן. ער האט שוין עטלעכע מאל געפרובט מאכן א רייד וועגן דעם מיטן פאטער, אבער דער אלטער פלעגט אדער שווייגן, אדער איבער־גיין צו אנדערע טעמעס, אדער מאכן עס צו שפאס און א קלאפ טוענדיק הערמאנען אויף דער פלייצע, פלעגט ער זאגן:

— א, איר יונגוואַרג, איר גרין יונגוואַרג, איר משוגענע יונגוואַרג!

עס פלעגט אויך טרעפן טיילמאל, אז הערמאנען איז עפעס געווען בענג און שווער צו ריידן מיטן אלטן. דער יונג פלעגט ניט זעלטן דערפילן אויף זיך זיין טיפן, פארקלערטן בליק, און אין דעם דאזיקן בליק האט געפלאקערט אי ליב־שאפט צו אים אי עפעס א באזונדערע באדויערונג אי טרויער. עס איז געווען קענטיק, אז דער אלטער פארהערט ניט די ווערטער פון זיין אדאפטירטן זון. ניין, ער האט זיי געהערט זייער גוט — ער איז נאר ניט מסכים מיט זיי... ווי־זשע זאל זיין? בלייבן אין דידאזיקע פיר ווענט צווישן די טויטע ציפער און די אבסטראקטע חקירות? הערמאן האט שוין ניט געקענט שלום ווערן דערמיט און ס'איז ביי אים געבליבן דורכאויס זיך דורכצוריידן מיטן אלטן.

דאס איז געווען מיט א וואך דריי שפעטער, ווי די בא־לאגערונג האט זיך אנגעהויבן.

איינמאל פארנאכט, זיצנדיג לעבן דעם אלטן ראמעניוס ביי די פארמולעס, האט אים הערמאן געזאגט:

— פאטער, זיי ניט בייז אויף מיר, גלויב מיר אבער, אז איך קען דא ניט זיצן צוזאמען מיט דיר. ערלויב מיר אויך צו גיין אהינצו, אויף די שטאטישע מויערן!

דער אלטער וואלטער ראמעניוס, פארטיפט אין זיינע מחשבות, האט, דאכט זיך, גארניט געהערט, וואס הערמאן האט אים געזאגט.

— פאטער! ווי דו ווילסט זיך — איך קען ניט מער' איך וועל גיין אויף דער פעסטונגס-כ‍ווער! איך קען דא ניט זיצן מיט פארלייגטע הענט! אין מיר קלאפט דאך אויך א מענטשלעך הארץ!...

דערהערט די לעצטע ווערטער, איז דער אלטער מאטע-מאטיקער פלוצלונג געווארן א אנגעצונדענער און האט זיך אויס-געצויגן, ווי הויך ער איז געווען.

— ווער רעדט פון א מענטשלעכן הארץ? — האט ער אויסגעשריען מיט היץ. — און איך האב עס דען ניט? זוך איך דען ניט די וואָרהייט — קודם-כל די וואָרהייט פאר די-זעלביקע פינסטערע מענטשן טאקע? און וועלן דען אט דידאָ-זיקע מענטשן שפעטער ניט אויסניצן די דאָזיקע וואָרהייט, ווען איך וועל שוין ניט זיין צווישן די לעבעדיקע? אבער איך זוך די אייביקע וואָרהייט, די אייביקע! ווי נאריש איך וואָלט זיין, ווען איך זאָל געווען פארבייטן מיין אייביק וואָרהייט אויף דעם געטומל פון איין טאג, אויף דעם געטומל פון איין מינוט? פארוואָס-זשע פארשטייסטו דאָס ניט, מיין פריינד? פארוואָס-זשע האסטו זיך נאך אלץ ניט אויסגעלערנט ליב צו האָבן די וואָרהייט, — ליב האָבן זי, ליב האָבן מער פאר אלצ-דינג אין דער וועלט?

און ווייט אויף דער שטאָטישער מויער, האָבן די האר-מאטן געדונערט און געדונערט. און איבער דער גאס, פארביי ראטעניוסעס ברוגזן הויז, זיינען אלץ געלאָפן און געלאָפן מחנות מענטשן. ערגעץ-וואוהין האט מען געטראָגן פארוואונדעטע אין גוססע, געפירט קאסטנס מיט פולווער און גראנאטן. אלע ווילדע האָבן געהילכט די אויסרופן: „לעבן זאָל פאטער וו'להעלם, לעבן זאָל די פרייהייט פון אונזער לאנד!" און דידאָזיקע אָפּ-געריסענע קולות, דערדאָזיקער ווייטער געהילך פון דער שיסע-ריי האָבן אין הערמאנס נשמה געפונען אַ סך מער אָפּקלאנגען, ווי די דערהויבענע און פייערדיקע ווערטער פון דעם אלטן ראַ-טעניוס וועגן דעם אייביקן אמת. ער האָט קיין זאך דעם אלטן ניט געענטפערט, ער האָט אים פשוט געזאָגט:

— פאטער, זיי מיר מוחל! איך וועל גיין אויף דער שטאט'שער מויער.

דער אלטער וואלטער ראמעניוס איז אויף אן אמת אין כעס געווארן און איז ארויס פון די כלים:

— מיין טייערער פריינד! האט ער אויסגערופן — דו פארגעסט אינגאנצן, אינגאנצן אן... מיר. דו פארגעסט מיין ליבע צו דיר און מיין גאנצע זארג וועגן דיר! מיין רו, ווייזט אויס, גייט דיר גארנישט אן. דו האסט נאר איינס איינגעחזרט: איך גיי און איך גיי!.. דאס, וואס דו זאגסט, איז—נארישקייט. דו ביסט נאך א גרינער אגרעס. באטראכט נאר אליין מיט קאפ: וואס פעלט דיר דען? דו מוזסט דא א גוטע, א ניצלעכע, א נויטווענדיקע ארבעט! דארט אבער וועסטו נאר אונטערשטעלן דיין שטערן אונטער די אומגעלומפערטע, אומזיניקע, משוגענע קוילן. דיינע קענטעניש, דיין שכל זיינען דארט לגמרי איבעריק. דארט דארף מען בלויז האבן געזונטע, שטארקע פיס און הענט. אבער וואס פאר א באטרעף האבן דען דיינע הענט און פיס און אפילו דער שכל דיינער אין דערדאזיקער מאסע פון מענטשן? קיין שום באטרעף, מיין טייערער, קיין שום באטרעף! דיינע הענט און פיס און צוזאמען מיט זיי אויך דו אינגאנצן — זייט איר א נול, א איינס, געטיילט אויף א אומענדלעך גרויסער גרייס. דו ביסט אינגאנצן אין דער צוקונפט, אינגאנצן—פארוועדטס. מאך פארמאך די אויגן אויף דעם היינט און נעם זיך, איך בעט דיך, רחמים בעט איך דיך,—וואס גיכער צו דער ארבעט.

הערמאן האט געשוויגן. אבער דידאזיקע ווערטער פון דעם אלטן האבן ניט געפונען קיין אפקלאנג אין זיין נשמה. צי דען קען מען דאס אייגענע אויך ניט זאגן וועגן יעדן איי-נעם, וועלכער ראנגלט זיך איצט דארטן, אויף די מויערן פון דער פעסטונג? האט דען יעדערער פון דידאזיקע מענטשן ביז דעם קאמף פאר פרייהייט אויך ניט געטאן ניצלעכע און נויטווענ-דיקע ארבעט? און אלע האבן זיי געווארפן די ארבעט און זיינען אוועק צום קאמף! פון זיי האט זיך עס דאך שוין צונויפ-

געשטעלט דידאָזיקע מחנה מענטשן, וואָס שלאָגט זיך איצט פֿאַר דער פֿרייהייט!

— פֿאָטער, זיי ניט בייז אויף מיר! כ'לעבן, איך קען ניט, איך בין ניט בכוח דאָ צו בלייבן מער! איך וועל קומען צוריק, ווי נאָר די האַרמאַטן אויף דער שטאָטישער מויער וועלן שטיל ווערן.

— נו, מילא, טו ווי דו פֿאַרשטייסט — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַ אומעטיקן געפֿאַלענעם קול. ער איז עפּעס ווי איינגאַנצן איינגעשרומפּן געוואָרן, זיך אַראָפּגעלאָזט, אָפּגע-שטאָרבן. הערמאַן איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון שטול און, ניט קוקנדיק אויפֿן אַלטן, זיך אַ וואָרף געטאָן פֿון צימער אַרויס.

— רבונו-של-עולם, האָב רחמנות אויף דעם דאָזיקן משוגענעם יינגל, וואָס גייט צעהאַקן זיין לויטערן, קלוגן שטערן אָן דער שטיינערנער וואַנט! רבונו-של-עולם, לאָז אים ניט אומקומען מיט אַ אומזיניקן, פֿאַר קיינעם ניט נייטיקן טויט!

דער מוט פֿון דעם אַלטן וואַלטער ראַמעניום איז פּלוצלונג פֿאַרשוואונדן. ער האָט שוין ניט געקוקט אויף זיינע שורות ציפֿער. אַ בלאַסער, אָן כוחות, איז ער געזעסן אין זיין שטול און האָט נאָר געמורמלט:

רבונו-של-עולם! היט אָפּ און זיי מציל מיין זון!

ס'איז אַריבער אַ שעה און אַריבער די צווייטע. דער אַלטער וואַלטער ראַמעניום איז אַלץ געזעסן און געטראַכט, אָנגעלענט דעם גרייזגרויען שיינעם קאָפּ אויף זיין ביינערדיקער, געלער האַנט.

די קאַנאָנאַדע האָט זיך שוין מער ניט געהערט. די שפּאַניער האָט מען אָפּגעשלאָגן מיט אַ קאַלאָסאַלן אָנווער. אַז הערמאַן איז געקומען צו לויפֿן צו די שטאָטישע מויערן, זיינען דאָרט געשטאַנען בלויז די וואַכלייט. אַלע די, וואָס האָבן זיך געשלאָגן, זיינען אַוועק אָפּרוען און אונטערלענען די אָפּגעשוואַכטע כוחות מיט שלאָף אָנשטאָט עסן.

* * *

די זון איז פֿאַרגאַנגען. איבער די גאַסן און צווישן די

רואינען פֿון דער אונטערשטער שטאָט האָבן זיך שוין געלייגט לאַנגע בלויע שאָטנס. שטיל איז געוואָרן די שיסעריי פֿון די שפּאַנישע באַטאַרייען. אין דעם טיפֿן טונקל־בלויען הימל האָבן זיך אָנגעצונדן די שטערן. אין דעם שפּאַנישן לאַגער האָבן זיך אָנגעצונדן די שייטערס. איבערן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אַ פֿייער־רויטע משונה־גרויסע לבנה און פּאַמעלעך זיך אויפֿגעהויבן איבערן הימעל. ס'איז געוואָרן ליכטיקער און דער טיפֿער וויטער הימל איז געוואָרן נאָך טיפֿער. די כוואַליעס פֿון דעם פֿאַרהאַוועטן ים האָבן שעמערירט מיט מיליאָנען גאָלדיקע פֿונקען. אַ פֿריש ווינטל האָט גענומען בלאָזן. פֿון זיינע שטויסן האָבן די פֿונקען אויפֿגעפֿלאַמט, זיך אַ ריר געטאָן, צעשוואומען געוואָרן אין דער דורכאויסיקער גאָלדיקער דעקע; זיי זיינען זיך צונויפֿגעלאָפֿן און זיך ווידער פֿאַנאַנדערגעלאָפֿן, זיך געוויזן דאָ און באַלד דאָרט. עס האָט זיך געדאַכט — עפּעס אַ באַזונדערע, וואונדערלעכע האַרמאָניע איז דאָ צווישן זייערע באַוועגונגען און דעם אָנפּראַל פֿון די כוואַליעס, וואָס צעשלאָגן זיך אָן דער דאַמבע מיט אַ דומפּן גערויש. די כוואַליעס האָבן זיך געהאַקט אָן איר און זיך צעשאָטן, אַוועקטראָגנדיק מיט זיך קליינע שטיינדעלעך און קיזעלעך. די קלעפּ זיינען געוואָרן דאָ שטאַרקער דאָ שוואַכער. טיילמאָל זיינען זיי ענלעך געווען אויף אַ וויטער קאַנאָנאַדע. טיילמאָל האָבן זיי זיך געקייקלט ווי דער דונער פֿון אַ וועקגייענדיקן געוויטער. דאָס זיינען געווען די מעכטיקע אַקאָרדן פֿון דעם ים, די מעכטיקע האַרמאָניע פֿון דער נאַטור, דאָס מעכטיקע געזאַנג פֿון מעשי־בראשית, צו וועלכן עס האָבן, דאַכט זיך, צוגעהאָרכט די הייטע שטערן.

הערמאַן האָט געוואַנדלט איבער דער שטאָטישער מויער און זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט צו די דאָזיקע קלאַנגען. פֿון דעם שפּאַנישן לאַגער האָט דאָס פֿרישע ווינטל, דער בריז פֿון ברעג, צעטראָגן עפּעס לוסטיקע, הפקרדיקע לידער. ערגעץ־וואו פֿון הינטער דער שטאָטישער מויער, אפֿשר פֿון די געענגטע טירן פֿון דעם גאָטישן קאַטעדראַל, וואָס איז דאָ ניט לאַנג איבערגעמאַכט גען

וואָרן פון אַ קאַטוילישן טעמפּל אין אַ רעפאָרמאַטאָריש געבעטהויז, האָט געגרייכט אַ האַרמאָנישער כאָר־געזאַנג. דאָס האָבן די עסטערדאַמער, גאַרנדיק אויף אַ ישועה נאָר פון הימל, מתפלל געווען, געזונגען הייליקע שירות־ותשבחות און געבעטן גאָט צו ברענגען שלום און יושר אויף דער ערד. אין דער ווייטנס האָבן זיך די וואָך־סאָלדאַטן איבערגעשריען אויף די מויערן פון דער פעסטונג. אויף די פּאַראַפּעטן, הינטער די שטיינערנע ציינער, האָבן אויסגעצויגענערהייט געשלאָפן הונדערטער און טויזנטער מענטשן, פאַרחלשטע פון הונגער און מידקייט. דערביי מאַקע האָבן זיך געוואַלגערט די נאָך ניט צוגענומענע הרוגים, בלייכלעך־בלאַסע, שרעקלעכע אין זייער אומבאַוועגלעכער מאַיעסטעטישקייט, מיט דעם חותם פון אימה און רציחה אויפן פּנים. אַרום איז געווען שטיל. אַלץ איז געווען טויט אָדער געשלאָפן.

הערמאַן האָט מיט אימה געקוקט אויף דיזאָזיקע פאַרקריפּלטע קערפּערס — די אומבאַקאַנטע קרבנות פון געוואַלד און אומגערעכטיקייט. זיי אַלע האָבן נאָך געדאַרפט לעבן און לעבן און האָבן הנאה פון לעבן. אָבער ניין — עפּעס אומגעלומפּערטס, שרעקליכס, משונה בייזעס האָט זיך אַריינגעריסן אין זייער לעבן און געמאַכט מיט אים אַ סוף, זיך אַריינגעריכן, אָפּגעקערט־גערויבט ביי זיי אַלץ — און צו וואָס? צוליב דעם, אַז עטלעכע גליקלעכע, עפּעס אַ נוארקאַרס, אַן אַלבאַ, אַ גראַנוועלאַ זאָלן לעבן אַ גוטן טאָג, אין וואוילטאָג און גליק?... ווער וועט אָבער מאַכן אַ סוף צו דעראָזיקער אומגערעכטיקייט? וואָס מער הערמאַן האָט געטראַכט איבער דעראָזיקער פראַגע, אַלץ שווערער און שווערער איז אים געוואָרן אויפן האַרצן. הערמאַן האָט האָלט געהאַט זיין פאָטער, ער האָט אָבער שוין לאַנג דערפילט, אַז ניט אַלע מחשבות און וואונטשען פון דעם אַלטן, וועלכע האָבן אַ שייכות צום אַלטעגליכן לעבן, געפינען אַ מיטפילנדיקן אָפּקלאַנג אין זיין נשמה... ווי קען גאָר דער פאָטער ניט צוגעבן קיין באַדייטונג דעם דאָזיקן בלוט און דעם דאָזיקן קאַמף פאַר פרייהייט? ווי קען ער גאָר זיצן פאַרטאָן בלויז אין זיין אייגענער אַרבעט, ניט וועלנדיק וויסן פון

קיין שום אַנדערע זאַכן?.. פאַרוואָס האַלט ער, דער אַלטער געלערנטער אינזשעניר, פאַר נייטיק זיך אַריינצומישן אין דעם קאַמף? צי קען דען זיין ווּיסנשאַפט דאָ גאָרניט העלפן? הערמאַנען איז געווען ווייער ניט גוט אויפן האַרצן. אַז ער האָט רחמנות געהאַט אויפן אַלטן, אַז עס האָט זיך עפּעס גערירט אין אים ניט קיין גוטער געפיל קעגן אים.

הערמאַן האָט מורא געהאַט צו קוקן אויף די פאַרקריפּלטע קערפּערס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער שטאָטישער מויער. דאָס, וואָס איז געווען אָנגעשריבן אויף זייערע שרעקליכע פּנימער, איז געווען דאָס אייגענע, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף אַלע איינוואוינער פון עסטערדאַם. אָ, מיין גאָט! מיין גאָט! וואָס טוט מען, וואָס הייבט מען אָן צו טאָן, כדי אָפּצוהאַלטן די אָנקומענדיקע צרה? אַ פינסטערער יאוש האָט אַרומגענומען די נשמה פון דעם בחור. אין דער רגע האָט ער באַזונדערס קלאָר געפילט, וואָס אַ שוואַכע, צאַרטע בריאה ער איז, ווי ניט מסוגל ער איז צום קאַמף און צום האַרטן לעבן. זיין אייגענע אומטעבטיקייט האָט אים אויסגעזען שרעקלאַך. ער האָט געהאַסט אַז דעם פאָטער אַז זיך אַליין, און אַפילו דאָס הערלעכע בילד פון דעם אויפגערודערטן ים, באַלויכטן פון אַ פולער לבנה, האָט ניט געמאַכט אויף אים קיין שום רושם. פונדעסטוועגן האָט דער יונגער, פייערדיקער קאָפּ ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן. וואָס טוט מען? אויף וואָס אַנטשליסט מען זיך? וואָס הייבט מען אָן צו טאָן? „כ'וועל אַוועקגיין, אַוועקגיין פון דעם פאָטער, דעם אַלטן!" ווי אַזוי אָבער גייט מען אַוועק? ווי אַזוי לאָזט מען אים אַליין אַ אומבאַהאָלפענעם, אַ קראַנקן, און אין אַ מאָמענט, ווען ער שטייט אויף דער גרעניץ פון אייביקן רום און דעם גמר פון אַ גרויסער זאַך?

* *
*

הערמאַן איז צו שפּעט געקומען אויף דעם דאָזיקן קאַמפּפּלאַץ, וואָס איז אַזוי רייך אָנגעטרונקען געווען מיט האָלענדיש

בלוט. איצט אָבער וועט ער שוין ניט אַוועקגיין פֿון דאַנען. ער וועט קומען אַהערצו אַלע טאָג. ער וועט אויך קעמפֿן, אַזוי ווי די אַנדערע קעמפֿן. און אַפֿילו שטאַרבן וועט ער אויך קענען ניט ערגער פֿאַר אַנדערע.

שטאַרבן! ווי וואָלט ער וועלן שטאַרבן, צו ראַטעווען די־דאָזיקע מענטשן, די ריזיקע שטאָט און על־כּולם די האָלענדישע פֿרייהייט, דאָס רעכט צו לעבן, דענקען, גלויבן, דאַווענען אויף דעם אייגענעם שטייגער!

און דער ים אין דער ווייט האָט גערודערט, גלייך ווי זיך רייסנדיק עפּעס צי טאָן, עפּעס צו זאָגן. דער ווינט האָט זיך געשטאַרקט. די כוואַליעס האָבן זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער. פֿון הינטער די שוואַרצע חורבות פֿון דער אונטערשטער שטאָט, פֿון הינטער דער אומבאַוועגלעכער מאַסע פֿון דער דאַמבע, דער „פּעפּערין“, האָבן זיך געזעען די ווייסע קאַמען פֿון די כוואַליעס, באַלויכטן מיט דעם שיין פֿון דער לבנה. די כוואַליעס האָבן געקלעטערט אויף די דאַמבעס און מיט אַ רעש זיך צעשלאָגן אָן זיי.

דער ים, וואָס האָט געשאַפֿן דעם שם און די עשירות פֿון די פֿאַראייניקטע פּראָווינצן, דער ים, וואָס האָט זעכדעלעכוויז אָנגעטראָגן דעם באָדן, דער ים דער Protector et Hostis (שטיצער און שונא) האָט אי געזונגען אי געקאָכט, און די שפּריצן פֿון די כוואַליעס זיינען געפֿלויגן פֿון הינטער דער דאַמבע. עס האָט זיך געדאַכט, ווי דער ים שלאָגט זיך אָן איר, כּדי זי צו צעשמעטערן. „צעשמעטערן—האָט הערמאַן געטראַכט—כּדי צו פֿאַרפֿלייצן דעם דאָזיקן פּליין, פֿאַרטרינקען די ערטער, וואו ס'איז אַמאָל געשטאַנען די אונטערשטע שטאָט און איצט וואַרצן זיך די חורבות אירע, די ערטער, וואו די שפּאַניער שלאָגן אומבאַקימערט, גאָר ניט חושד זייענדיק אַפֿילו דעם מוראדיקן שונא“.

קאַפּיטל פינף.

שווערע צייטן.

די צייט איז דערווייל געגאַנגען.

די בירגער פֿון עמסטערדאַם האָט זיך געלעבט אַלץ ערגער און ערגער. דער מין עסן איז שוין לאַנג אויסגעגאַנגען. מ'האָט אויפֿגעגעסן אַפֿילו די לייגזוימען, וואָס מ'האָט געהאַט געפֿונען ביי די סוחרים און די שפּייכלערס. טויזנטער מענטשן זיינען אָפּגעקומען מיט אַבי-וואָס. מ'האָט געגעסן רימען, צעהאַקט אויף קליינע שטיק'עך און געווייקט אין זאַלצוואַסער. מ'האָט געגעסן ווילדע ריבן, לאָבעדע, קראָפּעווע און קרייטעכצער, וואָס מ'פֿלעגט אויסזוכן אונטערן שניי אויפֿן בית-עלמין אָדער ביי די מויערוועגט פֿון שטאָט. פֿון הינט, פערד, קעץ און אַפֿילו שטשורעס און מייז איז שוין קיין זכר ניט געבליבן—מ'האָט זיי לאַנג שוין געהאַט אויפֿגעגעסן. מ'האָט אויך אויפֿגעגעסן פּיטער, אָלדעראָדעם חיים פֿערדעלע. די גליקליכערע האָבן געשאָסן טויבן און שפּערלען און האָבן געכאַפּט פיש. די מער באַהאַרצטע פֿלעגן אַרויס אויף גייעג הינטער די מויערן פֿון שטאָט און זיך צוריקקערן פֿון דאָרטן מיט עטלעכע געפֿאַנגענע שטשורעס, דערפֿאַר אָבער באַצאָלנדיק טיילמאָל מיט דעם לעבן פֿון עטלעכע העלדישע קריגער. מ'האָט זיך אויך געפּרובט דורכברייסן דורך דעם אייזערנעם רינג, וואָס האָט אַרומגענומען די שטאָט פֿון אַלע זייטן, אָבער צו די שפּאַניער האָט מען ניט געקאָנט אַפֿילו צוטרעטן. זיי פֿלעגן פֿאַרנאַרן אין פּאַסטקעס די העלדן, וואָס פֿלעגן זיך אונטערשטעלן אַרויסצוגיין הינטער די ווענט פֿון דער פֿעסטונג. די, וואָס דער שלימזל האָט זיי איבערגעגעבן צו די שפּאַניער אין געפֿאַנגענשאַפֿט, פֿלעגן געטייט ווערן אונטער די גרויזאַמסטע עינויים פֿאַר די עמסטערדאַמער

אין די אויגן. איין האָלענדער האָבן די שפּאַניער אויפגעהאַנגען פאַר אַ פוס מיטן קאָפּ אַראָפּ, און יענער האָט זיך אָפּגעמאַטערט גאַנצע פופצן טעג, ביז דער טויט האָט געמאַכט אַ סוף צו זיינע יסורים. אַ צווייטער „אַפּיקורוס" איז פאַרבּרענט געוואָרן אויף אַ לאַנגזאַמען פייער הונדערט פופציק קלאַפטער ווייט פון שטאָט אויף אַ דאַמבּע. די שטאָט-לייט האָבן געצאָלט די געפאַנגענע שפּאַניער מידה כנגד מידה. די שנאה ביי ביידע צדדים איז געוואַקסן פון שעה צו שעה. אָבער קיין שלאַכטן זיינען ניט געווען. קיין אויספאַלן אויך ניט, נאָר קליינע געשלעגן זיינען געגאַנגען און עפּעס אַ פוילע שיסעריי אין דער פינסטער. מענטשן אָבער זיינען געפאַלן ווי פליגן אָן אַ שיעור. זיי זיינען געפאַלן צווישן די חורבות פון דער אונטערשטער שטאָט. זיי זיינען געפאַלן אויך אויף די מויערן פון שטאָט. זיי זיינען געפאַלן אין די גאַסן און אויף די מאַרקפּלעצער. געפאַלן פון הונגער, פון מגפות, פון דעם שונאס גראַנאַטן און קוילן.

אָבער וועגן דער קאַפּיטולאַציע פון דער שטאָט איז אַפילו קיין רייד ניט געווען. אונטערגעבן זיך האָט נאָך אַלץ קיינער ניט געוואָלט. באַלד-באַלד וועט שוין שלאָגן די שעה, ביז וועלכער דער געריכטער „פאָטער ווילהעלם" האָט זיי געבעטן וואַרטן און אָפּקומען. די קול-מבשרס, די אָנזאָגער פון פרייהייט — די טויבן פליען נאָך אַלץ קומען צו פליען קיין עכטערדאַם מיט פריילעכע בשורות. ווילהעלם האָט שוין צונויפגעזאַמלט אַ חייל. אים האָט זיך אויך איינגעגעבן צו שאַפן געלט. באַלד וועט דע-לאַ-מאַרק אַליין אָרויסגיין אין מלחמה מיט אַ גרויסן פלאָט און שטאַרקן דעסאַנט. באַלד וועט בוראָן באַטענבערג זיי קומען צו הילף פון דער יבשה, וועט באַפאַלן די שפּאַניער פון הינטער אַרום. די פּראָטעסטאַנטישע מדינות פון דייטשלאַנד וועלן זיך, ווייזט אויס, אויך אַריינמישן, אָפּשטעלן די האָלענדישע שחיטה. גענוג אכזריות און בלוט! גענוג איידאָפּע שוידערט פאַר גרויל און עקל צו די שפּאַניער. דער ליכטיקער טאָג גייט, ער קומט — דער טאָג פון דער נידערלענדישער פרייהייט!

זאל מען זיך דען אונטערגעבן? זאל מען דען שטארבן? קינדער, כמעט קינדער אין עסטערדאם פאלט גארניט אראפ ביי זיך. אזוי ווי פריער ארבעטן אלט און יונג, קינד און קייט. יעדערער טוט, וואס ער קאן, נאך מער, וויפל ער קאן. מ'פאלט—אבער ארבעט מען. „די שטאט-לייט ראנגלען זיך אזוי, גלייך זיי וואלטן געהאט זייער גאנץ לעבן געהאלטן מלחמות" — האט געשריבן דאן פרעדעריק דע-טאלעדא צו אלבא זיין פאטער.

און די קוראנטן אויף דער קירך פון דער הייליקער גודולע האבן אלץ געשפילט דעם קאפיטל כ"ב פון תהילים: „אלי, אלי, למה עזבתני?"

די שפאניער האבן עטלעכע מאל געשיקט קיין עסטערדאם זייערע פארלאמענטערן און געפאדערט, מ'זאל זיך אונטערגעבן. אלבא האט צוגעזאגט מוחל זיין די עסטערדאמער, אויב זיי וועלן עפענען די טויערן, זיך אפזאגן פון זייער אפיקורסישער אמונה און אנערקענען דעם קיניגס אבסאלוטע ממשלה. די בירגער האבן געלאכט אין די הויפנס, הערנדיק אזעלכע דיבורים, און געטריבן די פארלאמענטערן פון זיך אן א שום תשובה. ראנגלען זיך קאנען זיי יא, וועלן זיי שוין אויך באשטיין אליין, ווי אזוי איינצוארדענען זייער לעבן אן פרעמדער הילף און פרעמדער איינזאגעניש, און וועלן שוין אליין זיך פונאנדערקלייבן, וועמעס גלויבן איז בעסער. די שפאניער האבן צוגעזאגט חסד און אמת. אבער זייערע הבטחות האבן „אפילו די שטיינער אין די שטאטישע ווענט" ניט געגלויבט, ווי עס דריקט זיך אויס דער שרייבער פון פנקס. דעם שרעקלעכן גורל פון צוטפען און נאארדען האט קיינער ניט געקענט אויסמעקן פון זיין געדעכעניש. דאס מענטשלעכע בלוט איז נאך ניט אפגעטריקנט געווארן אויף די גאסן פון דידאזיקע שטעט; אין דער לופט האט נאך געשמעקט מיט בלוט און דארט האט דער הויכגנעדיקסטער קיניג פיליפ דאך אויך מבטיח געווען זיין חסד. און פרעדעריק דע-טאלעדא האט דאך אויך צוגעזאגט מחילה די פריצים-איבערלויפער, וואס דערנאך האט

ער אליין זיי געהייסן אויפהענגען פאר דער שטאטישער וואנט. א הבטחה, וואס מ'גיט די אפיקורסים, איז דאך לויט די שפא־נישע השגות, קיין אויסגעבלאזן איי ניט ווערט. פאר ברעכן אזא הבטחה פאדערט דער רבונו־של־עולם אויף יענער וועלט קיין דין־וחשבון ניט. ניין און ווידעראמאל ניין! די עסטער־דאמער חעלן די שפאניער קיינמאל ניט גלויבן! ביז די לעצטע טעג וועלן די עסטערדאמער בויען נאר אויף זייערע אייגענע כוחות און אויף דער גערעכטיקייט פון זייער זאך...

כדי אויפצומונטערן די בירגער, וואס האבן פארלוירן דעם מוט, האט אלדעראדע באפוילן, אז מוזיק זאל גיין איבער שטאט און שפילן די באליבטסטע און די לוסטיקסטע לידער פון דעם האלענדישן פאלק. אלע טאג איז דאס פאלק גאנצע מהנותווייז געגאנגען איבער דער שטאט־וואנט, אויך מיט מוזיק, און געזונגען לידער, וואס האבן געמאכט חוזק איבער דער ממשלה פון דעם שפאנישן קיניג. זיי זיינען געגאנגען מיט צע־לאזטע פאנעס, אין די הענט פארשיירנפארביקע פלאגן און געפלייסט זיך מיט אלערליי מיטלען ארויסצוברענגען די שפאניער פון די כלים, אויפרייצן זיי צום קאמף און שטורים פון דער פעסטונג.

די פארצווייפלונג האט צוגעגעבן קרעפטן. די האפענונג האט זיי פארטאפלט כפל־כפלים. די שפאניער האבן נאכאמאל געפרובט נעמען עסטערדאם אין שטורים, און ווידעראמאל האט מען זיי אפגעשלאגן מיט גרויסע אבידות. פון די פעסטונגס־ווענט האט מען זיי באגעגנט מיט א גאנצן האגל קוילן און גראנאטן. מ'האט געשפריצט אויף זיי צעשמאלצן בליי, באגאסן מיט זודיק פעך. אויף די מויערן האט געווימלט ניט נאר פון קריגער, פארהארטעוועטע אין שלאכטן, באוואפנטע מיט די משונהדיקסטע מיני כלי־זיין,—דארטן האבן זיך אויך גע־ראנגלט פופצניאריקע יינגלעך און קינדער אפילו. די פרויען האבן צונויפגעשטעלט א באזונדער קאמפס־באטאליאן, וואס האט אנגעפירט מיט אים די פערציקיאריקע בערטע באקלואן—א

העלדישע מוטער פון צוויי טעכטער, וואָס אלבאַס סאָלדאַטן האָבן זיי געשענדט און פאַרפייניקט צום טויט.

דער דונער פון דער שיסעריי האָט געבראַכט ביז דער וואוינונג פון וואַלטער ראמעניוס. אין דעם טאָג פון דעם דאָזיקן שטורים האָבן די שפּאַניער אריינגעוואָרפן אין עסטערדאַם עטלעכע הונדערט גראַנאַטן. די דעכער און קוימענס פון די הייזער זיינען איינגעפאַלן אונטער זיי, אָנגעוואָרפן א שרעק און אן אימה אויף די שטאָט-לייט. און אַלץ אָפטער און אָפטער, אַלץ שאַרפער און שאַרפער האָט אויף די פּנימער פון די בירגער זיך געוויזן א געפאַלנקייט. נאָך א דריי-פיר טעג קאָנען זיי נאָך מיט צרות ווי עס איז זיך האַלטן. און דערנאָך? וואָס וועט זיין דערנאָך?

*

*

פון יענעם טאָג אָן איז הערמאַן אָפט געקומען אויף די שטאָטישע מויערן און פלעגט דאָרט אָפט אָפּזיצן א לאַנגע צייט, ניט צו באַמערקן, ווי זי גייט אריבער. שעהן נאָכאַנאַנד פלעגט ער אָפּשמועסן מיט די פאַרטיידיקער פון די פעסטונגס-מויערן, זוכנדיק צו פאַרשטיין און צו באַנעמען, וואָס פאַרט טרייבט עס דידאָזיקע מאַסע אין דעם טויט-קאַמף אריין? טיילמאָל פלעגט ער אויך נעמען א שטיקל אָנטייל אין דער שיסעריי, אָדער ער פלעגט שטיין אומבאַוועגלעך און זיך געקוויקט מיט דעם רעשדיקן פאַרהאַוועטן ים.

און אין איינעם פון אַזעלכע טעג האָט אין הערמאַנס קאָפּ פּלוצלונג אויפגעבליצט א געדאַנק, וואָס האָט אים אויסגעוויזן צו זיין פונקט אַזאַ אַנטפּלעקונג, ווי דעם אלטן וואַלטער ראַמעניוסן האָט אויסגעוויזן דער געדאַנק וועגן דער אַלגעמיינער צוציענדיקער קראַפט, וואָס האַלט צוזאַמען די גאַנצע נאַטור, אַלע וועלטן אין איין סיסטעם.

דער אייגענער ים, די אייגענע כוואַליעס, וואָס אַט הייבן זיי זיך אויף און אַט פאַלן זיי אַראָפּ, האָבן אָנגעצונדן

געטלעכע פונקען אין דעם מוח פון דעם אלטן מאטעמאטיקער און פון זיין יונגן תלמיד. פאר וואלטער ראטעניוסן האבן זיי אנטפלעקט די גרויסע ווארהייט פון מעשי־בראשית. דעם יונגן היציקן בחור האבן זיי געוויזן א מעכטיקן מיטל צו העלפן דער גערעכטער זאך — אז אין דעם ארימן, חרובן, דערנידעריקטן לאנד זייער זאל געוועלטיקן יושר און גערעכטיקייט.

די דאזיקע דאמבעס מוזן צעשמעטערט ווערן, דער ים זאל א פלייץ טאן אויף דער יבשה און פארטרינקען זי מיט דעם וואסער־שפיגל גלייך און פאריאגן די בייזע אונטערדריקער.

דער געדאנק איז געווען ניט קיין נייער און ניט קיין אריגינעלער. שוין א סך, זייער א סך מאל האבן די איינוואוינער פון די פאראייניקטע פראווינצן אנגעווענדט דעם דאזיקן מיטל — צעשטערן די דאמבעס — כדי אויסצולייזן זיך און דאס לאנד פון די מעכטיקע שונאים. הערמאן האט עס געוואוסט זייער גוט, און צי איז מעגלעך אויך איצטער אנצווענדן דעם דאזיקן מיטל — וועגן דעם האט ער גארניט אנגעהויבן צו טראכטן אפילו. הערמאן האט געטראכט נאר דערפון, אז דער דאזיקער מיטל מוז אנגעווענדט ווערן. זאלן די אלע, וואס די נשמה לעבט נאך אין זיי, פארענטפערן די פראגע, ווי אזוי אים אנצווענדן! זאל יעדערער זוכן אן עצה דערצו. אויב ניט דער אופן, איז א צווייטער, איז א דריטער — דער ציל מוז דערגרייכט ווערן. זאלן נאר אלע, אלע לעבעדיקע מענטשן זיך פאראייניקן אין דער אלגעמיינער שטרעבונג. זאלן נאר אלע זיך איבערצייגן, זאלן נאר אלע פארשטיין, אז דאס איז דער בעסטער אויסגאנג פון דעם אומגליק, דער בעסטער וועג צו א בעסערער צוקונפט. אך, צו וואס די לאנגע חקירות, בשעת ווען מ'דארף טאן, טאן וואס גיכער!

די אידעע וועגן דעם, ווי אזוי צו ראטעווען די שטאט, האט הערמאנען אינגאנצן פארשלונגען. דאס הארץ האט אים אזוי שטארק געקלאפט, גלייך עס וואלט וועלן ארויסשפרינגען פון דער ברוסט. הערמאן האט לחלוטין אויפגעהערט צו זען, וואס עס טוט זיך ארום אים. אט־אט פאלט די דאמבע איין,

דער אָקעאַן גיט אַ פֿלייץ־אָן אויף דער יבשה—און די שפּאַניער זיינען פֿאַרלוירן, ווערן דערטרונקען אָדער אַנטלויפֿן. און די האָלענדישע פֿרייהייט פֿייערט איר נצחון! ניין, דאָס מוז דערגרייכט ווערן! מוז, נישט אַנדערש! הערמאַן איז געשטאַנען אויף דער שטאָטישער מויער, אָנגעשפּאַרט מיטן איילנבויגן אָן אַ צאָן פֿון דעם שיסטורעמל, און זיך ניטווילנדיק צוגעהערט צו דעם גערויש פֿון דעם ים. און פֿאַר זיינע אויגן האָט געשוועבט איין בילד נאָך דעם אַנדערן: אַט קומען אָן צו שווימען פֿון הינטערן ווייטן האָריזאָנט די שיפֿן פֿון די געזן, דערנענטערנדיק זיך צו עמסטערדאַם. די באַהאַרצטע שיפֿסלייט, די זעלאַנדישע היצקעפּ פֿירן אויף באָטן פֿעסער מיט פּולווער און דער פֿינסטערניש פֿון דער נאַכט זעצן זיי זיך אומבאַמערקט אַרויס אויף דער דאַמבע; סאַמע אונטערן נאָז פֿון די שפּאַניער פֿאַרגראָבן זיי די פֿעסער אין דער דאַמבע און רייסן זיי דערנאָך אויף. און דער ים גיט מיט אַ רוישן און ברויזן זיך אַ ריס אַריין אין דעם דורכגאַנג, צעשווענקט אים און פֿאַרפֿלייצט די שפּאַניער..., אָדער אַ מחנה פֿאַרצווייפֿלטע העלדן מאַכן אַן אויספֿאַל פֿון עמסטערדאַם. די העלדן האָבן באַשלאָסן—עס מעג זיין, וואָס עס וויל—זיך דורכצורייסן דורך די שפּאַנישע באַפֿעסטיקונגען צום סאַמע ברעג ים אָדער פֿאַלן אין קאַמף ביים צופֿוסנס פֿון זייער דאַמבע. זייער ציל איז—איבעררייסן די שפּאַנישע קייט און אויפֿרייסן די דאַמבעס. זיי נעמען־מיט פֿעסער מיט פּולווער. זיי גייען אַרויס אין אַ פֿינסטערער רעגנדיקער נאַכט, זיי אַטאַקירן די שפּאַניער אין אַ מאָמענט, ווען יענע האָבן זיך גאָרנישט געריכט אויף אַן אָנפֿאַל. עס הייבט זיך אָן אַ געראַנגל אויף לעבן און טויט. אַ העלפֿט גיבורים פֿאַלט אין שלאַכט, די אַנדערע העלפֿט קומט אָבער צו צו דער דאַמבע און רייסט זי אויף, אומקומענדיק ביים אויפֿרייס צוזאַמען מיט איר...

אָדער: ער, הערמאַן, אַרבעט צוזאַמען מיט אַנדערע אונטער דער ערד, גראָבט אַ אונטערערדישן גאַנג פֿון דער שטאָט צו די דאַמבעס. דעראָזיקער גאַנג איז פּונקט הונדערט

פופציק קלאפטער לאנג. הערמאן באַרעכנט דעם דאָזיקן מהלך מיט אַ מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט. ער פאָרשט אויס די האַרטקייט פון דעם באָדן. ער שטודירט זיין קאָנסטרוקציע און באַשטאַנד. ער פירט דורך דעם גאַנג אויף דער געהעריקער טיף — אַ סך נידעריקער פאַר די פונדאַמענטן און קעלערס פון דער אונטערשטער שטאָט. גאָט מיינער, וויפיל וויסן און מי דידאַזיקע אַרבעט פאָדערט! אָבער דערינען אַרבעטן אי געלערנטע מענטשן אי דאָס פאָלק, אַרבעטן הונדערטער הענט — און דער טונעל איז פאַרטיק. פלוצלונג רייסט עס אויף—און דער ים גיט זיך אַ שלײַדער אַריבער די צעשטערטע דאַמבעס..

און טויזנטער אַנדערע ניט ווייניקער פאַנטאַסטישע פּלענער און ניט ווייניקער הערלעכע בילדער האָט זיך הערמאַן אויסגעמאָלט אין זיין כּוח-הדמיון. אויסוועגן פעלן ניט! די ישועה איז מעגלעך! ווי דען קען עס אַנדערש זיין? נאָר זיך ניט אָפּשרעקן פאַר דער געמיינטער, זאָל זיין אַפילו באַשיינפערלעכער אוממעגלעכקייט... מאַלע וואָס ביי די אַלטע קומט אויס באַשיינפערלעך"... דורך פאַרשיידענע תחבולות קענען די בירגער דערגרייכן זייער ציל. צו דעם דאָזיקן ציל פירן הונדערטער פאַרשיידענע וועגן! הערמאַן האָט שוין רואיק ניט געקענט איינשטיין אויף אַן אָרט און טראַכטן וועגן ראַטעווען עסטערדאַם. גרויסע טראָפּנס שווייס האָבן זיך געקייקלט פון זיין הויכן שטערן. דאָס האַרץ האָט אַזוי שטאַרק געקלאַפּט אין דער ברוסט, אַז הערמאַן האָט עס מאַשינאַל צוגעהאַלטן מיט דער האַנט.

איינס איז פאַר אים געווען קלאָר, קלאָר ווי דער טאָג: אַז ניט איין מיטל איז פאַראַן צו ראַטעווען די אייגענע שטאָט, דאָס אייגענע לאַנד, נאָך אַ סך מיטלען.

הערמאַן איז געקומען צו זיך פון זיין פאַרגליווערטקייט און האָט זיך משוגענערווייז געלאָזט לויפן איבער דער מויער פון דער פעסטונג. וואוהין — האָט ער אַליין גוט ניט געוואוסט. ער האָט זיך געשטרויכלט איבער אַרקעבוזן, האַלעבאַרדעס, שפּיזן און שווערדן, איז געפאַלן אויף קופּעס גראַנאַטן, וואָס יינען געווען אַנגעוואַלגערט דאָ און דאָרט, האָט פאַרטשעפּעט

מיט די פיס שלאָפּנדיקע מענטשן, וועלכע פלעגן זיך אויפכאַפּן און אים נאָכשיקן שאַרפע זידלווערטער. זיך אַראָפּגעלאָזט אי־בער די שמאָלע געדרייטע טרעפּ אין שטאָט אריין, האָט הערמאַן זיך אַ לאָז געטאָן. פאַרביי דעם קלויסטער פון דער הייליקער גודולע גלייך צו זיין הויז.

סאַמע ביים קלויסטער האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שלאַנקן גרייזגרויען מאַן.

— צו אַלדי מייוול און שוואַרץ יאָר! וואָס איז דאָס פאר אַ משוגענער! — האָט הערמאַן דערהערט אַ הויכן קול.

ער איז אָפּגעשפּרונגען אָן דער זייט און דערזען פאַר זיך דעם אַלטען בירגערמייסטער אָלדעראָדע.

— פעטער אָלדעראַדאָ! קומט גיכער צו אונז! איך מוז גלייך מיט אייך איבערריידן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין נים אָפּצולייגן.

— וואָס פאר אַ ענינים קענסטו האָבן אין אַזאַ צייט? האָט דער בירגערמייסטער אויסגערופן. אָבער אַ בליק געטאָן אויף דעם יונגן מענטשן, וואָס איז באַלויכטן געווען פון דעם בלאַסן לבנה־שיין און האָט אויסגעזעען נאָך בלאַסער, און באַמערקט זיין אויפרעגונג און זיין צעהיצט און באַגייסטערט פנים, האָט אָלדעראָדע פאַרשטאַנען, אַז עפּעס באַזונדערס איז געשען.

און ער איז צוזאַמען מיט הערמאַנען אוועק צו ראַמעניוסעס וואוינונג.

קאפיטל זעקס.

די אידעע.

דער אלטער וואלטער ראמעניוס האט איבערגעלעבט שווערע מינוטן. אים האט זיך געדאכט, אז ער וועט שוין מער ניט זען זיין אדאפטירטן זון. א שעה פאר א שעה איז אריבער, די האַמאטן און ביקסן זיינען אנטשוויגן געוואָרן, און דער אלטער איז געזעסן פארזונקען אין טרויעריקע מחשבות.

וואס טוט מען מיט דערדאזיקער גרינער און היציקער יוגנט? וואס פאר א ערדישע אָדער הימלישע מאכט קען זי ברענגען צום שׂכל? וואס קען זי אָפּקערן פון אירע גלענצנדע, אָבער פארבלענדערישע שטימונגען פון דעם מאָמענט! ווי אזוי צינדט מען אין איר אָן די שטרעבונג צו דעם אייביקן אמת, בלויז צו אים אליין? ווי אזוי פאראינטערעסירט מען זי מיט דער געטלעכער וויסנשאפט? ווי אזוי ווענדט מען אָפּ איר אויפמערקזאמקייט פאר דעם דאזיקן ברענענדיקן, אָדער ניט טיפן, און אלץ פארניכטנדיקן טאָג-קאמף? א גאָט, א גאָט! וויפיל יונגע כוחות זיינען אומגעקומען אָן שום ווצן! וויפיל גלענצנדע טאלאנטן זיינען געגאנגען לאיבוד! וויפיל געניאלע אידעען און גרויסע אנטדעקונגען זיינען געבליבן אומגעבוירן, ווייל די תליה, דער שייטער און דער קאזעמאט האבן אפגעהאלטן די ארבעט פון דעם מוח! און אלץ דערפאר, וואס מאנכע מענטשן גארן עפעס צו צעקלאפן זייערע שטערנס אָן וואנט, און די אנדערע האפן נאָך אפצוהאלטן די באוועגונג פון דער זון, ווי דאס האט אמאל געטאן יהושע בן-נון. למשל, דער־מאן, היינט לעבט ער נאָך אפשר, וועט ער אָבער אויך מאָרגן לעבן? א פלאטערל, וואס קען זיך ניט אָפּרייסן פון פייער, וועט שוין זיכער אריינפאלן אין רעכטן פלאם — אויב ניט איצטער, איז א ווילע שפעטע-

וואַלטער ראַמעניוס האָט ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט זיין אַדאָפּטירטן זון. ער, דער אַלטער מאַטעמאַטיקער, האָט דאָך אויסגעפורימט דעם יינגלס נשמה. ער, נאָר ער האָט אַריינגעליגט אין איר וויסן, געגעבן איר די ברייטקייט און די פּינקטלעכקייט פון דער תּפיסה. אין דעם דאָזיקן יונגן מענטשן האָט ער דאָך איבערגעלייגט אַ טייל פון זיין איך, אַ טייל פון זיין אייגענער נשמה.

נאָר איין זאַך האָט וואַלטער ראַמעניוס ניט געקענט געבן דעם זון זיינעם, אַ זאַך, וואָס ער האָט אַליין ניט געהאַט — אַ יונגן געמיט. און אָט דער געמיט, געשאַפן פון אַ געזונטן קערפּער, פון אַ געפילפולער, ליכטיקער נשמה און פון דעם גאַנצן גאַנג פון דעם לעבן אַרום — איז ניט געווען אין דעם אַלטנס רשות. און דער אַלטער האָט געפילט, אַז אָט אין דעם טאַקע שטעקט דער עיקר, אַז די הענט און פיס, דער קאָפּ, אַלע קענטענישן, די גאַנצע תּפיסה, דער גאַנצער שׂכל — זיינען ניט עפּעס אַנדערש, ווי די דינער פון דעם געמיט...

דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט געפילט, אַז אויף אים רוקט זיך אָן עפּעס נייעס, עפּעס מוראדיקס. אַ שרעקלעכע טראַגעדיע דערנענטערט זיך, און אָט וועט זי זיך צעשפּילן. און פּנים־אל־פּנים מיט דערדאָזיקער טראַגעדיע האָט דער אַלטער מאַטעמאַטיקער אויף עטלעכע שעה פאַרגעסן אי אָן זיינע באַרעכענונגען, וואָס האָבן שוין געגעבן אַ גלענצנדן רעזולטאַט, אי אָן זיין אַנטדעקונג, וואָס דאַרף געבן דער וויסנשאַפט אַ נייעם טריאומף און פאַראייביקן זיין נאָמען עד סוף כל הדורות. וואַלטער ראַמעניוס האָט פּלוצלונג דערפילט, אַז אין זיין לעבן, וואָס איז ביז אַהער ווי מיט אַ מחיצה געווען אָפּגעצאַמט פון די טאָגטעגלעכע ענינים פון דער ווירקלעכקייט, האָט זיך פּלוצלונג עפּעס אַריינגעריסן און איבערגעקערט, פאַרדרייט זיין רואיקן גאַנג. יאָ, עפּעס מוראדיקס קומט אָן, קומט אָן אַלץ נענטער, און ניט היינט איז מאָרגן וועט עס שוין זיין אָט אָ דאָ.

און אונטערדריקט פון דערדאָזיקער פאַרשטענדעניש, אַז דאָס אומגליק קומט אָן, אַ פאַרשטענדעניש, וואָס מ׳רופט זי

אַזוי אָפּט איבערנאַטירלעכער פּאָרגעפיל, האָט דער אַלטער ראַמעניוס נידעריק־נידעריק אַ־אָפּגעלאָזט זיין גריז־גרויען קאָפּ אויף די ביינערדיקע הענט און האָט זיך פּלוצלונג־פונאנדערגעוויינט.

* *
*

אַז אין זיין צימער איז אַריינגעפלויגן דער צעהיצטער באַגייסטערטער הערמאַן, אינגאַנצן פייער און פלאַם, האָבן די טרערן נאָך ניט אויסגעטריקנט אויף די אַלטע אויגן, אָבער ניט הערמאַן און ניט אָלדעראָדע, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט אים, האָבן דידאָזיקע טרערן באַמערקט.

— איך בין געקומען צו דיר ניט צו דער צייט, — האָט אָלדעראָדע אָנגעהויבן, — אָבער: מיט דעם פויגל דיינעם איז געשען עפעס אויסערגעווינלעכעס. ער האָט מיך שיר נוט אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער, און וואָלט איך אַליין ניט געקומען אַהינצו, וואָלט ער מיך געבראַכט צו שלעפּן מיט גוואַלד!

הערמאַן האָט זיך צעלאַכט אויף אַ קול, און אָנקוקנדיק זיין פריילעכע, מונטערע, באַגייסטערטע געשטאַלט, האָט דער אַלטער ראַמעניוס אויך אַ שמייכל געטאָן.

— וואָס־זשע איז עס פאַר אַ מעשה? האָט ער געפרעגט.

— פאָטער, איך האָב געפינען אַ מיטל צו ראַטעווען אונזער שטאָט!

ביי דידאָזיקע ווערטער הערמאַנס האָט זיך אָלדעראָדע פאַרקייכט פון געלעכטער. אָבער אַ ביטערער, טרויעריקער טאָן האָט געקלונגען אין דעם לאַכן.

— ראַטעווען די שטאָט! מזל־טוב דיר! ניט מיר ווען זי ראַטעווען, ניט דער פאָטער ווילהעלם. נאָר דו! גרויסאַרטיק, גרויסאַרטיק, מזל־טוב!

הערמאַן האָט זיך אַפילו ניט אומגעקוקט אויף דער גוט־מוטיקער איראָניע, וואָס האָט געקלונגען אין דעם בירגערמייסטערס ווערטער און זיך אָפּגעשפּיגלט אויף זיין רויטן פּנים, און

האָט מיט אַ פייערדיקער התלהבות אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען זיינע פּלענער.

— עפענען די דאַמבעס! — האָט אָלדעראָדע ביטער געלאַכט. — ס'איז גרינג צו זאָגן; גענומען און געעפנט! מ'האָט שוין אָן דיר אויך גענוג געטראַכט וועגן דעם. די ערשטע זאַך האָט מען אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, אָבער עס האָט זיך גאָרנישט געלאָזט מאַכען. צו די דאַמבעס איז אוממעגלעך צו־צוקומען ניט פון אויבן, ניט פון אונטן, ניט פון די זייטן, ניט דאָ און ניט מיט צענדליקער וויאָרסט ווייטער... די שפּאַניער פאַרשטייען דאָך אויך, אַז אויף דער יבשה איז אַ ביסל אָנגענעמער צו זיצן ווי אונטערן וואַסער!... וואָס זאָגסטו אויף אים! אַ כוואַט אַ יונג! אַז אָך און וויי צו די יאָרן — די אייער האָבן גענומען לערנען די הינער! אונזער הערמאַן גייט ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד!...

און דער אַלטער בירגערמייסטער איז זיך פאַרגאַנגען פאַר געלעכטער.

אָבער ניט די ווערטער ניט דער געלעכטער האָבן ניט אָפּגעשלאָגן הערמאַנען דעם מוט. נאָך מיט מער פעסטקייט, מיט מער התלהבות האָט ער אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען זיין פּלאַן וועגן אַ טונעל.

—אָ, די גרינגע יוגנט! האָט אָלדעראָדע אויסגערופן און איז ווידער געפאַלן פון די זייטן לאַכנדיק. —ביסט משוגע צי חסר־דעה? און אונז האַלטסטו שוין גאָר פאַר פראים? ווען מ'וואָלט עס געקענט, וואָלטן מיר דאָך עס שוין לאַנג געמאַכט און געעפנט די דאַמבעס. אַ טונעל—איין קלייניקייט—אַ טונעל! פאַרשטייסט, דען ניט, אַז אין דעמדאָזיקן גרונט קען מען קיין שום טונעל ניט דורכגראָבן— בלויז טאָרף און זאַמד און וואַסער. וועסט נאָר נעמען גראָבן, וועט עס פאַרפלייצט און פאַרשאָטן ווערן!..

—ניין, און ווידער אַמאָל ניין! —האָט הערמאַן זיך נעקאַכט. —דאָס איז מעגלעך. דאָס מוז דורכגעפירט ווערן! דערצו דאַרף מען האָבן שכל און קענטעניש. אָבער פעלן אונז דען

חאוילקענעהדיקע מענטשן? אט מיין פאטער... און וואלטער ראמעניוס האט געקוקט איף הערטאנען און איז אנטציקט געווען פון זיין באגייסטערטן פנים, פ'ן זיין אנטשלאסענער געשטאלט. ווי שיין דער בחור איז! ס'אר א שכל, ס'אר א געפיל איז אנגעשריבן אויף זיין פנים! דאס וואקסט זיכער א גרויסער געלערנטער!..

דער אלטער מאטעמאטיקער האט ניט געהערט ניט אלדעראדעס רייד ניט הערטאנס פראיעקטן; אין דער מינוט האט ער אי באדויערט זייער שטארק זיין זון אי זייער געצווייפלט, אז אלע זיינע וואונטשן און האפענונגען זאלן מקויים ווערן. דער ליבער יינגל ליידט דאך—ס'איז קיין ספק ניט, אז ער ליידט. אבער וואס קען מען מאכן? ניטא קיין הילף צו דיראזיקע ליידן. מאלע וואס די יוגנט חלומט! מאלע מיט וואס זי ווערט באגייסטערט! איז דען כדאי צו פטרן די כוחות פון מוח אויף צו באטראכטן די משוגענע אידעען פון די יונגע מענטשן?

ווען הערמאן האט דערציילט וועגן דעם דריטן מיטל אויפצורייסן די דאמבע, ד. ה. ארויסגיין פון שטאט און מיט אלע מעגלעכקייטן צוקומען צו איר, עס מעג קאסטן, וואס עס וויל,—האט אלדעראדע שוין מיט אן ערנסטן טאן אים באמערקט:

—פריינד מיינער! דו ביסט א בעל-חלומות, דערצו נאך א שעדלעכער, זייער א שעדלעכער בעל-חלומות. דו ווילסט ניט נאר אליין אומקומען, נאר אויך אומברענגען די בעסטע, די מוטיקסטע פון אונזערע לייט.

און דער אלטער האט נאך לאנג גערעדט אויף דער דאזיקער טעמע, דערנאך האט ער זיך אויסגעשאלטן און איז אוועק אהיים. ער איז געווען שטארק אומצופרידן, וואס ער האט געפטר"ט אזויפיל צייט אויף חקירות וועגן פוסטע חלומות.

הערמאן האט אומעטיק אראפגעלאזט דעם קאפ. אלע פלענער זיינע זיינען אינגאנצן צעקלאפט געווארן דורך דעם ניכטערן און פראקטישן אלדעראדען. זיי קענען ניט דורכגעפירט

ווערן, זיי האָבן קיין שום ממשות ניט! אָבער ווען דאָס זאָל אפֿילו אמת זיין, האָבן זיי דען דורכדעם פֿאַרלאָרן פֿאַר אים זייער אינווייניקסטן אינטימען אינטערעס? הענגט דען די רעטונג פֿון דער אייגענער שטאָט און פֿון דער האָלענדישער פֿרייהייט ניט אָפּ פֿון צעשטערן די דאַמבעס? פֿעלט דען אין דערדאָזיקער הגחה דער אינווייניקסטער, אָביעקטיווער אמת? ניין, בשום אופֿן ניט! דער אמת איז געבליבן דער אייגענער וואָס פֿריער. מ'דאַרף נאָר שטרעבן און זיכן, ווי אַזוי אים צו פֿאַרווירקלעכן. דער געמיט און די שטרעבונגען זיינען געבליבן די אייגענע. צי דען וועלן זיי לאָזן זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט, זאָל זיין אפֿילו אַנטקעגן אַ מניעה, וואָס איז ניט צו באַזייטיקן? צי דען וועלן זיי אָפּהאַלטן אַ געפֿילפֿולן פֿאַראַנטוואָרטלעכן מענטשן פֿון צו טאָן אפֿילו דאָס, וואָס די פּראַקטישסטע און חשובסטע לייט האָבּ אָנערקענט פֿאַר פּוסטע חלומות?

* *
*

און די באַלאַגערונג האָט זיך געצויגן און געצויגן. דער חודש פֿעברואַר האָט זיך דערנעענטערט. די שטאָטישע מאַכט האָט באַשלאָסן, אַז אויב צום 7-טן פֿעברואַר וועט ניט קו-מען די צוגעזאָגטע הילף, וועט מען ווילנדיק, ניט-ווילנדיק מוזן איבערגעבן די שטאָט די שפּאַניער. אַלע מיטלען זיינען געווען אויסגעשעפּט. די זאַפּאַסן פּולווער און גראַנאַטן זיינען געוואָרן אַלץ ווייניקער. מענטשן זיינען אומגעקומען, אויסגעגאַנגען אַלע טאָג. איבער פֿינף טויזנט מתים האָט מען באַערדיקט אין אַלגע-מיינע ברודער-קברים. ברענגען יעדן איינעם צו קבורה לויטן דין און לויטן מנהג האָט ניט געקלעקט קיין כוחות און קיין הענט. מ'האָט באַהאַלטן אַבי-ווי און אַבי-וואו. „דער מלאך-המוות — דערציילט דער פּינקס-שרייבער פֿון יענער צייט — האָט זיך גע-טראָגן איבער דער שטאָט אַזוי גיך, אַז עס האָט זיך געדאַכט — ער באַוויזט צו זיין פֿאַר אַמאָל אין אַלע ערטער". די שטאָט איז געוואָרן פּוסט און וויסט. ס'איז אַרויסגעקומען אַ קלאַנג,

אז ערגעץ אין א העק פֿון א שטאָט האָט מען געפֿונען אָפּגענאָגטע מענטשישע ביינער. איינער האָט, ווייזט אויס, נעבעך ניט אויסגעהאַלטן די עינויים פֿון הונגער און איז געוואָרן א מענטשנפֿרעסער. ס'האָט דערציילט, אַז נאָך עטלעכע מענטשן האָבן זיך איבערגעגעבן די שפּאַניער, און דאָס מאָל האָט פֿרעדעריק דע־טאָלעדאָ קיין איינעם פֿון זיי ניט געטייט. אמת, אייך אין שטאָט אריין זיינען געקומען דעזערטירן פֿון שפּאַנישן לאַגער — דאָס זיינען געווען יענע פּויערים, וואָס מ'האָט זיי נעבעך געצוואונגען צו גראָבן טראַנשייען, בויערן רעדוטן און דינען ביים אָבאָז. אמת, דיזאָזיקע דעזערטירן האָבן אין קול דערציילט, אַז די מגפֿות און טיילמאָל דער הונגער מאַכן אָן חורבנות אויך אין דעם לאַגער פֿון די שונאים. אָבער די שפּאַניער האָבן משבֿעות באַשלאָסן צו האַלטן זיך פֿעסט און נעמען עמסטערדאַם פֿאַר יעדן פּרייז. און קיין ידיעות פֿון ווילהעלמען איז ניטאָ און ניטאָ...

א טויטע, קאַלטע מרה־שחורה איז געפֿאַלן אויף דער מחנה פֿון די, וואָס זיינען נאָך געבליבן לעבן. די לעבעריקע האָבן זיך געבלאָנקעט איבער די גאַסן אזוי ווי שאָטנס פֿון מתים. די מענטשן זיינען געגאַנגען אויף און אויספֿאַל ניט כדי מנצח צו זיין, נאָר אום צו שטאַרבן. די שפּאַניער האָבן באַוואונדערט און זיך געשראָקן פֿאַר דער גבורה פֿון די האָלענדער. די קעמפֿער, וואָס מ'האָט גענומען געפֿאַנגען מיט געווער אין דער האַנט, האָט פֿרעדעריק דע־טאָלעדאָ מאַנכמאַל אָפּגעלאָזט פֿריי — צוריק אין דער פֿאַרהונגערטער און פֿאַרפּעסטער שטאָט. די שפּאַניער פֿלעגן זיי דאָס רוב אָפּשניידן די אויערן און די נעזער, און וואַגלענדיק איבער די גאַסן, האָבן דיזאָזיקע אומגליקלעכע און צעקאַליעטשעטע מענטשן נאָך גרעסער געמאַכט די אימה.

איינמאָל ביינאַכט, אין א שטאָק־פֿינסטערער יאַנואַר־נאַכט, ווען א ווינט האָט געפֿייפֿט און ס'איז געגאַנגען א געדיכטער שניי מיט א רעגן, האָבן זיך פֿון הינטער די דאַמבעס דערהערט שאָסן און קולות. אַלע ווילע האָבן אין דער פֿינ־

סטערניש אויפגעבליצט פייערלעך. אלע ווילע האָבן געקנאַלט די ביקסן און געדונערט די האַרמאַטן. די באַוואָפנטע בירגער האָבן זיך אין אַ געדיכטער מחנה פאַרזאַמלט אויף די שטאָטישע מויערן, אָבער אין דער פינסטער האָט מען גאָרניט געקענט זען. שאָסן האָבן אויפגעפלאַמט, דער ווינט האָט געבראַכט צו טראָגן עפּעס אַ אומדייטלעכן רעש—דעם רעש פון אַ געראַנגל. עמיץ האָט, ווייזט אויס, זיך געשלאָגן. עמיץ איז, ווייזט אויס, געפאַלן אין קאַמף. אַ מחנה גיבורים פון די עסטערדאַמער פאַרטיידיקער האָט זיך אַלאַז געטאָן הינטער די טויערן פון דער פעסטונג אַרויס, אין דער ריכטונג צו דער דאַמבע.

— געזן! געזן! — האָט איינער אויסגעשריען אויף דער שטאָטישער מויער.

— געזן! געזן! — האָבן אונטערגעכאַפּט טויזנטער שטימען, און דאָס עכאָ האָט זיך געקייקלט פאַזע דער שטאָטישער מויער.

און דער ברויזנדיקער ים האָט זיך חזר אָפּגערופן:

— געזן! געזן!

די קולות אין דער רעש פון דעם קאַמף האָבן זיך אַלץ געשטאַרקט. אין דעם שפּאַנישן לאַגער איז געוואָרן אַ מהומה. מחנות באַוואָפנטע מענטשן, האַלעבאַרדניקעס, שפּיזנטרעגער, לאַנדסקנעכט, צופוס און רייטנדיק, מיט אָנגעצונדענע שטורקאַצן האָבן זיך געיאָגט פון שפּאַנישן לאַגער צו דער דאַמבע, פונוואַנען עס האָט זיך געטראָגן דער רעש פון קאַמף. די מענטשן, וואָס זיינען אַרויס פון עסטערדאַם, האָבן אין עטלעכע מינוט אַרום זיך שוין געהאַט אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקן פּאַטן, וואָס איז געשטאַנען באַהאַלטן אין די חורבות פון דער אונטערשטער שטאָט. עס האָבן אַ פינקל געטאָן די פייערלעך פון די שאָסן, עס האָט אַ קלונג געטאָן דאָס כּלי־זין. ווער האָט זעמען געשלאָגן—אייגענע צי פרעמדע — איז געווען שווער צו דערגיין. אַלץ איז געווען איינגעהילט אין חושך.

פלוצלונג האָט אַ העלער פלאַקער באַלויכטן דאָס גאַנצע בילד. די שוואַרצע רואינען, פאַרפליצטע מיט שטראָמען רעגן

און פאַרשאָטענע מיט שניי, האָבן אָנגענומען אַ רויטן, אימהדיקן
יאָפּגלאַנץ און זיך געצונדן מיט מויזנטער רויטע פלעמלעך. אויפן
ס, אויף עטלעכע צענדליק קלאַפטער פון ברעג האָט פלוצלונג
ווי אַ אומגעהייערער שייטער אויפגעפלאַקערט. די שיסעריי האָט
געקנאַלט אַלץ אָפטער און אָפטער. דער ים האָט זיך גערודערט
און געשלאָגן אין די דאַמבעס. די שטאָטישע מויערן, באַדעקט
מיט באַוואָפנטע מענטשן, די רואינען, די שפאַנישע באַפעסטי=
קונגען — אַלץ איז באַלויכטן געוואָרן מיט דעם אימהדיקן פלאַם
פון דער שריפה.

אויף די שווימענדיקע כוואַליעס פון ים האָט געפלאַקערט
אַ שיף פון די געזן.

און ווייט־ווייט פון ברעג האָבן זיך קוים=קוים געזען בלי=
שטשעדיקע פינטעלעך — די פייערלעך אויף די אַנדערע האָלענ=
דישע שיפן, וואָס זיינען אַנטרונען. ווען=ניט=ווען האָט אויך פון
דידאָזיקע שיפן געהילכט אַ שיסעריי. אָבער דער ווינט האָט
זי קוים־קוים פאַרטראָגן צו די שטאָטישע מויערן.

ס'איז ניט געבליבן קיין שום ספק: די געזן האָט מען אָפּ=
געשלאָגן. זייער פרוב צו פאַרנעמען די דאַמבע האָט זיך ניט
איינגעגעבן. נאָר די ברענענדיקע שיף האָט זיך נאָך לאַנג גע=
טראָגן איבערן ים און באַלויכטן מיטן שיין פון דער שריפה די
כוואַליעס, וואָס האָבן אויסגעוויזן פייער רויט. פאַר אַ סך, זייער
אַ סך איינוואוינער פון עסטערדאַם איז דידאָזיקע ברענענדיקע
שיף געווען ווי אַ שייטער אויפן קבר פון זייער פרייהייט. יאָ,
קיין ספק איז טאַקע מער ניט געבליבן: דורכרייסן די שפאַנישע
קייט איז געווען אוממעגלעך.

און אין דערזעלביקער צייט, ווען די איינוואוינער פון
עסטערדאַם, וואָס האָבן זיך געהאַט צונויפגעלאָפן צוליב דעם
אַליאַרים אויף דער שטאָטישער טויער, זיינען זיך פונאַנדערגע=
גאַנגען אַ היים — האָט זיך אום דעם שוים פון די כוואַ=
ליעס פלוצלונג אויפגעהויבן פון שיף צום הימל אַ אומגעהויערער
פלאַמענדיקער פייער=זייל. מאַסטבוימער, שטיקער שיפסדעק,
קערפּער פון מענטשן — אַלץ איז אין איין הרף=עין אויפגעשטיגן

אין דער לופֿטן. דער ווינט האָט פֿאַרטראָגן און שטאָט אַריין דעם שרעקלעכן דונער פֿון אויפֿרייס.

דערנאָך איז אַלץ שטיל געוואָרן און פֿאַרשוואונדן.

דער ים און דער הימל זיינען פֿאַרזונקען אין חושך און שטילקייט.

און אַלץ איז געבליבן ווי פֿריער.

צו די פֿריערדיקע קרבנות פֿון דעם בלוטיקן קאַמף פֿאַר פֿרייהייט זיינען מערניט צוגעקומען נאָך עטלעכע הונדערט פֿרישע קרבנות.

ווידער האָבן זיך אָנגעצויגן די שווערע טעג פֿון דער באַלעגערונג. די יסורים זיינען געוואָרן אַלץ שאַרפֿער און שאַרפֿער. דאָס, וואָס די אומגליקלעכע האָבן פֿריער געהאַט אויסצושטיין פֿאַר אַ וואָך, האָבן זיי איצט אַריבערגעטראָגן אין אַ טאָג. פֿאַר צוויי טעג האָט דער הונגער אָנגעקליינגט אַזויפֿיל קרבנות, וויפֿיל פֿריער אין משך פֿון אַ גאַנצע וואָך. ווי אַזוי די מענטשן האָבן נאָך געקענט לעבן מיט וואָס האָבן זיי זיך געשפּייזט, איז ניט צו פֿאַרשטיין — זאָגט דער פּינקס־שרייבער. מ'האָט אויפֿגעגעסן אַלצדינג, אפֿילו דאָס מיסטגראָז און די לעדער פֿון די שטיוול. מ'האָט זיך גענערט בלויז מיט וואַסער. מ'האָט אונטערגעהאַלטן די כוחות מיטן געטלעכן גייסט.

אַלע האָבן זיך געגרייט צום טויט. אַלע האָבן געטאָן תּפֿילה צו גאָט. די קירך פֿון דער הייליקער גודולע איז תּמיד געווען פֿול מיט מתפּללים. מ'האָט שוין ניט געוואַרט אויפֿן פּאַטער ווילהעלם — נאָר אויף ניסים ומופֿתים פֿון הימל. ווילהעלם האָט צוגעשיקט נאָך אַ ידיעה, וואָס אַ טויב האָט געבראַכט. די טויב, אַזוי ווי די איבעריקע גאולה־אָנזאָגער, האָט מען אויך געקוילעט און געגעבן עסן די קינדער, וואָס זיינען נאָך געבליבן לעבן. ווילהעלם האָט נאָך אַלץ זיך געבעטן

רחמים ניט אונטערצוגעבן זיך. זיין ארמיי איז שוין ארויס צום מארש. ער האט געבעטן די עסטערדאמער צו האלטן זיך נאך אכט טעג. ער האט אנגעווענדט זיין גאנצן כוח-הדיבור, זיין גאנצע איבערצייגונגס-קראפט צו דערוועקן אין די פארהונגערטע גוססע מענטשן מוט און ליבע צו א פריי לעבן.

אבער לייענענדיק ווילהעלמס בריוו, האבן א סך בירגער נאר געשאקלט מיטן קאפ, און אנדערע האבן געוויינט. זייער זאך איז אלזא פארשפילט! ניט נאר אכט טעג, אפילו קיין פיר העלן זיי זיך ניט האלטן.

— מיר גיבן זיך אונטער! — האבן זיך געהערט שטימען פון המון, בשעת ווען דער אלטער בירגערמייסטער אלדעראדע האט געלייענט אויפן מארק-פלאץ ווילהעלמס בריוו.

— אלצאיינס א טויט! שוין בעסער שטארבן אן עינויים אונטער די מע-דערס מעסער, איידער אויסגיין מיט א לאנגזאמען טויט פון הונגער און מגפות.

— מיר גיבן זיך אונטער! שוין צייט א טראכט צו טאן וועגן קאפיטולאציע! — האבן געשריען נאך אנדערע.

אלדעראדע האט בלויז א טרייסל געטאן מיטן קאפ, האט צורעכט געמאכט דעם הוט מיט די ברייטע ראנדער אויף דעם גרויען שיינעם קאפ און האט אויסגערופן הויך אויף א קול, דייטלעך אפהאקנדיק די ווערטער:

— זיך אונטערגעבן! וואס איז עס אייך איינגעפאלן, פריינד מיינע? צו וואס-זשע האט מען אלזא געדארפט אנהייבן די גאנצע חתונה? זיך אונטערגעבן האט געלוינט א ביסעלע פריער, כל זמן מיר האבן אויבעריקס ניט געליטן פון הונגער און מגפות. אבער איצטער — וואס פאר א זין האט עס צו קריכן צו דער חיה-רעה אין דעם אפענעם פיסק אריין? לאמיר שוין דערפירן די זאך צו א סוף...

— דער סוף איז שוין סיי-ווי-סיי נאענט! — האט מיט א רוגזהדיקן קול אויסגערופן דער בירגער, וואס איז געשטאנען נעענטער צום בירגערמייסטער — מיר גיבן זיך אונטער, וואס איז דא פאראן וואס צו ריידן!

— אָבער טאַקע בשום אופן ניט. דער טייוול מעג מיך נעמען מיט אייך צוזאַמען — האָט אָלדעראָדע אַ געשריי געטאָן נאָך הע־בער. — בשום אופן ניט, אויב שוין יאָ אַזוי! איך זאָג אייך, אַז כ'האָב געשוואָרן איינצוהאַלטן די שטאָט, און הלוואי זאָל מיר דער אייבערשטער געבן כּוחות צו האַלטן מיין שבועה! ווע מען דאָס איז גיט געפעלן — זאָל אַרויסגיין אַהערצו, זאָל ער מיך טייטן! נו, קום־זשע אַרויס, צו אַלדי טייוול!

דער אַלטער בירגערמייסטער איז שטאָלץ אַרויסגעטרעטן פאַראויס און אַראָפּגעגידערט צום עולם פון גאַניק פון דעם ראַטהויז.

— נו, קום־זשע אַרויס, ווער עס וויל! — האָט ער ווידער געזאָגט. — שטאַרבן קען איך נאָר איינמאָל, צי פון אייערע הענט, צי פון דעם שונאס הענט, צי פון גאָטס האַנט. ווענן זיך זאָרג איך גאָרניט, אָבער די שטאָט — דאָס איז שוין עפּעס אַנ־דערש! איך ווייס, אַז מיר וועלן שטאַרבן פון הונגער, אויב מ'וועט אונז ניט באַפרייען, אָבער, פריינד מיינע, אַ הונגער־טויט איז פאָרט בעסער פאַר אַ שאַנד־טויט. און מיר האָבן אפילו ניט פון וואָס אויסצוקלייבן.

אַלע האָבן געשוויגן. קיינער האָט זיך ניט אַריר געטאָן פון אָרט. אָלדעראָדע האָט גערעדט ווייטער:

— אָט שטיי איך פאַר אייך. נאָט אייך מיין שווערד! נעמט אים און שטעכט מיר דורך מיין האַרץ! צעטיילט זיך מיט מיין קערפּער, אויב איר ווילט שוין אַזוי שטילן אייער הונגער. אָבער כל־זמן איך לעב, זאָלט איר זיך ניט ריכטן אויף דער קאַפּי־טולאַציע פון דער שטאָט!

אייניקע סעקונדעס איז די מאַסע געשטאַנען אומבאַוועגלעך און געשוויגן.

— אָט אַזוי, אָט אַזוי, אונזער גערימטער אָלדעראָדע! האָט פּלוצלונג אויסגעשריען דער היציקער זעלאַנדער, וועלכער איז געשטאַנען לעבן דעם בירגערמייסטער, און די ערשטע רייען פון המון.

— בראַוואָ, בראַוואָ, אָלדעראָדע! — האָבן מיטגעהאַלטן טויזנטער שטימען.

די מאַסע האָט גערעשט און געהילכט. ס'איז שווער געווען צו כאַפּן, וואָס מ'האָט געשריען.

— לעבן זאָל אונזער פּאַטער ווילהעלם! — האָט געקלונגען דאָ און דאָרט.

לעבן זאָל די *) האָלענדישע פרייהייט!

ניין, ס'איז נאָך ניט געקומען די צייט, אַז עסטערדאַם זאָל זיך אונטערגעבן די שפּאַניער. וואַן-סמיסען און די איבעריקע חילס-פירער האָבן אַזוי ווי אָלדעראָדע גאָר ניט געטראַכט וועגן קאַפּיטולאַציע.

אָבער וואו נעמט מען די כּוחות צו האַלטן זיך? איז דען פאַראַן אַ מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען? ניין, דער שרעקלעכער, בלוטיקער סוף קומט, קומט וואָס אַמאָל נעענטער. עס קומט דער סוף צו דעם איבערמענטשלעכן קאַמף פון אַ קליין פעלקל מיט אַ מעכטיקן קיניג. עס קומט דער סוף צו די נידערלענדישע פרייהייטן.

אין ראָטהויז האָבן זיך פאַרזאַמלט די מיטגלידער פון שטאָט-טישן סענאַט, די חילס-פירער, די עלטסטע און די דעקאַנען פון די גילדעס און מאַנכע פון די חשובֿערע בירגער. מ'האָט דאָך פאָרט געדאַרפט באַשליסן, וואָס צו טאָן. מ'האָט דאָך פאָרט געדאַרפט באַשליסן, ווי אַזוי צו שטאַרבן.

אָבער צו באַשליסן דאָס איז געווען האַרבער ווי ווען-עס-איז. וואָס הייבט מען אָן צו טאָן? צי זאָל מען וואַרטן אַזוי ווי פריער אויף דעם פאַטאַלן סוף? אָדער אַלע צוזאַמען זאָלן אַרויס-גיין פון שטאָט און זיך צעפּלעטן די קעפּ אָן דער מויער? די אַלטע האָבן געהאַלטן, אַז מ'דאַרף וואַרטן. דאָס יונגוואַרג איז געווען גרייט אויף אַלצדינג.

די טרוימערייען פון דעם היציקן הערמאַן זיינען שוין זיי

*) דערדאָזיקער עפּיזאָד איז געשען ביי דער באַלעגערונג פון לײדען.

געווען באַוואוסט. אַזעלכע טרוימערייען האָבן זיך אַנגעצונדן ניט נאָר אין זיין קאָפּ, נאָר אין אַסך. אגב האָט אַלדעראַדע אויך שוין באַוויזן צו דערציילן אַ סך מענטשן וועגן די אומזיניקע "פּלענער" פון דעם יונגן בחור. ער האָט אָפּט איבערדערציילט זיין וויכוח מיט הערמאַנען און געלאַכט דערביי. אַט וואָס הייסט גרינגע יוגנט! ווי גרינג און פּשוט ווייזט איר אויס די אַנטשיידונג אפילו פון די סאַמע הארבסטע זאַכן! צוליב אירע טרוימערייען איז זי גרייט אפילו צו קריכן אויף די גלאַטע ווענט! זי מיינט, אַז די מענטשלעכע עסקים ווערן אָפּגעפּאַרטיקט איינס-צוויי! ניין, זייט מוחל! מ'דאַרף אָפּלעבן ביז גרויע האָר, כדי צו פילן אויף דעם איינענעם קאַרק, וואָס הייסט עס אַזוינס צו ענדערן צום בעסערן די שווערע לאַגע, און וועלכער עס קומט אויס צו לעבן.

אָבער ניט אַלע האָבן מסכים געווען מיט אַלדעראַדען די יוגנט האָט ניט פאַרשטאַנען און ניט געוואָלט און ניט גע-קענט וואַרטן. זי האָט געמוזט אויף עפּעס זיך אַנטשליסן. זי האָט געמוזט האָבן עפּעס אַן אויסוועג, וואָרים אָן אַ שום אויס-וועג איז די פרישע יונגע קרעפטן ממש אוממעגלעך צו עטעמען און צו לעבן. וואָס קאָן יאָ געמאָלט זיין און וואָס ניט — איז נאָך אַ גרויסע פראַגע. ס'איז אַ פראַגע פון ענערגיע, ווילן, קראַפט פון וויסן, קענען, פון איינגעשפּאַרטקייט ביים דער-גרייכן די פון פריער אָנגעמערקטע צילן. דאָס איז אַ פראַגע פון געמיט, אַזוי צו זאָגן, פון דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד פון דער נשמה, וואָס איז דער טאָנגעבער און דער אויספירער פון אַלע מעשים סיי פון דעם יחיד סיי פון דעם כלל. דאָס איז אַ פראַגע פון הסכם און אחדות אין די שטרעבונגען פון דער מער-הייט. די יוגנט האָט זיך געאַמפּערט מיט די אַלטע און האָט ניט מסכים געווען מיט די קאַלידע ראיות פון די געניטע, ניכטערע, פראַקטישע מענטשן. דידאָזיקע ראיות האָבן זיך געקלעפּט צו איר, אַזוי ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט.

דעם וויכוח האָבן געפירט ניט די מענטשן, דעם וויכוח האָבן געפירט די שטימונגען. די יונגע האָבן געהאַט אין

שטימונג, די אַלטע—און אַנדערע. די קענטעניש, די באַנעמונג די פאַקטן, די אַרגומענטן, די ווערטער, —אַלץ איז געווען אין דער מאַכט פון דער שטימונג, אַלץ האָט זיך צוגעפּאַסט צו איר און זיך איר אונטערגעגעבן. זי האָט עס קאָמאַנדירט, שטאַלץ זיך געשאַפט אי מיט די ווערטער אי מיט די מעשים אי מיט די מחשבות.

יאָ, די יוגנט איז גרייט געווען אויף אַלצדינג. אין דעם אייגענעם טאָג, ווען עס איז געווען די זיצונג אין ראָטהויז, זיינען אין שטאָט אַרויסגעקומען קלאַנגן, אַז די יוגנט שושקעט זיך עפּעס און האָט וואָס פאַרטראַכט. מ'האָט דערציילט, אַז די יונגע העלדן האָבן באַשלאָסן צו מאַכן נאָך אַ פּרוב, אַ משוגע=דרייסטן פּרוב דורכצורייסן זיך צום ים און אויפרייסן די דאַמבע. מ'האָט אַפילו שוין אָנגערופן דעם טאָג און די שעה פון דעם פּרוב. מ'האָט אויך גערעדט וועגן דעם, ווער ס'וועט זיך דע=רינען באַטייליקן. אין דער צאָל פון די „פאַרצווייפלטע משוגעים", ווי אַלדעראָדע האָט זיי גערופן, איז געווען זייער ווייניק אַלטע מענטשן, ערפאַרענע חיילסלייט. דאָס רוב זיינען דאָס געווען די זין און אייניקלעך פון די פּני פון שטאָט.

אָבער זיי זיינען שוין אויך געווען זייער ווייניק. דער ניט לאַנגאָניקער פּרוב פון די געזן האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ דער=דריקנדיקן רושם. דערהערט וואָס די יוגנט שטעלט זיך אונטער צו טאָן, האָבן די טאַטע=מאַמעס געמאַכט אַ גערודער. אָבער קיינער האָט ניט געפּרובט ענערגיש אָפּצוהאַלטן די הייצקעפּ. דער טויט האָט דאָך סיי=ווי געשוועבט איבער דער שטאָט. איז דען ניט אַלצאיינס, ווען און ווי אַזוי צו שטאַרבן? טאָ זאָלן אויך די קינדער גיין צום טויט פאַר דער היימישער און הייליקער פרייהייט.

* *
*

נאָר דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט ניט אָנגעהויבן צו וויסן פון דער אונטערנעמונג, וואָס די יונגע לייט האָבן

פאַרטראַכט. אמת, נאָך הערמאַנס אַוועקגיין איז ער אויף אַ גאַנצן טאָג אַראָפּגעשלאָגן געוואָרן פון די רעלסן און איז ווייניק געזעסן איבער זיין לעבנס-אַרבעט. ס'איז אָבער אַריבער אַ טאָג פאַר אַ טאָג, הערמאַן פלעגט אַוועקגיין און צוריקקומען בשלום און גאַנץ. ער איז ניט געקראָכן גלייך אין פייער אַריין. ער האָט אָפּגעהיט אַ זיך אַ די רו פון דעם אַלטן אַסטראָנאָם. און וואַלטער ראַמעניוס האָט זיך ווי עס-איז באַרואיקט און זיך ווי-דער אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט. אַגב האָט זיין גוטער פריינד אָלדעראָדע געשוואָרן מיט כל השבועות, אַז ער נעמט ניט אַראָפּ קיין אויג פון דעם „האַלב-משוגענעם געלערנטן שנעק" און וועט אים ניט לאָזן „דורכברעכן די וואַנט מיטן קאָפּ". און אַז אָלדעראָדע זאָגט, איז געזאָגט! דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט שוין געמעגט זיין רואיק. אויך הערמאַן אַליין האָט, ווי דעם אַלט האָט זיך געדאַכט, פון טאָג צו טאָג זיך אויפגעפירט אַלץ באַ-דאַכטער און געזעצטער. אַלע טאָג פלעגט ער אויף עטלעכע שעה אַוועקגיין אויף דער שטאָטישער מויער און גענומען אַ שטיקל אָנטייל אין דער שיסעריי, וואָס איז דאָרט אָנגעגאַנגען. אַלע טאָג פלעגט ער צוריקקומען אַהיים אַ לעבעדיקער און אַ גאַנ-צער און שעהן-לאַנג אָפּזיצן ביי די אויסרעכענונגען, וואָס דער אַל-טער האָט אים אויפגעגעבן.

און ראַמעניוס איז געווען צופרידן און גליקלעך, ווייל ער האָט זיך ווידער געקענט פאַרטיפן אין זיין אַרבעט.

אָ, אַצינד זיינען אַלע פּרטים פון דעראָזיקער אַרבעט געשטאַנען קלאָר אין זיין מוח. אַצינד האָט ער געזען באַשיינ-פערלעך, אַז ער איז דערגאַנגען דעם גרעסטן סוד פון דער נאַ-טור, און ניט נאָר דערגאַנגען, נאָר אויך געפונען אַ מיטל, ווי אַזוי צו דערווייזן דער מענטשהייט, אַז זיין באַשייד איז דער ריכטיקער. ווער עס האָט אויגן, זאָל זען! ווער עס האָט שכל, זאָל זיך איבערצייגן. יאָ, זיין אַנטדעקונג איז איצט אויסער שום ספק. דער ערשטער איבערגאַנג אין די שווערע זוכענישן פון דעם אמת איז געמאַכט. וואַלטער ראַמעניוס האָט אַ דורך אָבסערוואַציעס אַ דורך באַרעכענונגען קלאָר דערוויזן, אַז די

פלאנעטן באוועגן זיך ניט אין קרייזן, נייערט אין עליפסיסן. איצט איז ער געזעסן און בארעכנט די עליפסיסן, וואס די פלאנעטן מארס, יופיטער, סאטורן, וועגום ציילענען ביי זייער איבעקער באוועגונג ארום דער זון. ער האט שטודירט די טבע פון די עליפסיסן און, אריבערגעבויגן איבער זיינע ציילענונגען, האט ער געמאכט גיגאנטישע אנשטרענגונגען פון דעם געדאנק, שטרעבנדיק צו באנעמען, ווי אזוי פארט אויסצודריקן אין א קלארער פארמולע די סיבה, וועלכע לאזט ניט די פלאנעטן אראפפאלן אויף דער זון און דער לבנה אראפפאלן אויף דער ערד. גאט מיינער, וואס נאך פאר א סוד רינגלט ארום דעם מענטשלעכן שכל? אבער דער פארהאנג פון דעם דאזיקן סוד הייבט שוין, בלתי שום ספק, אן אראפצופאלן. די אנטפלעקונג פון דעם דאזיקן סוד איז נאר א פראגע פון צייט. נאר איינגיבן וועט וואלטער ראטעניום מאכן נאך א טריט פאראויס און וועט אין א שטרענג מאטעמאטישער פארמולע אויסדריקן דעם צוזאמענהאנג פון די פלאנעטן צווישן אנאנד. דער חוש נארט ניט אפ דעם אלטן געלערנטן. שוין איצט זעט ער פאראויס, אז זיינע ארבעטן גיבן א זעלטענעם רעזולטאט. ער וועט אויסבעסערן די סיסטעם פון קאפערניקוס. ער האט משיג געווען, וואסער קראפט רופט עס ארויס דעם צופלוס און אפפלוס אין די אקעאנען און ימען, וואסער קראפט ציט עס צו די לבנה צו דער ערד און די פלאנעטן צו דער זון. ער האט אנגעהויבן צו פארשטיין, אז די פלאנעטן פאלן ניט אראפ אויף דער זון, ווייל אויף זיי ווירקט נאך א אנדערע קראפט, דער רעזולטאט פון זייער שנעלער באוועגונג פאראויס און די דאזיקע ביידע קרעפטן שאפן עס דעם הארמאנישן גאנג פון די גלגלים אין דעם תהום פון הימל איבער עליפסיסן פון פארשיידענער געשטאלט און גרייס.

וואס מער דער אלטער געלערנטער האט געטראכט וועגן זיין אנטדעקונג, אלץ מער האט ער זיך איבערצייגט, אז דאס איז טאקע אזוי. ער דארף עס איצט בלויז קאנטראלירן, בלויז קאנטראלירן. א, ער האט זייער גוט פארשטאנען, ווי שווער די דאזיקע קאנטראלע איז! אבער דאך איז עס נאר א פראגע פון

צייט, פון אַ ביסל צייט. ער איז זיכער, אַז אויך דידאַזיקע פראַגע וועט אינגיכן פאַרענטפערט ווערן דורך אים. מ'דאַרף נאָר אָפּוואַרטן סך-הכל אפשר עטלעכע טעג — און דער מענטשלעכער שכל וועט ווייזן אַ נייע גבורה. געלויבט-זשע זאָל זיין דער מענטשלעכער שכל! געלויבט זאָל זיין דער מענטשלעכער געדאַנק, וואָס איז פרעמד פון טעאָלאָגישע אייבערגלויבנס! געבענטשט זאָל זיין די תקופה, וועלכע האָט צעשטערט דידאָזיקע מחיצה אין דעם מוח פון דעם אַלטן געלערנטן! אייביקער רום דעם מעכטיקן פאַרשטאַנד, וואָס איז באַוואָפנט מיט דער גאַנצער מאַכט פון דער וויסנשאַפט, פון דעם פינקטלעכן וויסן! דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט מיט אַלע פעדימלעך פון זיין מוח, מיט אַלע פיבערס פון זיין לייב געפילט, וואו, אויף וועלכן אָרט פון דער געשיכטע ער שטייט. יאָ, ער מאַכט די געשיכטע פון דער וויסנשאַפט! אים האָט זיך געדאַכט, אַז אָט מיט די ביינערדיקע הענט זיינע רייסט ער אַראָפּ די שלייערס פון דעם וועלט-סוד, אַז אָט מיט די, דאַכט זיך, שלאַפע הענט צעטרייסלט ער דעם בנין פון דער מענטשלעכער עם-הארצות פון דער הונדערטער יאָריקער פינסטערניש, אַזוי ווי שמשון האָט אַמאָל צעטרייסלט דעם טעמפּל פון דגון. ער, וואַלטער ראַמעניוס, איז אַזוי ווי שמשון הגבור גרייט כאָטשבי באַלד אומצוקומען אונטער די חורבות פון דעם דאָזיקן בנין, אַבי אים צו צעשטערן. אומקומען! אָט דאָ איז פאַראַן צוליב וואָס! דאָס איז ניט דער אומגעלומפּערטער, אומזיניקער וואָכעדיקער קאַמף, אין וועלכן די מענטשן שלאָגן זיך איצט אויף דער שטאָטישער מויער. אומקומען! אָבער ניט פריער, ווי ס'וועט פאַרענדיקט ווערן די אַרבעט זיינע און ס'וועלן פאָרמולירט ווערן אויפן פאַפּיר די סודות, וואָס ער האָט אַנטפּלעקט.

דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס איז ווידער פאַרשלונגען געוואָרן אין דעם אַלץ אַרומנעמענדיקן בילד פון דעם קאָסמאָס. ער האָט זיך אויפגעהויבן ערגעץ הויך, העט הויך פון דער דאָזיקער איבערזינדיקער ערד. ער האָט אַוועקגעשוועבט אין דער וועלט פון פאָרמולעס, אין דער וועלט פון ציפער, אין דער

וועלט פון סימבאָ״ן און אבסטראקטע מאטעמאטישע אידעען. פאַר
אים האָט זיך פארבייגעטראָגן א אומענדלעך קאָמפּליצירטע און מאַ-
טעמאטיש הארמאָנישע וועלט פון הימלישע קערפּערס. יעדערער
פון זיי האָט, אזוי ווי א לעבעדיקער מענטש, זיין פּערזענליכקייט,
זיין אינדיווידואַליטעט. יעדערער לעבט. יעדערער וויל לעבן.
אַלע זיינען זיי באהאַפטן דורך א אומגעזעענע באַנד. און וואָס
טוט זיי באהעפטן? זיי באהעפט דאָס, וואָס ער, וואַלטער ראַ-
מעניוס, האָט אנטפּלעקט! ער האָט פאַרשטאַנען און משיג געַ-
ווען דעם דאָזיקן באַנד. דאָס איז זיין אַרבעט! צו א בנין דאַרף
מען געוויינטלעך האָבן ציגל אויסצובויען אים. אָבער ניט ווייניקער
וויכטיק איז אויך דער צעמענט, וואָס האַלט צונויף דעם בוימאַ-
טעריאַל. די הימלישע קערפּערס — דאָס איז דער מאַטעריאַל;
זיין, ראַמעניוסעס, אידעע—דאָס איז דער צעמענט, וואָס האַלט
צוזאַמען דעם גאַנצן קאָסמאָס!

א הייליקע התלהבות אָן א ברעג האָט אָנגעפילט די נשמה
פון דעם אַלטן געלערנטן. ראַמעניוס האָט געפילט, אַז ער
שטייט אויף די גרעניצן פון אייביקן רום.

אָבער וואָס איז פאַר אים דערדאָזיקער רום? זיין רום—
דאָס איז דער רום פון דער וויסנשאַפט און פון דעם מענטש-
לעכן שכל, וועלכער איז געווען אימשטאַנד צו טרעפן און צו
דערוויזן, צו דערווייזן אַזוי, אַז דעם דאָזיקן באַווייז וועט פאַר-
שטיין אַפילו דער, וואָס וויל ניט פאַרשטיין. דער אמת אַליין
נעמט איין די מוחות און צוזאַמען מיט זיי — אויך די וועלט.
ניט ער, ראַמעניוס, וועט ראַטעווען די וועלט און די מענטשן,
נאָר די וויסנשאַפט. זאָל זיין נאָמען פאַרגעסן ווערן, אָבער די
וויסנשאַפט וועט לעבן און לעבן, כל-זמן דער מין מענטש וועט
האָבן א קיום. אָבער אויב די וויסנשאַפט וועט לעבן, וועט ער
אויך מיטלעבן. אָ, עס איז ניט קיין עבירה, גאָר קיין עבירה
ניט צו טרוימען און גאַרן נאָך אַזא אייביקן רום.

דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט מיט עפּעס אַפּיבערדי-
קער איילעניש געמאַכט זיינע באַרעכענונגען. אַך, ווי ווייניק
כוחות איז אין דעם דאָזוקן חרובן גוף! אַך, ווי ווייניק שעה

איז אין דעם אַרבעטס=טאָג ! מ׳מוז זיך איילן, אַך ווי איילן, דער טויט זאָל ניט קומען פֿאַר דער צייט, די מעשים=תּעתּועים פֿון אַלבאָ זאָלן ניט מאַכן אַ סוף צו זיין אַרבעט. אָבער דער געדאַנק וועגן אלבען האָט אַפֿילו דאָ אויך ניט איבערגעלאָזט קיין שום שפור אין דעם אַלטנס מוח.

די אַלטע דינסט גערטרודע האָט אַלץ ניט אויפֿגעהערט וואָרטשען, אַז איר בעל=הבית נעמט גאָרנישט אין מויל אַריין. אָבער עסן איז אגב שוין ניט געווען וואָס. אויך פֿאַר גערטרודען זיינען אָנגעקומען אַזעלכע צייטן, אַז ביי זיי אין שטוב איז ניט געווען אַפֿילו אַ ברעקל ברויט.

קאפיטל זיבן.

אויב נִיט איר, איז מיר.

ס'איז אריבער נאך א טאג און געבראכט פרישע צענדליקער טויטן פון הונגער. אויף א ערדישער הילף האט שוין קיינער מער ניט געהאפט. אלע הערצער האבן געקלאפט נאר מיט דעם בטחון, אז אט־אט וועט קומען א ישועה פון הימל.

ס'איז אויסגעבראכן א שרעקליכער שטורים. דער ים האט מוראדיק געפאטשט אן דער דאמבע. א געהילך און א רעש האבן אנגעפילט די לופט. דער ים איז ממש ווי געקראכן אויף דער יבשה, אבער די דאמבע איז געשטאנען א רואיקע, א אומבאוועגלעכע, ווי תמיד. וועט זי דען אויסהאלטן דעם דאזיקן שטורים? איז דען דאס ניט אט די הילף טאקע, וואס דער אייבערשטער מוז דאך פארט צושיקן? אויף די מענטשן איז ניטא וואס צו האפן. די האפענונג איז נאר אויף דעם אייביקן רום אין די הימלען און אין דעם זיכרון פון די קומענדיקע דורות.

נאר געציילטע האבן נאך געגלויבט, אז אט־אט וועלן זיך אין דער ווייט באווייזן די טריאומפירנדיקע חיילות פון ווילהעלמען און וועלן באפרייען די שטאט.

בלויז דאס הארץ פון דעם געלערנטן וואלטער ראמעניוס האט זיך צונויפגעדריקט פון הימלישער התלהבות. ער האט ניט געוואוסט פון דערשלאגנקייט און האט אויך געגארט נאך א באזונדער רום, נאך דעם באמת הימלישן רום.

און ביז דעם 7־טן פעברואר — דעם אפגעמאכטן טערמין פון דער קאפיטולאציע — איז געבליבן בלויז 4 טעג.

דעם 4־טן פעברואר אינאווענט, ראמעניוס איז געזעסן ביי זיך

אין חדר, פארטיפט אין זיינע ציפער, האט זיך די טיר האסטיק אויפגעפראלט און ס'איז אריינגעקומען הערמאן. עס איז אים גע־ווען ניט צו דערקענען, דאס פנים בלאס ווי דער טויט און האט געציטערט ווי אין קדחת. ווען וואלטער ראמעניוס וואלט זיך בעסער צוגעקוקט צו דעם פנים פון זיין ליבלינג, וואלט ער בא־מערקט דעם חותם פון א מאדנער ערנסטקייט אויף אים. אזא אויסדרוק האבן מסתמא געמוזט האבן די פנימער פון די גלא־דיאטארן, וועלכע זיינען געגאנגען שטארבן און געשריען:

Ave, Caesar, morituri te salutant!*)

הערמאן האט זיך האסטיק א לאז אראפ־געטאן אויפן אלטן פאטעל פון שווארצן האלץ, וואס איז געשטאנען ביים טיש אקוראט קעגנאיבער דעם אלטן. ער האט זיך אנגעשפארט מיט די איילנבויגנס אן טיש, אוועקגעלייגט אויף די הענט זיין שיינעם קאפ, וואס איז צוליב דער בלאסקייט און די פינקלענדיקע אויגן געווען נאך שענער, און האט א הוסט געטאן.

דער אלטער האט זיך אויפגעצאפלט, געווארפן א קוק אויף הערמאנען און מיט ליבשאפט געזאגט:

— א, דאס ביסטו! הערמאן האט אויף אים אנ־געשטעלט זיינע פינקלדיקע אויגן.

— פאטער, איך בין דיר געקומען זאגן, אז דארט אויף דער גאס, טאמע ביי אונזער טיר זיינען פאר מיר און די אויגן געפאלן פון הונגערטויט פינף מענטשן: אנא אידעלזאן, איר טאכטער מארטע, דער פאסטאר אקע, זיינע צוויי זין...

דער אלטער האט, דאכט זיך, ניט פארשטאנען, וואס דער זון זיינער רעדט צו אים. ער האט אדורכגעפירט מיט דער ביינערדיקער האנט איבער די געדיכטע גרויע האר און דער ווייסער באָרד און האט עפעס ווי מאשינאל געמורמלט:

— אך, ווי שרעקלעך! אך, ווי שרעקלעך!

— פאטער, אין פיר טעג ארום איז באשלאסן געווארן

*) געבענטשט זיי, קיסר, די וואס גייען שטארבן, באגריסן דיך!

איבערצוגעבן די שטאָט די שפּאַניער. אַ סוף צו אונזער באַלאַ-גערונג! אַ סוף צו אונזער פרייהייט!

דיראָזיקע ווערטער האָט הערמאַן אַרויסגערעדט מיט אַ ציטער אין קול, און טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער זיינע באַקן. דער אַלטער האָט זיך אויפגעמינטערט און געוואָרפן אַ טרויעריקן בליק אויפן יונגן מענטשן. פיר טעג! נו, איז וואָס, אַז פיר טעג? פאַר די פיר טעג וועט ער אוודאי ענדיקן זיין אַרבעט און וועט ברענגען זיין זאַך צו אַ גמר! אמת, עס בלייבט נאָך גענוג דאָרט, וואָס צו טאָן. אָבער אויף זיין חלק וועט דאָס אויך קלעקן. מילא! אין פיר טעג אַרום מעגן זיך קומען די שפּאַניער! זיי מעגן אים אַליין אַפילו הרגענען. ער וועט קענען שטאַרבן און וועט קענען אויסבאַהאַלטן זיין אַר-בעט פון פאַרניכטונג!

— פיר טעג! פיר טעג! האָט ער מאַשינאַל גע-מורמלט.

— יאָ, פיר טעג, פאָטער, — האָט הערמאַן געזאָגט, — און דו קענסט ראַטעווען אונזער שטאָט און אונזער זאַך!

ביי די ווערטער האָט זיך דער אַלטער אַזש אויפגעשטעלט פאַר איבעראַשונג און פאַרוואונדערונג.

— איך? איך קען ראַטעווען די שטאָט? איך, אַ שוואַ-כער, קראַנקער זקן, וואָס גייט ניט אַרוים מפתח ביתו? קינד, וואָס רעדסטו פאַר אַ ווערטער?

— יאָ, דו קענסט ראַטעווען די שטאָט. דו ביסט דער גרעסטער געלערנטער צווישן אונז. דו האָסט זיך אַ סך יאָרן עוסק געווען אין דער חכמת-האינזשענעריע. דו האָסט געקענט פראַנציסקאָ פאַטשיאָטאָ, אורבינאָ און אַנדערע בּוומייסטערס פון די שפּאַנישע פעסטונגען. דו האָסט אָנגעפירט מיט דער באַלאַ-גערונג פון סען-קאַנטען. אַלע ווייסן, ווי הייט דו האָסט גע-האָלפן דעם גראַף עגמאָנט מיט דיינע קענטעניש.

דער אַלטער האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס זיין אַדאָפּטירטער זון איז אויסן מיט זיינע רייד. אין אים האָט זיך שוין געגומען דערוועקן עפּעס אַ ניט אָנגענעם געפיל, דאָס

געפיל פון אַ מענטשן, ביי וועמען מ'גייט פלוצלונג אוועקנעמען זיין גליק, זיין מנוחה...

— יאָ, אמאָל, אַמאָל! אָבער ווי לאַנג דאָס איז שוין געווען! איך בין געווען שטאַרק, יונג, פול מיט מוט!

— פאָטער, דו האָסט דאָך אָנגעפירט מיט די אונטער־ערדישע אַרבעטן ביי איטרי און טיאָנוויל?

— יאָ, אַמאָל, אַמאָל, אָבער שוין אַזוי לאַנג! וויפיל יאָר איז שוין אַריבער פון דאַן! וויפיל בלוט איז שוין ביי מיר קאַליע געוואָרן פאר דערדאָזיקער צייט, וויפיל כוחות האָבן זיך געפעלט!

— ניין, ניין, דו זאָגסט ניט אמת! אַ מענטש, וואָס זיין געדאַנק איז נאָך מסוגל צו אַנטפּלעקן די גרויסע סודות פון דער נאַטור, האָט נאָך באַהאַלטן עד־היום אַ שלל כוחות און קענטעניישן ניט אויסצושעפּן. פאַרוואָס־זשע ווילסטו ניט פאַר־שטיין, וואָס איך זאָג דיר?

— הער, פאָטער, האָט הערמאַן ווייטער גערעדט, אַלץ מער זיך באַגייסטערנדיק. — פאַרלאָז דיין אַרבעטסצימער. גיי אַרויס אין גאַס. גיב אַ קוק, וואָס עס טוט זיך דאָרט אויף דער מויער פון דער פעסטונג. דאָרט רינען טרערן, דאָרט גיסט זיך בלוט. דאָרט זיינען די שטיינער פאַרשפּריצט מיט מענטשישן מאַרך. דאָרט שטאַרבט מען אַלע ווילע פון קוילן אָדער פון הונגער. פאָטער, נעם דיזאָזיקע מענטשן אונטער דיין שוץ. דו קענסט זיי באַשיצן! דערמאָן זיך די אַמאָליקע יאָרן! לעב אויף! גיי אַרויס צו די בירגער און זאָג, אַז דו קענסט דורכגראָבן אַ אונטערערדישן גאַנג צו די דאַמבעס און אויפרייסן זיי!

„דורכגראָבן אַ אונטערערדישן גאַנג צו די דאַמבעס! אַ גאַנג פון איבער הונדערט פופציק קלאַפטער די לענג! אַ גאַנג אין אַ פייכטן און זומפּיקן באָדן, צווישן טאָרף און זאַמד, אונ־טער די פונדאַמענטן פון דער אונטערשטער שטאָט, אונטער די מאַסיווע פאַליעס פון די דאַמבעס! ניין, אַזאַ אונטערנעמונג איז שוין אַ ביסל צו דרייסט! גיכער פאַר אַלץ איז עס, אַ אומטעג־

לעבע זאַך! טויזנט שאַנסן קעגן צען, אַז עס וועט זיך ניט איינגעבן. און וואָס וועט דאַן זיין? סיי־ווי־סיי וועט די שטאָט עסטערדאַם אומקומען, און ער, דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס וועט אומקומען, און דער סוד, וואָס ער האָט מיט אַזויפיל מי אנטפלעקט, וועט אומקומען. און ווידער וועלן מענטשן מוזן זוכן צו דערגיין דעם סוד, אָנהייבן די שוין אָפּגעטאָנענע אַרבעט ווידער אויף אַ נייעם אָן. און וואַלטער ראַמעניוסעס זאַך וועט פאַרגעסן ווערן, און דער סוד וועט בלייבן אַ סוד, און ווער ווייס אויף ווי לאַנג!... אַך, די חלומות פון די יונגעלייט! דער אָרימער הערמאַן גיט זיך זיי אונטער אַלץ מער און מער!

דיזאָזיקע אַלע געדאַנקען האָבן אין איין רגע דורכגעבליצט אין דעם אַלטנס מוח. און ביי אים איז געבליבן פעסט, אַז ער טאָר זיך בשום אופן ניט נעמען פאַר דער ריזיקאַלישער, ווער ווייס, צו גאָר מעגלעכער און פאַר אים בכלל פרעמדער זאַך.

ביי דעם אַלטן אין קאָפּ זיינען טיף פון ערגעץ־וואו פלוצלונג אַרויסגעשוואומען טויזנטער מאָטיוון קעגן דערדאָזיקער אונטערנעמונג. פון וועלכער זייט מ׳זאָל די פראַגע ניט באַטראַכטן — אַלע מאָטיוון זיינען קעגן איר: אי דער פייכטער קלעפּיקער, ווייכער באָדן, אי די שטאַרקע פונדאַמענטן פון די בנינים אין דער אונטערשטער שטאָט, אי די וואָגיקייט פון די שפּאַניער, אי דער באַנגל אין געניטע אַרבעטסהענט, אי די נויטווענדיקייט צו פאַרענדיקן זיין גרויסע זאַך פאַר דער וויסנשאַפט, און נאָך און נאָך.

—אָ, דו גרינע יוגנט! אָ, דו יוגנטלעכער שגעון — האָט דער אַלטער אויסגעשריען, פריינדלעך שמייכלענדיק.

ער איז גרייט געווען ווידער צו פאַרטיפן זיך אין דער אַרבעט.

אָבער הערמאַנען האָט זיך גאָרניט געלאַכט. ער האָט מ׳ט היץ אָנגעהויבן צו דערווייזן דעם אַלטן, אַז אַ טונעל צו די דאַמבעס איז גאָרניט אַזאַ משוגעת. געווים, דאָס איז אַ דרייסטע אונטערנעמונג, זייער אַ דרייסטער. אָבער די דרייסטקייט פון פאַרצווייפלונג קען אויפטאָן אַ סך, קען אויפטאָן אַלץ.

אין קאַמף דאַרף מען שטענדיק קענען איינשטעלן. וואָס

קען דאָס שוין זיין פֿאַר אַ קאַמף, ווען מ׳שטעלט ניט איין און מ׳האָט מורא איינצושטעלן? וואָלט הערמאַן געווען גענוג באַהאַוונט אין אינזשענעריע, וואָלט ער זיך אַליין גענומען דורכצופֿירן דעם טונעל. אָבער ער איז ניט גענוג באַהאַוונט אין דעם. די חכמה פֿון אינזשענעריע און בויקונסט האָט ער ניט געלערנט, אין דער טריגאָנאָמעטריע איז ער שוואַך. און דאָ דאַרף מען האָבן קענטעניש און וויסן, מ׳דאַרף האָבן די געניטשאַפֿט און די קונסט פֿון אַ ערפֿאַרענעם מענטשן, מ׳דאַרף האָבן דעם כּוח פֿון אַ מאַטעמאַטיש-געבילדעטן קאָפּ.

— גאָט מיינער! האָט הערמאַן געזאָגט. — וואָס וואָלט איך ניט אַוועקגעגעבן, צו האָבן די אַלע קענטענישן און העלפֿן מיט זיי דער זאַך פֿון אונזער פֿרייהייט!

אין דערדאָזיקער מינוט האָט הערמאַן אויף אַן אמת געפֿילט די גאַנצע אומבאַכטיקייט זיינע פֿאַר דער אויפֿגאַבע, וואָס ער האָט זיך אַליין געשטעלט. הערמאַן האָט פֿאַר די לעצטע טעג אַסך געטראַכט פֿון דערדאָזיקער אויפֿגאַבע. ער האָט זיך קלאָר געמאַכט און דורכגעקלערט אַלצדינג, וואָס איז געווען אין זיין יכולת. און גאָרנישט, להלוטין גאָרנישט האָט ער ניט געקענט מאַכן. אים האָט געפֿעלט קענטשאַפֿט, אים האָט געפֿעלט דאָס, וואָס זיין פֿאָטער האָט פֿאַרמאָגט. און ער האָט געזוכט דערין צו איבערצייגן דעם אַלטן, ווי נאָר ער האָט געקענט — מיט אַ היץ, מיט אַ ברען, געזוכט מיט אַלע כּוחות אָפּצופֿרעגן די אַרגומענטן, וואָס דער פֿאָטער האָט אַרויסגעשטעלט קעגן. קיין איין אַרגומענט ראַמעניוסעס האָט ניט אויסגעהאַלטן אין דעם בחורס אויגן די מינדסטע קריטיק אַפֿילו. אַלע זיינען זיי געווען שטותערייען, תירוצים בלויז, אַלע צוזאַמען און יעדערער באַזונדער. די אַלע אַרגומענטן זיינען צעקלאַפּט געוואָרן אָן הערמאַנס שטימונג, אַזוי ווי די כוואַליעס פֿון ים זיינען צעקלאַפּט געוואָרן אָן די דאַמבעס.

אַ אויסטערליש בילד האָט פֿאָרגעשטעלט דערדאָזיקער אַלטער מיט די גרייזגרויע האָר, מיט דעם קלוגן אויסדרוקלעכן פּנים, מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד און דערדאָזיקער בלאַ=

סער שיינער יונג מיט די פינקלענדיקע אויגן און דעם באגייס־טערטן פנים, און דערדאַזיקער צימער, פאַרלייגט מיט ביכער אין הילצערנע בונדן, מיט אָנגעשטעלטע טישן מיט רעטאָרטעס, קאָלבעס און פאַרשיידענע כעמישע כלים. דער לאָמפּ האָט קוים באַלויכטן דעם צימער. די ווענט, דער באַלקן, די טישן און די כלים זיינען געווען איינגעהילט אין האַלב־טונקל. בלויז די פּנימער פון דעם אַלטן און פון דעם יינגל זיינען געווען באַלויכטן. דעם יינגלס אויגן האָבן געבליצט.

דער וויכוח האָט זיך געצויגן לאַנג, הגם ניט הערמאַן און ניט דער פאָטער האָבן עס געמערקט. און די צייט איז געגאַנגען און געגאַנגען. דער אַלטער איז געוואָרן מיד און אויך דער בחור האָט זיך איינגעמאַטערט. יעדער איינער האָט שוין דערפילט, אַז קיינער פון זיי וועט דאָ ניט איבערריידן דעם צווייטן. דעם אַלטן האָט עס טיף באַנג געטאָן, דעם יינגל האָט עס געמאַכט בייז. ווי קען מען אַזוי קאַלטבלוטיק זיך באַ־ציען צו דעם אַלעם, וואָס קומט פאַר ארום? צי דען הערט דער אַלטער מוח שוין אינגאַנצן אויף צו פילן און איז מסוגל נאָר צו הקירהן זיך?

— הערמאַן! האָט דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס ענד־לעך אויסגערופן מיט פאַרדרוס—דאָס, וואָס דיר ווילט זיך טאָן, זעסטו אַלעמאָל אין רויזע פאַרבן און פאַרמאַכסט די אויגן אויף דערווירקלעכקייט, ווי זי איז אין דער אמתן!

— ניין, דו האָסט אַ טעות! האָט הערמאַן מיט היץ גע־ענטפערט. — טאַקע אַדאַנק דיר און אַלדעראָדען, בין איך אַ ביסל באַקאַנט מיט געשיכטע. און ווידער אַ דאַנק דיר, ווייס איך אויך, וויפיל געדאַנקען זיינען מקויים געוואָרן אויף דער וועלט, וואָס מ'האָט זיי אַ לאַנגע צייט געהאַלטן פאַר אַ משוגעת. הכלל — דו ווילסט ניט טאָן דאָס, וועגן וואָס איך האָב דיך אַזויפיל געבעטן, און איך — קען ניט טאָן דאָס, וואָס איך האַלט פאַר נייטיק.

— יונגל, דו ווילסט נאָר איינס — צעקלאַפּן דעם שטערן אָן אַן אייזערנער וואַנט.

— יאָ, קיין אַנדער ברירה האָב איך טאַקע ניט, ווי נאָר צעקלאַפּן דעם שטערן.

דער אַלטער האָט אַ שמייכל געטאָן, און הערמאַן האָט ווייטער גערעדט, דאָס מאָל שוין מיט אַן ערנסטן און רו־איקן טאָן:

— אויב עס טוען ניט און עס ווילן ניט טאָן די, וואָס קענען טאָן, האָבן אוועלכע ווי איך קיין אַנדער ברירה ניט, ווי אומצוקומען. אויב די טאַטעס און די זקנים האַלטן פאַר רעכט צו זיצן רואיק און באַטראַכטן קאַלט אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום זיי, איז פאַרפאַלן—מוזן די קינדער און די יוגנט אונטערגיין!

—אונטערגיין! פאַרוואָס עפּעס אונטערגיין? — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַ געפאַלענעם קול. הערמאַנס רואיקער, אַנט־שלאָסענער טאָן האָט אים עפּעס ווי דערשראָקן. — מ׳דאַרף ניט אונטערגיין — מ׳דאַרף טאָן די ריכטיקע אַרבעט — עוסק זיין זיך אין דער וויסנשאַפט און וואַרטן אויף בעסערע טעג.

— זיך עוסק זיין אין דער וויסנשאַפט? נעם ניט, פאָטער, פאַר אומגוט — אָבער דיין וויסנשאַפט קריכט מיר ניט אין קאָפּ, ווען איך זע, ווי פאַר מיר אין די אויגן שטאַרבן מענטשן פון הונגער, קומען אום אויף תליות, פייניקן זיך אויף שייטערס... ניין, קיין אַנדער ברירה האָבן מיר ניט, ווי אונטערגיין. זאָלסטו־זשע געדענקען מיין וואָרט!

און הערמאַן איז גיך אויפגעשפּרונגען און איז אַרויס־געלאָפן פון צימער.

בלאַס און אויפגערעגט, האָט דעם אַלטער וואַלטער ראַמעניוס פּלוצלונג דערפילט, גלייך ווי די פיס וואָלטן אים אויפגעהערט צו דינען. פאַר שוואַכקייט האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף די הענט; אָבער אין אַ ווײַלע אַרום איז ער אויפגעשטאַנען און איז אַרויס. דרויסן איז געווען פינסטער און נאַס. ס׳האָט גערעגנט. דער הימל איז געווען באַדעקט מיט געדיכטע וואָלקנס. ס׳האָט גע־בלאָזן אַ קאַלטער צפון־מזרחדיקער ווינט.

— הערמאַן! הערמאַן!—האָט דער אַלטער געשריען מיט אַ שוואַכן קול.

— הערמאַן, הערמאַן! האָט אים געענטפֿערט דאָס עכאָ.

קיין מוטער־מענטש איז ניט געווען אין גאַס. דעם אַלטנס פֿיס האָבן געצטערט. אויפֿן שטערן איז אַרויסגעטראָטן אַ קאַל־טער שווייס. וואוהין לויפֿט מען? וואו זוכט מען דעם דאָזיקן משוגענעם? „הערמאַן! הערמאַן!" אָבער אַרום הערשט אַן אימה־דיקע שטילקייט. עס שטומען די הארמאַטן, די שפּאַנישע ווי די האָלענדישע. נאָר דער ים רוישט און עס פֿייפֿט דער ווינט. און הערמאַן איז ניטאָ!

די אַלטע גערטרודע, אָנגעשראָקן פֿון דעם אַלטנס גע־שרייען, איז אַרויסגעלאָפֿן אויפֿן גאַניק, צו איר בעל־הבית, און געוואָר געוואָרן, וואָס ער שרייט, האָט זי אים גענומען פֿאַר דער האַנט און אַזוי ווי אַ קראַנקן אים אַריינגעפֿירט צוריק אין צימער, אַוועקגעזעצט אין פֿאָטער־שטול, געזאָגט עטלעכע טרייסט־ווערטער, וואָס האָבן, לויט איר כוונה, געזאָלט באַרואיקן דעם אַלטן, און אַליין איז זי גלייך אַוועקגעלאָפֿן צו דער שטאָט־ישער מויער. ניין, דאָס איז ניט קיין גלאַטע מעשה! דער יינגל קען נאָך חס־ושלום טאַקע אָפּטאָן עפּעס אַ נאַרישקייט! מ'מוז וואָס גיכער געפֿינען אַלדעראָדען.

און דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס, כמעט אַ געח'לשטער, שוואַך און ציטערנדיק ווי אין אַ פֿיבער, איז געזעסן איינער אַליין ביי זיך אין צימער. און ווידער האָט ביי אים אין מוח דורכ־געשוועבט איין בילד נאָך דעם אַנדערן. דאָס איז געווען עפּעס אַ וואונדערלעכע ריי בילדער, געשטאַלטן, געפֿילן און אידעען. דאָ האָט זיך דעם אַלטן געדאַכט, אַז אָט־אָט רוקט זיך אויף אים אָן עפּעס אַ פֿינסטערס, עפּעס אַ שרעקלעכס, עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג זיך געריכט דערויף. און דאָ איז דידאָ־זיקע פֿינסטערניש צערונען און דורך איר האָבן זיך אין אַ האַר־מאָנישער באַוועגונג שנעל געטראָגן לאַנגע שורות הימלישע לייב־טערם, אַוועק ערגעץ־וואו טיף־טיף אין די אָפּגרונטן פֿון הימל, אַוועק גאָר אָן יענעם באַנד, וואָס ער, וואַלטער ראַמעניוס, האָט געפֿונען צווישן זיי. דער באַנד איז פֿאַרשוואונדן. דער גאַנצער קאָסמאָס איז ווי צעפֿאַלן געוואָרן אויף באַזונדערע טיילן. די

פּלאַנעטן, די זון, די שטערן זיינען נעלם געוואָרן, איינגעזונקען אין די אומענדלעכע רוימען פֿון הימל. און פּלוצלונג האָט זיך אַלץ ווידער געענדערט אַרום, און וואַלטער ראַמעניוס האָט געזען פֿאַר זיך דאָס שלאַכטפֿעלד ביי סען־קאַנטען, באַדעקט מיט הרוגים פֿון מענטשן און פּגרים פֿון פֿערד, צעגראָבן אײַנגאַנצן מיט טראַנשייען, איבערגעצאַמט מיט רעדוטן און פֿאָרטן, וואָס אויסגעבויט זיי האָט ער, דער גרעסטער אינזשעניער פֿון זיין צייט. און דער אַלטער האַט געהערט עמיצנס קרעכצן, עמיצנס בקשות און געבעט. ער האַט געזען הערמאַנען, זיין ליבן הערמאַנען, אויפֿן עשאַפֿאָט, ער האָט אים געזען ברענענדיק אויף א שייטער.

—אַך, ווי שרעקלעך דאָס אַלץ איז, ווי שרעקלעך! און ער קען גאָרנישט ניט טאָן און ער האָט ניט וואוהין צו לויפֿן!

דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט שטייף צונויפֿגעדריקט דעם קאָפּ מיט די הענט, און די טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער זיין פּנים.

און ווען אין צימער איז צוזאַמען מיט גערטרודען אַרייַנגעקומען דער בראַווער בירגערמייסטער אַלדעראָדע, האָט ער געטראָפֿן זיין פֿריינד א פֿאַרווייַנטן.

אַלדעראָדע האָט אָקאָרשט געהאַט באַגעגנט הערמאַנען. הערמאַן האָט אים איבערגעגעבן זיין שמועס מיטן פֿאָטער און אים דערקלערט דעם פּלאַן וועגן א אונטערערדישן טונעל אונטער דער דאַמבע. הערמאַן האָט גערעדט מיט היץ, מיט באַגייסטערונג, מיט איבערצייַגונג. הגם אַלדעראָדע האָט אים אויסגעהערט, איז דאָך אים זיין פּלאַן אויסגעקומען פֿאָרט א געפֿערלעכע „טרוימעריי!“ אָבער איצט האָט שוין אַלדעראָדע ניט געלאַכט פֿון דעם דאָזיקן פּלאַן. צו פֿיל גלויבן האָט זיך געפֿילט אין די ווערטער פֿון דעם יונגנמאַן. צו שטאַרק און צו אויפֿריכטיק איז געווען דער צער ויינער, וואָס אים פֿעלט וויסן, פֿעלט קענטשאַפֿט, אַליין צו מאַכן די אונטערגראָבונג און ראַטעווען דאָס לאַנד און די פֿרייהייט. צו פֿיל האָט ער געגלויבט אין דער חכמה און קענטשאַפֿט פֿון זיין פֿאָטער.

אויף אַלדעראַדען און אויף די אַנדערע בירגער, וואָס האָבן געהערט הערמאַנס ווערטער, האָט דער יונגערמאַן גע־מאַכט אַ שטאַרקן רושם. אמת, ער האָט אפשר גערעדט ניט אַזוי גרינדלעך, דערפאַר אָבער האָט ער אויפריכטיק געגלויבט, אויפריכטיק געשטרעבט, אויפריכטיק געגאַרט צו גיין אפילו אויף מסירת־נפש...

אַלדעראַדע איז אויך געקומען בעטן זיין אַלטן פריינד — ער זאָל לאָזן זיין קאַבינעט, זאָל לאָזן די ווּסנשאַפט, זאָל אַרויסגיין אויף דער שטאַטישער מויער און ראַטעווען די שטאָט, די אומגליקלעכע, אויסגעפייניקטע שטאָט עסטערדאַם, וואָס איז אויסגעגאַנגען מיט די כוחות.

אין אַלדעראַדעס נשמה האָט זיך אָנגעצונדן אַ טונקעלע שוואַכע האָפענונג. און אויב אַן אונטערגראָבונג קען טאַקע באמת ראַטעווען די שטאָט, אבי עס זאָל זיך נאָר געפינען דער גוטער אינזשעניער, דורכצופירן די אונטערגראָבונג? און דאַרף מען דען אַ גרעסערן קינצלער אויף אַ זעלכע זאַכן, ווי זיין אַלטער געלערנטער פריינד?

הגם וואַלטער ראַמעניוס האָט געגאַרט צו זען זיין אַדאָפ־טירטן זון; פונדעסטוועגן איז אים אפילו ניט איינגעפאַלן אָפ־צוטרעטן פון זיין באַשלוס. קען דען זיין אַ רייד וועגן אויס־קלייבן צווישן דער ווּסנשאַפט און דעם אַלטעגלעכן קאַמף, צווישן דעם אייביקן אמת און די אַריבערגייענדיקע מענטשלעכע ליידן? ניין, ניין, איצט וועט ער בשום אופן ניט וואַרפן זיין אַרבעט, וועלכע האַלט שוין אַזוי נאָענט פון סוף. אין פיר, פינף טעג אַרום, אַז זי וועט פאַרטיק ווערן, וועט ער אַליין קומען צו אַלדעראַדען און וועט זאָגן: „אָט בין איך געקומען אייך העלפן!“

— יאָ, יאָ, אין פינף טעג אַרום בין איך אייערער! איצט אָבער... איצט קען איך ניט וואַרפן מיין אַרבעט.

און אַז אַלדעראַדע איז אוועק, האָט דער אַלטער וואַל־טער ראַמעניוס, ווּסנדיק, אַז הערמאַן לעבט, זיך ווידער מיט אַ פיבערדיקער אייליקייט גענומען צו זיינע באַרעכענונגען.

די אָרימע גערטרודע, וואס האט פאר הונגער א גאנצע נאכט ניט צוגעמאכט מ'ט אן אויג, האט די גאנצע צייט גע־זעען ליכט אין דעם אַלטנס צימער. דער געלערנטער האט באמת זיך געאיילט צו פארענדיקן זיין ארבעט.

* *
*

אין דער אייגענער נאכט איז געשעען א זאך, וואס האט אנגעוואָרפן אויף די איינוואוינער פון עסטערדאם א פחד און א מרה־שחורה.

די נאכט איז געווען א פינסטערע, א נאסע, א שטורמישע. אין דער ווייטנס האט גערעשט דער ים. די כוואליעס האבן מיט א שרעקליכן גערויש זיך געשלאָגן אָן די דאמבעס. דאס עכא פון די רואינען האט ווידערגעשאלט דעם דאזיקן רעש. אין שפא־נישן לאגער האבן דא און דארט געפינקלט רויטע פינטעלעך — דאס האבן געצאנקט די וואך־שייטערס. פון צייט צו צייט פלעגן זיך דא און דארט איבערשרייען די וועכטערס. עסטערדאם איז געווען פארזונקען אין א טויטער שטילקייט.

די קוראנטן פון דער הייליקער גודולע האבן אויסגעשלאגן האלבע נאכט און אויפגעשפילט זייער טרויעריקן קאפיטל תהילים.

פלוצלונג האט אין דער פינסטערניש פון דער נאכט, לעבן דעם צפונדיקן טורים, וואס איז ארויסגעקומען צום ים, הילכיק א קנאל געטאן א ביקסן־שאס. נאך אים האבן זיך דערהערט שאסן איינער נאכן אנדערן. די פארטיידיקער פון עסטערדאם האבן זיך אויפגערודערט. דער שפאנישער לאגער איז באלד געווען אויף די פיס.

וואס קומט עס פאר אין דער פינסטערניש — האט מען ניט געקענט זען. צווישן די רואינען איז, ווייזט אויס, געגאנגען א פארביטערטער קאמף. ווער האט געקעמפט, ווער האט מנצח געווען, ווער איז געפאלן טויט פון א שווערד, פון א שפיז, פון א קויל — דאס האט מען ניט געוואוסט.

באלד האט דער קאמף ווי א רינג ארומגענומען גאנץ עסטערדאם. מ׳האט געקעמפט אומעטום. די פייערלעך פון די ביקסן און הארמאטן האבן זיך געצונדן איף דער גאנצער מויער.

די איינוואוינער פון עסטערדאם זיינען פון אלע זייטן געלאפן אין געדיכטע מחנות אויף די באפעסטיקונגען. „זיי האבן באשלאסן, אז ס׳איז געקומען די צייט צו שטארבן אויף „קידוש־השם", זאגט דער פינקס־שרייבער. אלע האבן זיך אויפגעהויבן, אפילו די פרויען און די קינדער. יעדער איינער האט זיך געריסן צו נעמען אן אנטייל אין דעם טויטלעכן קאמף, מיט וואס נאר ער האט געקענט. ווער ווייס—אפשר איז דאס שוין דער לעצטער קאמף? עס האבן זיך צעפלאקערט די שייטערס אונטער די קעסלען, וואו עס האט זיך געקאכט פעך און געשמאלצן בליי. עס האבן זיך אנגעצונדן די וואך־פייערלעך. דא און דארט האבן אויפגעשאלט די מלחמה־לידער פון די האלענדישע וועטעראנען און די מוטיקע לידער פון די געזן:

Par le sel, par le pain, par la besache,
Les gueulx ne changeront quoy-quon se fache.

ענדלעך האבן אויך די הארמאטן זיך צעדונערט. און דער קאמף אין דער טיפעניש פון דער נאכט הינטער דער שטאטישער מויער האט זיך געצויגן און געצויגן. איבער שטאט האט זיך שוין פארשפרייט דער קלאנג, אז אנדערהאלבן הונדערט יונגעלייט פון עסטערדאם זיינען ארויס מיט דריי פענלאך פולווער הינטער דער שטאטישער מויער און באשלאסן זיך דורכצושלאגן צום ים.

דער קלאנג האט זיך באשטעטיקט. א סך פאמיליעס האבן ניט געקענט אויפזוכן די קינדער זייערע. עס האבן געוויינט די מאמעס, עס האבן געוויינט די טאטעס. ניט געוויינט האט בלויז דער, וועמ ס׳האט זיך שוין איינגעלעבט מיט דעם געדאנק וועגן טויט...

און דער קאמף אין דער טיפעניש פון דער נאכט האט זיך געצויגן און געצויגן...

דער אַלטער אָלדעראָדע און חאַן־סמיסען האָבן באַשלאָסן אַרויסצושטעלן נאָך אַן אָפּטיילונג צו הילף דער „גרינער יונגט״.

די פֿאַרטקע פֿון דער פֿעסטונג האָט זיך געעפֿנט. איינער נאָכן אַנדערן זיינען געגאַנגען דורך איר באַוואָפֿנטע מענטשן. זיי זיינען געגאַנגען פֿאַרזיכטיק, האַלב פֿויגענדיק און באַלד פֿאַרשוואונדן אין דער פֿינסטערניש.

פּלוצלונג איז אַלצדינג — דער ים און די שטאָט און די רואינען פֿון דעם אונטערשטן קוואַרטאַל — באַלויכטן געוואָרן פֿון אַ העלן שיין. אַ זייל פֿייער איז אויפֿגעשטיגן צום הימל. קופּעס שטיינער־שטיקער, כלי־זיין, מענטשן, פֿייער און רויך האָבן זיך אויפגעהויבן, אַרויפֿגעפֿלויגן אין דער לופֿטן. די ערד האָט אַ ציטער געטאָן. עס האָבן זיך אַ וואַקל געגעבן אפילו די שטאָטישע מויערן. מ׳האָט געקענט הערן, ווי עס פֿאַלן אין זינקען די אָפּגעבּרענטע חורבות פֿון די הייזער. די קרעכצן פֿון די פֿאַרוואונדעטע זיינען פֿאַרהילכט געוואָרן אין דעם דאָזיקן רעש. די מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די מויערוועגט, האָבן מיט אימה געקוקט אויף דעם שרעקלעכן ספּעקטאַקל. אַ סך זיינען פֿאַרוואונדעט געוואָרן דורך די שטיקער בראָכוואַרג, וואָס זיינען געפֿאַלן פֿון דער הייך. איידער אָבער דאָס עכאָ פֿון דעם ערשטן אויפֿרייס האָט פֿאַרקלונגען, האָט זיך דערהערט אַ צווייטער אויפֿרייס און אַ דריטער, איינער נאָך דעם אַנדערן. און ווידער איז אַוועק אַ געהילך און אַ דונערן, ס׳האָבן אַ ציטער געטאָן די מויער־ווענט, די שויבן אין דער קירך פֿון דער הייליקער גודולע האָבן געפּלאַצט, די דעכער פֿון די הייזער, וואָס זיינען געשטאַנען האַרט בײַ דער שטאָטישער מויער, זיינען אַראָפּגעפֿאַלן.

— די דאַמבּעס זיינען אויפֿגעריסן געוואָרן אין דער לופֿטן! — האָט איינער אַ געשריי געטאָן פֿון דעם צפֿונדיקן טורים.

אין דער פֿינסטער איז ניט געווען מיגלעך צו באַשטימען דעם אָרט, וואו דער אויפֿרייס איז געשען. איז ער פֿאַרגעקומען

צווישן די רואינען, גענוג ווייט נאך פון ים, אדער סאמע בײ די דאמבעס? זיינען די שפאנישע באפעסטיקונגען צעשטערט געווארן, אדער די דאמבע גופא איז שוין דורכגעבראכן און די כוואליעס פון ים פארפלייצן שוין דעם לאגער פון די שפאניער?

מ'האט גארנישט געקענט זען. אלץ איז געווען איינגעהילט אין חושך.

און די געשרייען אין שפאנישן לאגער האבן זיך געהויבן אלץ העכער און העכער. אין דער פינסטער האבן געפינקלט פייערלעך, אומגעלאפן אהער און אהין. מ'האט געהערט, ווי די שפאנישע טראמפייטן טרומייטערן צום פארזאמלען זיך. דער גאנצער אייזערנער רינג, וואס האט ארומגערינגלט עסטערדאם און אפגעצאמט אים פון דער גאנצער וועלט, איז געקומען אין באוועגונג.

אט איז עס שוין! אט איז שוין—דער אנהייב פון דעם שרעקלעכן סוף!

די דאמבעס זיינען געווען גאנץ ווי פריער.

די עסטערדאמער האבן זיך געגרייט צו דער לעצטער שלאכט.

דאס זיינען שוין ניט געווען יענע מונטערע מחנות, ווי אין אנהייב באלאגערונג. דאן האבן די בירגער זיך געגרייט צום נצחון. איצט האבן זיי זיך געגרייט צום שטארבן.

שוין א סך פון זייערע מיטקעמפער—פאטערס, מאנען און ברידער — זיינען געשטארבן מיט א שרעקלעכן טויט — ווער מיט געווער אין דער האנט, ווער פון הונגער, ווער פון דער מגפה. יאוש און אימה האט אלץ שטארקער און שטארקער באהערשט דעם המון. ס'איז צוגעקומען נאך א משוגענער פרוב. אין עטלעכע מינוט זיינען געפאלן איבער צוויי הונדערט נייע קרבנות פון די פאלקס-פארטיידיקער.

עטלעכע צעקריפלטע הרוגים זיינען פון דעם אויפרייס ארויפגעשליידערט געווארן אויף דער שטאטישער מויער. דאס זיינען געווען שפאנישע וועטעראנען און אייגענע יונגעלייט. פון די דאזיקע יונגעלייט איז קיינער ניט געקומען צוריק: אלע זיינען

אומגעקומען. די אַפּטיילונג, וואָס מ'האָט זיי געשיקט צו הילף, האָט זיך אומגעקערט מיט אַן אַנדער פון פופציק מאַן, וואָס זיינען צעמורשט געוואָרן אונטער די חורבות. ווער עס איז לעבן געבליבן, איז צוריקגעקומען, ברענגענדיק מיט זיך די הרוגים.

צווישן די הרוגים איז אויך געווען הערמאַנס קערפּער. דער בחור איז, ווייזט אויס, געהרגעט געוואָרן אויף אַן אָרט, אָן שום עינויים. אַ שפּאַנישע קויל איז דורכגעגאַנגען אויף דורך און דורך זיין מאַרך און האָט מאָמענטאַל אָפּגעשטעלט די אַרבעט פון דעם געדאַנק.

קאפיטל אכט.

דיזר אייביקער רום און דער אלטעגלעכער קאמף.

דער אלטער וואלטער ראמעניוס איז געזעסן איבער דעם קערפער פון זיין אדאפטירטן זון, פארזונקען אין ביטערע מחשבות. ער האט געקוקט אויף דעם ליבן, טייערן פנים פון דעם מת, און טרערן ווי באב האבן זיך געקייקלט איבער זיינע באקן. אט ליגט ער א טויטער, דער דאזיקער קלוגער, באגאבטער בחור, זיין שטאלץ, זיין רום, זיין גליק! אט ליגט ער, דער דאזיקער לעבעדיקער, וואכיקער מענטש, וואס האט צעקלאפט זיין קאפ אן דער שטיינערנער וואנט! פארשאלטן זאלן זיין די מערדער, וואס האבן אים אומגעבראכט! אבער ווי און ווינד איז אויך צו אים, וואלטער ראמעניוסן! ניט געקענט האט ער, דער אלטער, געלערנטער שוטה, פארהיטן זיין האדעוואניק פון דעם לעבנס סכנות! ניט געקענט האט ער אויסשמידן אין אים די שטרעבונג צו דיעם הייליקן, אנפניותדיקן, אייביקן אמת! און פארברענט איז געווארן דער יינגל, אומגעקומען פאר דער צייט, און זיין איידל הארץ האט אויפגעהערט צו שלאגן! איצט איז אונטערגעגאנגען די פרייד, אונטערגעגאנגען דער שטאלץ, אונטערגעגאנגען די טרוימען ראמעניוסעס, אז זיין ליבער טייערער הערמאן וועט נאך באהארצטער אריינטרעטן אין קאמף מיט די גרויסע סודות פון דער נאטור און וועט ענערגיש און ערלעך דינען דער גרויסער זאך פון דער ווארהייט אויף דער זינדיקער פינסטערער ערד.

און טרערן האבן זיך געקייקלט איבער דעם אלטנס בלאס־געלע באקן און געגלאנצט ווי בריליאנטענער טוי אויף זיין גרויער באָרד. יא, דער אלטער וואלטער ראמעניוס האט געטראכט א ביטערע און שווערע מחשבה!

דער ווינט, וואָס האָט זיך געריסן אין צימער, האָט געווינט דעם פֿלאַם פֿון לאָמפּ און געשאַרכט מיט די פּאַפּירן און ביכער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. ער האָט באַוועגט דעם שוואַרצן צודעק, אונטער וועלכן עס איז געלעגן דער טויטער הערמאַן. אין צימער זיינען פֿאַנטאַסטישע, מטושטשע שאָטנס אומגעלאָפֿן און אומגעשפּרונגען און זיך צונויפֿגעשטויסן, צונויפֿקומענדיק זיך און פֿונאַנדערגייענדיק זיך, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער צימער איז פֿול עפּעס מיט געהיימע גייסטער און לעבט אינגאַנצן, און דער מת באַוועגט זיך אונטער זיין צודעק.

— אָ, יוגנט, משוגענע יוגנט, וואָס שוינט ניט איר לעבן, אירע כּוחות, וואָס שוינט ניט די פֿאָטערס און זייערע האָפֿענונגען און ערוואַרטונגען! דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט שוין ניט מער קיין פּערזענלעכן לעבן, האָט שוין ניט מער קיין פּערזענליכע פֿריידן און ליידן! איצט איז זיין גאַנץ לעבן, זיין גאַנצע פֿרייד אין דער וויסנשאַפֿט, אין דער אייביקער וואָרהייט, וואָס ער האָט אַנטפּלעקט!

און דער געדאַנק פֿון דעם אַלטן געלערנטן האָט זיך אָפּגעריסן פֿון דער ערד און אַוועקגעשוועבט אין יענע ספֿערן צווישן די פּלאַנעטן און צווישן די שטערן, וואו עס זיינען ניטאָ קיין מענטשלעכע פֿריידן, ניטאָ קיין מענטשלעכע באַגייסטערונג און קאַמף, אָבער דערפֿאַר אויך ניטאָ קיין מענטשלעכע ליידן און צער...

נאָך אַ פֿיר-פֿינף טעג, און זיין אַרבעט וועט זיין פֿאַרענדיקט, און ער אַליין וועט דאַן קענען מיט אַ רואיקן האַרצן זיך אונטערטונקען אין דעם שוואַרצן תהום, וואוהין עס איז אַוועק זיין אָדאָפּטירטער זון.

און פֿרישע, כּסדר פֿרישע טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער דעם געזיכט פֿון דעם אַלטן וואַלטער ראַמעניוס.

עס האָבן געדרוישט די ביכער און די פּאַפּירן אויף דער ערד. פֿון דעם שכנישן צימער האָבן זיך געהערט די יללות פֿון דער אַלטער גערטרודע. אַלץ אַרום האָט געציטערט און גע-

פלאטערט און געוויינט. און דעם בר-מינגם פנים איז געווע פונקט אזוי אומליידנשאפטלעך, פונקט אזוי רואיק, פונקט אזו סודותפול און שטום, ווי דער אויסגעשטערנטער הימל אין א לויטערער אָנלבנהדיקער נאכט.

דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט זיך איינגעקוקט אין דעם דאָזיקן פנים און זיך געפלייסט איבערצולייענען אויף אים, וואָס פאַר אַ סוד איז עס אָנגעשריבן אויף דידאָזיקע צונויפגערוק-טע ברעמען, אויף דעם צונויפגעפרעסטן און בלאסן מויל? דער סוד פון לעבן? און אפשר גאָר אַ פאָרוואורף, דער פאָרוואורף, וואָס הערמאן האָט געמאַכט דעם אַלטן, זיך לאָזנדיק אויף דער ריזיקאַלישער זאַך? אפשר איז דערפאַר טאַקע דער יונ-גער אומגעקומען, ווייל דער אַלטער האָט זיך אָפגעזאָגט צו טאָן די משוגע דרייסטע און ריזיקאַלישע זאַך? אפשר איז עס דער גזר-דין פאַר דעם אַלטן אָנגעשריבן אויף דעם דאָזיקן פנים?

און דער אַלטער געלערנטער האָט באַדעקט דעם קער-פער פון דעם טייערן מת מיטן שוואַרצן טוך און זיך ווידער אוועקגעזעצט צו זיינע ציפער... ביי זיי האָט ער געוואָלט פאַרגעסן אי זיין צער, אי הערמאַנען, אי זיך אַליין.

* *
*

ווען אַלדעראָדע איז דריי אַ זייגער ביינאַכט געקומען צו ראַמעניוסן, האָט ער נאָך געטראָפן דעם אַלטן ביי דער אַר-בעט. אַלדאָרע איז געווען בלאַס און פאַרמאַטערט. דער הונגער האָט זיך אַרויסבאַוויזן אויך אויף זיין געזונטער, אויסהאַלטעוודי-קער געשטאַלט. איבער דעם בירגמייסטערס פנים האָט זיך גע-קייקלט אַ שוויים. אַלדעראָדע האָט געהאַט עפעס אַ מאָדנע אַנטשלאָסענעם פייערלעכן אויסזען. ער האָט אַפּנים געהאַט בדעה צו זאָגן עפעס זייער אַן ערנסטע זאַך.

— אַלטער פריינד! האָט ער אָנגעהויבן — איך בין געקומען נאָך דיר, רופן דיך צו הילף.

דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געגעבן אויף זיין פֿריינד מיט זיינע רויטע אויגן, וואָס האָבן געפֿינקלט ווי אין אַ פֿיבער.

— הער, וואַלטער, אויף דיר איז איצט אונזער גאַנצע האָפֿענונג. האָט אַלדעראַדע ווייטער גערעדט. — ס'איז געקומען דער אָנהייב פֿו סוף. די שפּאַניער זיינען גרייט צו גיין שטורימען די שטאָט. זיי זיינען שטאַרק, מיר זיינען אָפּגעשוואַכט. קוים וואָס מיר האַלטן זיך אויף די פֿיס. זאָל שוין זיין, אַז זייער ערשטן שטורים וועלן מיר אָפּשלאָגן, אָבער וואָס וועט זיין ווייטער — דאָס ווייס איין גאָט... אַלזאָ, מיין פֿריינד, קום, לאָמיר גיין! ראַטעווע אונז גיכער.

וואַלטער ראַמעניוס האָט אַלץ געשוויגן און האָט איינגעשפּאַרטערהייט געקוקט אויף זיין אַרבעט.

— נעם־זשע צונויף, נעם צונויף אַלע דיינע כּוחות, דיין גאַנצע קענטשאַפֿט, דערמאָן זיך אַלע דיינע ידיעות און נעם זיך אונטערצוגראָבן די דאַמבעס. וואָס פֿאַר אַ באַטרעף האָט אַזאַ נישטיק שטיקל אַרבעט פֿאַר דיר, וואָס דו האָסט געוויזן אַזעלכע וואונדער ביי סען־קאַנטען? און אויב דו וועסט עס אַפֿילו ניט מאַכן. שטאַרבן וועלן מיר סיי ווי סיי! טאָ הייב־זשע אָן, פֿריינד מיינער, איך בעט דיך, הייב אָן וואָס גיכער — און דיר וועט זיך עס זיכער איינגעבן! מיר האָבן הונדערטער מענטשן, וואָס ווילן דיר העלפֿן...

געשוויגן האָט דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס און אַלץ געקוקט אויף זיין אַרבעט.

און וואָס האָט ער געקענט דערויף ענטפֿערן: צוויי זאַכן האָט ער געהאַט אין לעבן: די וויסנשאַפֿט און זיין ליבן, טייערן הערמאַנען. הערמאַן איז שוין ניטאָ מער, דער פֿאַרשאָלטענער אַלטעגלעכער קאַמף האָט אים אַוועקגעריסן פֿון אים. איצט וויל מען ביי אים אַוועקנעמען די וויסנשאַפֿט אויך, מ'וויל אַוועקנעמען דאָס, וואָס גיט אַ זין און אַ קדושה דעם לעבן זיינעם! און וועראיינט עס איצט אויף אים די שווערע האַנט? דערזעלביקער קליינער אַלטעגלעכער קאַמף! ניין, דאָס וועט ניט גיין! דאָס

וועט בשום אופן ניט גיין! וואו ער וועט ניט ברענגען צו א סוף די ארבעט זיינע, וועט ער, וואלטער ראמעניוס, פון ארט זיך ניט רירן. ער מוז זי ברענגען צו סוף, וואס עס זאל ניט גע-שעען, און דאן וועט ער גיין און שטארבן אויף די טויערן אדער הינטער די טויערן...

אבער איצט, כל-זמן זיין אנטדעקונג איז נאך ניט דער-פירט צו א סוף, וועט ער זי ניט ווארפן אינמיטן, בשום אופן ניט! ער האט דאך הערמאנען אפילו ניט געפאלגט, ווען יענער איז אוועקגעגאנגען פון אים דאס לעצטע מאל! ער האט הער-מאנען ניט געפאלגט, פארלירנדיק אים אויף אייביק! היינט ווער-זשע דערוועגט זיך עס צו רופן אים און בעטן זיך ביי אים? ווער דערוועגט זיך עס צו פאדערן, ער זאל פלוצלונג אוועקנע-מען דעם זין פון זיין גאנצן לעבן?

— אלטער פריינד! — האט ער געענטפערט אלדעראדען — אין פיר טעג ארום, בלויז אין פיר טעג ארום וועל איך זיין מיט אייך, וועל איך זיין אינגאנצן אייערער. אבער איצטער שטערט מיר ניט, איך בעט אייך, צו פארענדיקן מיין ארבעט!

און ווידער האבן זיך די טויערן גענומען קייקלען פון דעם אלטן וואלטער ראמעניוסעס אויגן. און ניט קוקנדיק אויף זיין פריינד, האט ער זיך גענומען צו זיינע בארעכענונגען...

אלדעראדע האט עפעס גערעדט צו אים, אים עפעס גע-פרובט דערהייזן. אבער דער אלטער וואלטער ראמעניוס איז ווי שטום און טויב געווארן. ער האט גארנישט ניט געזען, ניט געהערט און ניט פארשטאנען, חוץ זיינע צייכענונגען און ציפער.

* *
*

אלדעראדע איז אוועקגעגאנגען. אי ער האט רחמנות געהאט אויף זיין אלטן פריינד, אי עפעס א בייזער צארן פון פארצווייפ-לונג האט זיך אין אים אלץ העכער און העכער אויפגעהויבן קעגן אים. אלדעראדע האט קיינמאל ניט געקענט „שוועבן מיטן

גייכט אין די רעגיאָנען פון דער וויסנשאַפט״. די וויסנשאַפט גופא האָט ער געשעצט נאָר דערפאַר, וואָס זי העלפט אין לעבן, וואָס זי מאַכט גרינגער די מענטשן דעם קיום אויף דער ערד, מאַכט ריינער דעם שווערן לעבנסוועג.

סיי־ווי־סיי האָט אָבער אַלדעראָדע פאַרשטאַנען, אַז דער עקשן דער געלערנטער וועט דורכאויס באַשטיין אויף דאָס זייניקע.

יאָ, וואַלטער ראַמעניוס האָט באמת טאַקע באַשלאָסן צו באַשטיין אויף דאָס זייניקע. ער האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו זעען און צו הערן, וואָס עס טוט זיך אַרום. אַפילו פילן דאָט ער, דאַכט זיך, אויך אויפגעהערט. די אַלטע דינסט גערטרודע איז עטלעכע מאָל אַריינגעקומען צו אים אין צימער, און דער אַלטער איז אַלץ געזעסן איבער זײַנע ציפער. זײַנע אויגן האָבן גע־פינקלט ווי אין אַ פיבער. די הענט האָבן ווי אין קראַמפּן געהאַלטן די פען, און טראָפּנס שווייס האָבן גערונען איבער זײַן הויכן שײַנעם שטערן. און וואַלטער ראַמעניוס האָט אַלץ גיכער און גיכער געמאַכט זײַנע באַרעכענונגען.

* *
*

דערווײַלע האָבן אויף דער שטאָטישער מויער שוין ווידער געדונערט די האַרמאַטן. אויף דער מזרחדיקער זייט פון הימל האָט געבראָכן דער באַגינען. די הויכע וואָלקנס זײַנען געוואָרן בלוט־רויט. דאָ און דאָרט צווישן זיי האָט דורכגעשײַנט דער בלויער הימלגעוועלב. דער טאָג האָט צוגעזאָגט צו זײַן אַ זוני־קער און אַ פריילעכער.

און אין לאַגער פון די שפּאַניער איז אָנגעגאַנגען אַ פאַר־שטאַרקטע באַוועגונג. פון די פעסטונגס־מויערן האָט מען געקענט זען, ווי אין דער ווײַטנס ווערן איבערגעגרופּירט די חיילות, ווי דאָ און דאָרט קלײַבט זיך צונויף די אינפאַנטעריע, ווי עס בײַטן אַלע ווײַלע דעם אָרט די רײַטער, ווי עס ווערן אַריבערגע־געפירט אויף די נײַע פּאָזיציעס די שווערע שפּאַנישע האַרמאַטן.

און די שיסערײַ דונערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. די שפּאַנישע גראַנאַטן שיטן זיך ווי האָגל אויף דעם וו י י ס ן טו־רים. די שפּאַניער ווילן מסתמא אָנהייבן דעם שטורים פֿון אָט דער זייט.

די שיסערײַ איז דאָ שטאַרקער געוואָרן, דאָ שוואַכער. נאָר דער ים האָט די גאַנצע צייט מיט דערזעלביקער קראַפֿט געפּאַטשט און געשלאָגן אָן די דאַמבעס. „איינס — צוויי! איינס — צוויי!" האָט ער געפּליעשטעט — „איינס — צוויי! איינס — צוויי!" און דער דאָזיקער אומאויפֿהערלעכער, גלייכמעסיקער געהילך פֿון דעם ברויזנדיקן ים האָט עפּעס אַזוי ווי אַקאָמפּאַנירט צו דעם דונער פֿון דער שיסערײַ.

אָלדעראָדע האָט זיך ניט טועה געווען אין זײַן השערה, אַז די שפּאַניער האָבן באַשלאָסן צו צעברעכן פֿאַר אַמאָל דעם פֿאַרעקשנטן ווידערשטאַנד פֿון דעם לעצטן באַסטיאָן פֿון דער נידערלענדישער פֿרייהייט. אין קירך איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ ישוב־הדעת פֿון די בירגער צוזאַמען מיט די חיילספֿירער. אויפֿן פּלאַץ פֿאַרן ראָטהויז איז געווען פֿול פֿון מענטשן. אַלע דאָבן געפֿילט, אַז עס קומט אָן די פֿאַטאַלע מינוט. אַלע האָבן געפֿילט, אַז ערשט איצט קומט די אמתע שעה אָדער צו מנצח זיין אָדער צו שטאַרבן.

און פֿון ווילהעלמען איז נאָך אַלץ אין קול ואין עונה.

אָבער קיינער האָט זיך ניט געקלאָגט, קיינער האָט ניט געשאָלטן דעם גרויסן קעמפֿער פֿאַר דער נידערלענדישער פֿריי־הייט. אַלע האָבן געוואוסט, אַז וויבאַלד ער איז ניט געקומען, האָט ער מסתמא ניט געקענט קומען. פֿאַרוואָס ער איז פֿאָרט ניט געקומען — וועגן דעם האָט מען ניט געטראַכט. וואָרים וואָס איז געווען די פּעולה פֿון די פּוסטע חקירות? יעדער מיט־גליד פֿון דעם מלחמה־ראַט האָט אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג. יעדער האָט אײַיין באַשלאָסן, וואָס ער האָט צו טאָן און וואָ־סער אָרט ער וועט פֿאַרטיידיקן. פֿרייוויליקע האָבן זיך געמאָלדן אָן אַ צאָל אויף די געפֿערלעכסטע ערטער.

ס'איז געקומען אַזאַ מאָמענט, ווען אַלע זיינען, אַזוי ווי

זיך טרינקענדיק, געווען גרייט אָנצוכאַפּן זיך אַפּילו פֿאַר אַ שטרויעלע, אַבי זיך צו ראַטעווען. דער משוגענער פּראָיעקט פֿון דעם אומגעקומענעם הערמאַן איז שוין געווען בײַ אַלעמען אין די מײַלער. אַצונד האָבן שוין אַ סך געטענהט, אַז דער גיבערסטער און בעסטער מיטל זיך צו ראַטעווען איז—אויפֿרייסן די ראַמבעם. דער נאָמען פֿון דעם געלערנטן ראַמעניוס איז ניט אַראָפּ בײַ קיינעם פֿון צונג. בלויז וואַלטער ראַמעניוס, בלויז אָט דער געניטער, אַלטער אינזשעניער וועט קענען, אויב ער וועט נאָר וועלן, ראַטעווען די שטאָט און בטל מאַכן אויך די האָלענדישע פֿרייהייט. ער מוז זיך אַלזאָ נעמען צו דער אַרבעט! ער מוז צוליבדעם אַלזאָ וואַרפֿן אַלע אַנדערע עסקים און עסקימלעך! ציִ דען איז ער אַ בוגד אין זײַן אייגענעם פֿאָלק? און אויב יאָ אַזוי— איז אַ טויט אים!

דער בירגערמייסטער האָט זיך איינגעשטעלט פֿאַר זײַן פֿרײַנד, ווי ווייט ער האָט געקענט. פֿאַרוואָס זאָגט זיך וואַלטער ראַמעניוס אָפּ? ווײַל ער איז דערשלאָגן און דערדריקט דורך די געשעענישן פֿון דעם לעצטן טאָג. אָבער ס'וועט אַריבערגיין אַ ביסל צײַט — וועט ער קומען צו זיך, וועט זיך צונויפֿנעמען מיט די כוחות. אגב קען מען מיט אים איבערריידן נאָכאַמאָל, און ער, אַלדעראַדע, נעמט זיך אָן דאָס צו טאָן, אויב ס'וועלן אים קומען צו הילף נאָך עטלעכע בירגער.

און ס'האָט זיך פֿון דעם שמאָטיקן ראַטהויז געלאָזט אַ דעפּוטאַציע פֿון עטלעכע בירגער, פֿון די סאַמע פּני, וואָס זיינען נאָך לעבן געבליבן, צו דעם הויז פֿון דעם אַלטן מאַטעמאַטיקער. אויף צופֿריער איז געגאַנגען אַלדעראַדע אַליין, נאָך אים— נאָך עטלעכע זקנים און זיי אַלע האָט אַרומגערינגלט אַ גרויסער עולם מענטשן, וועלכע האָבן שוין לאַנג געוואוסט, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. דאָ זיינען געווען אַלטע לײַט, פֿרויען און קינדער.

און זעענדיק פֿאַר זיך די דאָזיקע מאַסע בלייכע, פֿאַרחושכטע און אויסגעמאַטערטע פֿון הונגער און פֿון מגפֿות, האָט שוין אַלדעראַדע ניט רחמנות געהאַט אויף זײַן אַלטן פֿרײַנד. אַ כוואַ=

ליע פון א ביזער שטימונג קעגן דעם דאזיקן מענטשן האט אים באהערשט אלץ שטארקער און שטארקער. סטייטש! די אלע אומגליקלעכע, אבער פארט נאך לעבעדיקע מענטשן ברענגען אלס קרבן פאר טויטע ציפער! פארגעסן אן דעם מענטש צוליב עפעס אן אבסטראקטער אידעע, זאל זיין דער העכסטער און אייביקער ווארהייט! אזוי צו טאן דארף מען דאך גארניט האבן קיין הארץ, מ'דארף ניט האבן קיין מוח, מ'דארף ניט האבן קיין אויגן און קיין אויערן, מ'דארף זיין דער גרעסטער עגאאיסט און א טויטער שבטויטע. אלדעראדע איז געווינט געהען צו אונטערדריקן אין זיך אלע מיני אויפרעגונגען, אבער איצט איז ער געהען אזוי אויפגערעגט, ווי נאך קיינמאל ניט. דער שווייס האט זיך פון אים ממש געגאסן, און די באקן האבן געברענט. עס האט זיך געקענט דאכטן, אז ניט צו זיין אלטן פריינד ראמעניס גייט ער, נאר ער גייט שטורימען דעם שונאס א פעסטונג.

דערווייל האבן אין דער ווייט די הארמאטן געדונערט אלץ שטארקער און שטארקער, און דער ים האט זיי אונטער־געהאלטן מיט זיין ברויזן און ברומען. צייטנווייז האבן די שטויסן פון ווינט פארטראגן אפגעריסענע קלאנגען פון דעם קאמף—קולות און קרעכצן און דעם דונער פון די הארמאטן, און די זידלווער־טער פון די שפאנישע סאלדאטן, און טרויעריקע הייליקע גע־זאנגען פון די נידערלענדער. וואן־סמיסען און די איבעריקע היילספירער זיינען שוין לאנג געהען אויף די ערטער און האבן מיט זייער גאנצער מאכט געווארט אויפן שונא. אויף דעם גלאקטורים פון דעם קאטעדראל האט מען געקלונגען אין דעם שטורים־גלאק. דאס האט מען צונויפגערופן די בירגער צום לעצטן קאמף.

און דער אלטער וואלטער ראמעניוס האט אלץ נאך גע־האלטן אין שרייבן די ציפער זיינע. ער האט עפעס אזוי ווי אינגאנצן פארגעסן אן דעם טייערן מת, וועלכער איז נאך אלץ אזוי געלעגן אויפן טיש אונטערן שווארצן טוך. אין די שמאלע פענסטער פון צימער האבן זיך אלץ שטארקער און שטארקער

אַריינגעריסן דער שיין פֿון דעם אויפֿגייענדיקן טאָג. וואָס אַמאָלבלאַסער זיינען געוואָרן די אומלויפֿנדיקע שאָטנס. דאָס ליכט פֿון דעם צאַנקנדיקן לאָמפּ האָט אַזוי ווי געשטריטן מיט דעם ווייסן העלן זונענשיין!

די דעפּוטאַציע פֿון די בירגער, אַריינקומענדיק אין צימער האָט קיין אַרויסגעבראַכט דעם אַלטן מאַטעמאַטיקער פֿון זיין געלערנטער פֿאַרטיעפֿקייט.

—הער אויס, מיין פֿריינד,—האָט דער בראַווער אָלרעראָדע אָנגעהויבן.—מיר אַלע—ווייסט, וויפֿיל מיר זיינען דאָ? און נאָך מער שטייען פֿאַר דער טיר—זיינען דיך געקומען בעטן: העלף אונז! וואַלטער, פֿריינד מיינער, זיי ניט קיין משוגענער עקשן!

וואַלטער ראַמעניוס איז, אַזוי ווי דאַמאָלסט, שטום געבליבן זיצן אין פֿאָטעל, אַראָפּגעלאָזט דעם גרויען שיינעם קאָפּ איף די ביינערדיקע הענט. אָלרעראָדע האָט זיך גענומען קאָכ אַלץ מער און מער.

—וואַלטער, וועסט זיין אַ חזיר, אויב דו וועסט ניט פֿאַרנעמען אונזער אַלעמענס בקשה און וועסט אונז ניט העלפֿן!

און פֿון דעם אַלטן בירגערמייסטערס לעפֿצן האָט אַ שטראָם געטאָן אַ מבול הייסע תחנונים און ברענעדיקע טענות. אָלרעראָדע איז ניט געווען קיין געניטער אָראַטאָר, ער האָט אָבער געקענט ריידן קורץ און קלאָר. ער האָט אי געבעטן אי זיך געזידלט אי געפּרובט איבערצייגן. צוזאַמען מיט אים האָבן אויך גערעדט די אַנדערע דעפּוטאַטן. אַלע האָבן גערעדט פֿאַר אַמאָל, אַלע האָבן זיך געפֿלייסט וואָס גיכער אַרויסצוזאָגן, וואָס עס האָט זיך אָנגעקליבן ביי זיי איפֿן האַרצן.

און וואַלטער ראַמעניוס איז אַלץ געזעסן און געשוויגן. נאָר טרערן האָבן זיך געקייקלט פֿון זיינע איינגעפֿאַלענע אויגן און געקאַפּעט איף זיין אַרבעט.

די גרויסע בויגנס געלן פּאַפּיר זיינען געווען אינגאַנצן באַשריבן מיט לאַנגע שורות ציפֿער. ערטערווייז זיינען זיי געווען איבערגעמעקט און אויפֿגעשריבן איבעראַניים. דאָ און דאָרט זיינען געווען אָנגעוואָרפֿן קורצע באַמערקונגען מיט ווערטער. די הויפּט-טעזיסן זיינען געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות און אונטער-

געשטרייכט מיט רויטן בלייפעדער. גאָט מיינער, וויפיל מי, וויפיל אָנשטרענגונגען פון געדאַנק און פון וויסן האָט די דאָזיקע אַרבעט געקאָסט! וויפיל שווערע טעג און שעהן האָט זי געפאָדערט פון דעם מענטשן! וויפיל קרבנות, בלוטיקע קרבנות האָט מען שוין איר געבראַכט! ווי אַזוי־זשע קען מען גאָר אָפּטרעטן פון איר? ווי אַזוי־זשע קען מען עס זאָגן: „איך וועל די אַרבעט ענדיקן שפּעטער?" „שפּעטער!" דער „שפּעטער" הייסט דאָך דער קבר. דער „שפּעטער" הייסט דאָך „קיינמאָל ניט"... ניין, ס'מוז גיין ווייטער און ווייטער, בפרט אַז דער וועג איז געפונען, און דו ווייסט, וואוהין דו גייסט. נאָך אַ טאָג דריי פון אַזאַ אָנגעשטרענגטער אַרבעט און די זאַך קומט צו אַ סוף. דו גרויסער סוד פון דער וועלט, וועסט באַלד ווערן אויפגעקלערט! אָ, דו קדשי קדשים פון דער וויסנשאַפט! צו דיר קומט אַריין נאָך אַ מענטש, ער קומט צו דיר אַריין, כדי צו וויסן טאָן נאָך אַ סוד דער גאַנצער מענטשהייט! אייביקער, אייביקער רום וועט אויף דעמדאָזיקן מאַן, אייביקע דאַנקבאַרקייט פון אַלע געבילדעטע מענטשן!

און פּלוצלונג, נאָך אַזויפיל קרבנות—נעם און וואַרף די־דאָזיקע אַרבעט?! זאָג זיך אָפּ פון דיין אינטימסטן געדאַנק און גיי שטאַרבן, ווי עס איז געשטאָרבן דער משוגענער, הגם אין האַרצן איינגעבאַקענער, העַרמאַן?! ניין, גענוג אומזיסטע קרבנות! עס זיינען נייטיק נאָר אַזעלכע קרבנות, וועלכע ברענגען פּירות... און די טעג פון עסטערדאַם זיינען שוין סיי ווי סיי געציילטע..

דער אַלטער בירגמייסטער האָט אַוועקגעלייגט די האַנט דעם פריינד אויף דעם אַקסל.

—איך וויל אומקומען, וועט אומקומען די וואָרהייט, וועט אויף אייביק אומקומען דער סוד, וואָס איך האָב אַנטפּלעקט, —האָט דער אַלטער וואַלטער ראַטעניוס געמורמלט ווי אין האַלבער פאַרגעסעניש און אין שכרות.

—הער־זשע, וואַלטער! הער מיך אויס, הער מיך אויס! האָט אַלדעראַדע געזאָגט, אויפהייבנדיק די שטים וואָס אַמאָל העכער.—קום צו זיך, אַלטער פריינד! אָט האָסטו נאָר־וואָס עפּעס אַ מורמל געטאָן וועגן דער וואָרהייט. אָך, דו אַלטער

רעדסט ממש אויסן וועג! פֿאַרשטייסט אַליין ניט, וואָס דו רעדסט! די אייביקע וואָ־הייט מאָ־ ניט פֿאַרשטעלן דעם צער פֿון די מאַסן און די ליידן פֿון דער מינוט, דעם אַלטעגלעכן קאַמף. אַליין מעגסטו זיך קוויקן מיט דערדאָזיקע־ וואָרהייט, אָבער דו דאַרפֿסט דאָך פֿאַרשטיין, אַז דו וועסט אַ רעדקוויקטער ניט דערקוויקן דערמיט איך די אַנדערע, די־יעניקע, וואָס ניט זיי לעבן, נאָר זיי מאַ־טערן זיך, וואָס מ'לאָזט זיי ניט לעבן און דענקען, ווי זיי ווילן, וואָס מ'נעמט ביי זיי אַוועק די עלעמענטאַרסטע מענטשלעכסטע רעכט, וואָס מ'טרעט מיט די פֿיס זייערע בעסטע געפֿילן, וואָס מ'רויבט ביי זיי אַוועק זייער ברויט, זייער ערד, זייער געלט, וואָס זייער לעבן איז אַן אמתער גיהנום. גאָט מיינער, וואו ביסטו עס געווען די לעצטע צוואַנציק יאָר, זינט קאַרל דער V האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון טראָן? ווי האָסטו עס ניט געזען, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן און טוט זיך נאָך עד־היום אין אונזערע פֿאַראייניקטע פּראָווינצן? הער, אַלטער פֿריינד! דיין וואָרהייט, דיין וויסנשאַפֿט וועלן אויפֿהערן צו זיין, וואָס זיי זיינען, אויב זיי וועלן ניט דינען דער גערעכטיקייט פֿון כּלל. אין די מיילער און הענט פֿון אַ ווילוס און אַ גראַנוועלאַ וועלן זיי מגולגל ווערן אין אַ ריי נבֿלות און אין אַ אינסטרומענט פֿון אונטערדריקונג; אין די הענט פֿון אַן אַלבאַ — אין אַ ריי רציחות און אַנדערע גרוילן, אין די הענט פֿון אַ פֿיליפּ — אין אַ פֿאַרהאַסטן יאָך לטובֿת די ענגאָאיסטישע צילן פֿון די פּריצים און באַמטע, אין די הענט פֿון פּויפּסט — אין צביעות און שווינדל. די וואָרהייט און די וויסנ־שאַפֿט וועט נאָר דאַן ברענגען נוצן, ווען זי וועט אַרויסגיין אין דער גאַס אַריין, וועט ווערן אַ קנין פֿון אַלע מענטשן. אָבער נאָר דער קאַמף, דער קאַמף אויף לעבן און טויט מיט אַזעלכע לייט, ווי דער פּויפּסט, אַלבאַ גראַנווילאַ, פֿיליפּ און זייערס גלייכן, וועט צעשטערן דעם גדר פֿון אייגננוציקייט, עם־הארצות, נידער־טרעכטיקייט, וועלכע זיינען באַזונדערס געפֿערלעך, ווען זיי געפֿינען זיך אין שטאַרקע הענט. ווען־זשע וועט די וואָרהייט זיין ניצלעך פֿאַר אַלעמען, ניט נאָר פֿאַר יחידי־סגולה? ווען אויף דער ערד וועט שוין מער ניט זיין קיין אַלבעס, קיין פּויפּסטן,

קיין פיליפן, קיין גראגזוועלעס. זאָלן אַנדערע לענדער קעמפן מיט זיי, ווי זיי פאַרשטייען, אונזער זאַך איז — אַרויסטרייבן די ווייניקסטנס פון אונזער לאַנד. דו דינסט ניט דער וואָרהייט, אויב דו דינסט ניט דעם יושר און דער ליבע צו מענטשן. דו ביסט זיך גופא סותר. מיט איין האַנט צעשטערסטו דאָס, וואָס דו בויסט מיט דער אַנדערער...

דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ. אַלדעראַדע האָט צונויפגענומען זיין גאַנצן בוח-הדיבור, וואָס ער האָט פאַרמעגט אַלס סטודענט.

— לייג-זשע אָפּ דיין אַנטדעקונג. גיי אַרויס און זאָג דער מאַסע, וואָס וואַרט אויף דיר דרויסן: „היי, איר ברידער און פריינד! איך בין — אייערער! און מיין וויסן איז אייערס! און מיין קענטשאַפט איז אייערע, און מיין לעבן איז אייערס! נעמט מיך אינגאַנצן! איר באַליידיקטע, איר דערנידעריקטע און פאַרשוועכטע, איר פאַרהאָרעוועטע און אונטערדריקטע! מ׳טרייבט אייך און מ׳רודפט. איר פאַרטיידיקט אייערע רעכט אויף לעבן און פרייהייט! אייער זאַך איז אויך מיין זאַך! איך געהער אייך! איך בין געקומען! זאָג-זשע זיי דאָס גיכער, וואַלטער ראַמעניוס, זאָג זיי, אַז דו ביסט זייערער, און ניט קיין פרעמדער. זאָג, אַז כאָטש וואָרהייט איז אַ גרויס און הייליק וואָרט, אָבער נאָך גרעסער און הייליקער זיינען די ווערטער — גערעכטיקייט און ליבע צו מענטשן...

דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט צונויפגעדריקט דעם קאָפּ מיט די ביינערדיקע הענט, און די טרערן האָבן אַלץ אָפטער גערונען איבער זיין פנים.

— מיין אַלטער פריינד, האָט אַלדעראַדע ווייטער גערעדט. — דיין זאַך קען ניט פאַרלוירן גיין, אפילו ווען דו זאָלסט דערהרגעט ווערן. האָסטו מיר דען אַליין ניט געזאָגט, אַז וואָרהייט — איז לאָגיק, אַז דיזאָזיקע לאָגיק רעגירט ניט נאָר איבער יעדער אַנטדעקונג, איבער יעדן אויפטו פון דער וויסנשאַפט באַזונדער, נאָר אויך איבער זייער סך-הכל און איבער זייער קאָנסעקווענצקייט. האָסטו דען מיר אַליין ניט געזאָגט, אַז די פאַקטן און די געזעצן פון דער נאַטור, אויף וועלכע די וויסנשאַפט ווערט געבויט, זיינען פאַר אַלעמען אין די אויגן און אַז סוף-כל-סוף מוזן

די מענטשן זיי באמערקן, און אז דאס לאגישע דענקען גופא גייט זיך במילא אלץ ווייטער און ווייטער, שטופט זיך אליין אונטער... גייט אלץ ווייטער און ווייטער און וועט קומען... שטיי=זשע אויף פון דיין שטול, אלטער פריינד, גיב א קוק אויף דער גאס, אויף דעמדאזיקן פאלק פון פארהונגערטע, גוססע,פארלוירענע, מאדנע שטאנדהאפטיקע און וואוילע מענטשן. ווער וועט דעמדאזיקן פאלק העלפן? דיין ווארהייט קען ווארטן, נישקשה, מ'וועט מוזן קומען צו איר. אבער דידאזיקע מענטשן קענען שוין מער ניט ווארטן. אויב דו וועסט זיי ניט העלפן און טאקע באלד, תיכף ומיד, וועט זיי שוין קיינער און גארנישט ניט העלפן—ווארים זיי וועלן שוין אויף דער וועלט ניט זיין, ווארים דער אלטעגלעכער קאמף קען שוין לענגער ניט ווארטן! און וועסטו זיי ניט העלפן, וועסטו אויך ניט העלפן דער גרויסער זאך פון פרייהייט...

דער אלטער וואלטער ראמעניום האט געשוויגן. אלדראדע האט ווייטער גערעדט:

— אבער דו, מיין פריינד, וועסט גארניט דערהרגעט ווערן. פארוואס זאלסטו דערהרגעט ווערן? דו דארפסט דאך גארניט קריכן אין פייער אריין. וועסט זיך זיצן אונטער דער ערד און וועסט אנפירן מיט דער ארבעט. אי דו וועסט בלייבן גאנץ אי דיין אנטדעקונג אויך. רוף צונויף דעם גאנצן עולם און גיב אים איבער דיין צוואה. און איך שווער דיר מיט כל השבועות שבעולם, אז אויב כאטש איינער וועט בלייבן לעבן פון דעם גאנצן עולם, וועט ער טאן דיין ווילן—וועט איבערגעבן דיינע פאפירן און דיין צוואה וועמען דו וועסט הייסן.. העלף=זשע, העלף וואס גיכער אונזער הייליקער זאך. גיי ארויס פון דיין צימער אויף דער ליכטיקער שיין.

די העלע שטראלן פון דער זון האבן באלויכטן די דאכציגל פון די שכנישע הייזער. און דער ווינט האבן די הארמאטן געדונערט אלץ שטארקער. די זקנים, וואס זיינען געקומען צוזאמען מיט אלדראדען, האבן ניט ווילנדיק אויפגעציטערט, זיך צוהערנדוק צו דערדאזיקער קאנאנאדע, און מיט א געשפאנטער ערווארטונג, און אייניקע אפילו מיט א מין כעס, האבן זיי

געקוקט אויף דעם אַלטן מאַטעמאַטיקער. אָבער וואַלטער ראַמע-ניום האָט אַלץ נאָך געשוויגן. ער איז מערניט געוואָרן נאָך בלאַ-סער און נאָך געלער; נאָך נידעריקער איז געפאַלן זיין קאָפּ, נאָך אָפטער האָבן זיך געקייקלט די טרערן איבער זיין פּנים. אָבער דער אַלטער האָט, ווייזט אויס, זיך שוין געשלאָגן מיט דער דעה, און אָלדעראָדע מיט נאָך אַנדערע האָבן עס געמערקט.

— און נאָך וועל איך דיר זאָגן אַ ביטערע וואָרהייט, אַ ביטערן אמת. איך האָב דיר עס ניט געוואָלט זאָגן, אָבער איצט וועל איך דיר זאָגן — האָט אָלדעראָדע ווייטער גערעדט. — הער שוין מיך אויס ביזן סוף, מיין אַלטער פריינד. דיך גייען ווייניק אָן אונזערע אַרגומענטן און אונזערע בקשות. דיך אַרט נים געגוג דאָס שרעקלעכע אויסזען פון אונזערע ליידנדיקע ברידער. אָבער צי דען אַרט דיך אויך ניט אָט דער קרבן?

און דער בירגערמייסטער האָט אָנגעוויזן זיין פריינד אויף הערמאַנס קערפּער, וועלכער איז נאָך אַלץ געלעגן אונטערן שוואַרצן טוך, וואָס האָט דייטלעך אָפּגעצייכנט זיין פיגור. דער אַלטער איז צוגעגאַנגען צו דעם מת און אָפּגעשאַרצט פון אים דעם צודעק. ביי דיזאָזיקע אָלדעראָדעס ווערטער האָט ראַמעניוס אַ ציטער געטאָן און איז ווי צו זיך געקומען.

— דער קרבן? וועגן וואָס פאַר אַ קרבן רעדסט דו עס?

— וועגן דעם קרבן פון יונג בלוט, פון הערמאַנס בלוט און דעם בלוט פון נאָך צוויי הונדערט יונגעלייט, וועלכע זיי נען נעכטן אומגעקומען פאַר אונזער זאַך. פריינד מיינער, דאָס האָבן מיר, די אַלטע, זיי אומגעבראַכט! מיר, מיר! דו פאַר-שטייסט, צי ניין!

דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט זיך אַ שטעל-אויף געטאָן פון זיין שטול, זיך אויסגעצויגן, ווי הויך ער איז גע-ווען, און איז אַ בלאַסער און אַ ציטערנדיקער געשטאַנען פאַר זיין פריינד. אויף זיין פּנים איז געווען אָנגעשריבן אַן אימה. די ליפּן האָבן געציטערט. די ברייט צעעפנטע אויגן האָבן שטאַר געקוקט אויף אָלדעראָדען און זיינע חברים.

— יאָ, מיר האָבן זיי אומגעבראַכט! — האָט אָלדע-

ראָדע ווייטער גערעדט· — געדענקסט, וואָס הערמאַן האָט געזאָגט, וואָרפנדיק זיך אין דעם זיכערן טויט אַריין? ער האָט געזאָגט, אַז אויב מיר, די אַלטע, די מענטשן פון ערפאַרונג און וויסן, טוען גאָרנישט אָדער מיר טוען ניט דאָס, וואָס איז נייטיק, וועט זי, די יוגנט, דאָס טאָן, הגם זי האָט ניט די ערפאַרונג און דאָס וויסן. ער האָט געזאָגט, אַז אויב די אַלטע האָבן אַזוי מורא פאַר געוואַגטע אידעען, האָט די יוגנט קיין אַנדער ברירה ניט, ווי אונטערצוגיין צוליב זיי און צוליב אַ בעסערער צוקונפט. און ער איז אומגעקומען, ווייל מיר האָבן אים אויסגעלאַכט און אָפּגערעדט. מיר האָבן אים אָפּגערעדט פון דעם, אין וואָס די אומשטאַנדן האָבן אונז גופא סוף־כל־סוף איבערצייגט! אָך, פריינד מיינער, דאָס איז דאָך טאַקע אונזער אומגליק, וואָס ווערנדיק אַלט, פאַרלירן מיר דעם חוש פאַר דעם לעבן, פאַרלירן מיר דעם געטיט פאַר דעם קאַמף, הערן מיר אויף צו פאַרשטיין די ליכטיקע און געוואַגטע אידעען, ווייל זיי ווייזן אונז שוין אויס ניט צו פאַרווירקלעכן, הגם מיר האָבן זיי גאָרניט געפרובט פאַרווירקלעכן, און נאָך אָפּגערעדט אַנדערע דערפון! ... יאָ, ליבער פריינד, דאָס זיינען מיר שולדיק אין דעם טויט פון דעמאָקן בחור און אין דעם טויט פון נאָך אַנדערע הונדערטער יונגעלייט. וויבאַלד מיר, אַלטע, טוען גאָרנישט, הייננט וואָס פאַר אַ רעכט האָבן מיר צו מתרעם זיין, וואָס אָנשטאָט אונז טוט די יוגנט, טוט און קומט אום?

דער אַלטער בירגערמייסטער איז נאָך קיינמאָל אַזוי אויפגערעגט ניט געווען ווי איצט. ער האָט געפילט, אַז זיין נשמה ברענט ווי אין אַ פייער... ער האָט געציטערט אַזוי ווי אין אַ פיבער און האָט גערעדט מיט אַזאַ היץ, וואָס ער האָט גאָר קיינמאָל ניט חושד געהען אין זיך. און אַז ער האָט געענדיקט, האָט ער מיט פאַרוואונדערונג באַמערקט פלוצלונג, אַז טרערן רינען אים איבערן פנים.

דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט זיך מיטאַמאָל אַראָפּגעלאָזט אויף די קני פאַר דעם קערפער פון זיין אַדאָפּטירטן זון און האָט זיך פונאַנדערגעוויינט. ער האָט אַרומגע־

נומען דעמדראָזיקן קערפּער, ער האָט אים פעסט געדריקט מיט זייגע ביינערדיקע הענט. ער האָט אים געקושט און שטייף צוגעדריקט צו דער ברוסט. דער בירגערמייסטער און זיינע חברים האָבן שטום געקוקט אויף דערדאָזיקער סצענע. אַלדעראַדע, מיט טרערן אויף די אויגן, האָט געקוקט, ווי עס ציטערט פון געוויין דער דאַרער קערפּער פון זיין אַלטן פריינד, ווי עס שאָקלט זיך זיין גרויער קאָפּ, ווי עס בייגט זיך אַזוי ווי אין קראַמפן זיין ביי־נערדיקער רוקן.

ס'איז אַריבער פינף פיינלעכע מינוטן. דער אַלטער וואַל־טער ראַמעניוס האָט אַלץ געוויינט איבער זיין זונס קערפּער. ס'איז אַריבער נאָך פינף מינוט, אָבער דעם אַלטנס געוויין האָט נים אויפגעהערט. די שטראַלן פון דער זון האָבן מיט אַ העלן שיין פאַרגאָסן דעם האַלב־טונקעלן חדר. דער לאָמפּ האָט אויס־געברענט און זיך פאַרלאָשן, פאַרשפּרייטנדיק אַ געשטאַנק און אַ טשאַד. דורך די אָפענע טירן פון הויז האָט זיך דערטראָגן די שיסעריי אויף די שטאָטישע מויערן. די שאָסן האָבן געקנאַלט אַלץ העכער און העכער. די קולות און קרעכצן, און דער רעש פון קאַמף האָבן זיך עפּעס אַזוי ווי אַלץ מערער דערנעענטערט. און איבער דידאָזיקע אַלע קלאַנגען, געבוירן דורך די פאַרבלענ־דענישן פון דער מענטשהייט, האָבן געהערשט די דומפּע קלאַנ־גען פון דעם אָנפּראַל — דער ניט מיד ווערנדיקער רעש פון ים.

— געגנוג זאָל שוין זיין, מיין אַלטער פריינד, געגנוג! — האָט אַלדעראַדע געזאָגט, אַ קלאַפּ טוענדיק ראַמעניוסן איבערן פּלייצע. דו הערסט, דאָרט, אויף די מויער־חענט, גייט שוין אונזער לעצטער געראַנגל! — קום זשע גיכער אַהינצו, קום לאָ־מי״ גיין, מיין פריינד!

וואַלטער ראַמעניוס האָט זיך שווער אויפגעהויבן פון דער ערד.

— גוט, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל גיין צו אייך. איך וועל גיין ... אין אַ שעה אַרום ... אין אַ האַלב שעה אַרום.. קומט דאַן נאָך מיר!...

אין אַ שעה אַרום, ווען אָלדעראָדע און מיט אים נאָך פינף בירגער זיינען געקומען ווידער צו ראַמעניוסן, האָט ער זיי באַגעגנט ביים אַריינגאַנג. דעם אַלטנס פנים איז געווען בלאַס ווי טויט. אַ קאָנוואולסיווער ציטער האָט געצוקט דאָס פנים, וועלכעס איז געווען ווי פאַרשטיינערט. די אויגן האָבן שטאַר געקוקט ערגעץ־וואו ווייט־ווייט. געקוקט — און ניט געזעען, וואָס עס טוט זיך פאַר זיי. אויף דעם טיש, אויף דעמזעלביקן טיש, וואו דער אַלטער געלערנטער האָט ערשט דאָ גאָרנישט לאַנג געמאַכט זיינע באַרעכענונגען, איז איצט געשטאַנען אַ דעמבענער קאַסטן, באַשלאָגן מיט אייזן און מעש. דער קאַסטן איז געווען אָפן. דערינע זיינען געלעגן פאַפירן, באַשריבן מיט ציפער און באַמערקונגען. די אַלע פאַפירן זיינען געווען נומערירט און אויסגעסדרט אין אָרדענונג. איבער זיי איז געלעגן אַ גרויסער פאַרמעט, אויף וועלכן עס איז מיט גרויסע אותיות געווען אויפגעשריבן מיט אַ ציטערנדיקער זקנישער האַנט אויף לאַטיין:

Hoc est Walteri Ramenii, veritatis amici, mathe matici

12) testamentum.

נאָך דעם איז געגאַנגען זייער אַ קורצע, אין איילעניש אָנגעשריבענע שילדערונג פון דעם, וואָס וואַלטער ראַמעניוס האָט אַנטדעקט, וואָס ער האָט באַוויזן צו דערוויין און וואָס ער האָט ניט באַוויזן.

דאָס איז געווען די צוואה פון דעם אַלטן געלערנטן, געשריבן ניט פאַר דעם אָדער יענעם, נאָר פאַר אַלע די, וועלכע וועלן עס ווען־עס־איז איבערלייענען, איצטער אָדער אין אַ הונדערט יאָר אַרום, אין דער מדינה אָדער אין אַן אַנדערער. וואַלטער ראַמעניוס האָט זיין צוואה אָנגעשריבן זייער בקיצור אָבער דאָך האָט ער באַוויזן אַריינצולייגן אין איר זיין גאַנצן קדשי־קדשים, דעם גאַנצן זין פון זיין לעבן... גאָט מיינער,

*) דאָס איז די צוואה פון וואַלטער ראַמעניוס, אַ פריינד פון דער וואָרהייט, אַ מאַטעמאַטיקער.

וויפיל פיין, וויפיל איבערמענטשלעכע ליידן האט אים געקאסט אנצושרייבן די צוואה! ער האט דאך דאס ניט קיין צוואה געשריבן—דאס האט ער זיין נשמה ארויסגענומען, ארויסגענומען מיט די אייגענע הענט און אוועקגעלייגט אין דעמדאזיקן דעמ-בענעם קעסטל, אזוי ווי אין א קבר אריין. דאס האט ער זיך דאך געגרייט צו זיין בײַ זיין אייגענער קבורה...

—ביסטו שוין פארטיק, מיין אלטער פריינד?—האט אים אלדעראדע געפרעגט.

—איך בין פארטיק!—האט וואלטער ראמעניוס פינסטער-לעך געענטפערט. און געווארפן נאך א קוק אויף הערמאנס אפגע-דעקטן קערפער, האט דער אלטער געלערנטער געגעבן א צייכן דער דינסט זיינער, גערטרודען. זי איז צוגעגאנגען צום טיש און און האט אויף גיך פארהאקט דאס קעסטל.

דאס דעקל האט מיט א קלאפ זיך פארשלאסן.

דער אלטער וואלטער ראמעניוס האט א ציטער געטאן פון דעם דאזיקן קלאפ. אזוי גיבן א ציטער די לעבעדיקע, געזעגע-נענדיק זיך צום לעצטן מאל מיטן טייערן מת. דאס אזוי אויך געווען בלאסע פנים פון דעם אלטן מאטעמאטיקער איז געווארן נאך בלאסער. וואקלענדיק זיך איז ער צוגעגאנגען צום קעסטל און א דריי געטאן דעם שליסל אין שלאס. דערנאך האט ער גענומען די מאסיווע חתימה פון טיש און צוגעחתמעט דאס דעקל מיט דריי גרויסע זיגלען.

אלדעראדע און זיינע חברים האבן שטום געקוקט, וואס דער אלטער טוט. קיינער האט דאס שווייגנס ניט איבערגעריסן. מערניט דער ווינט, זיך אריינרייסנדיק דורך די אומגעזעענע שפאלטן פון די פענסטער און טירן, האט ווי פריער געשארכעט מיט די בלעטער פון די ספרים און געוויגט דאס שווארצע טוך אויפן מת.

גערטרודע האט אויפגעהויבן דעם קאסטן מיט אירע, נאך שטארקע הענט און איז ארויס פון צימער. נאך איר איז ארויס וואלטער ראמעניוס, דערנאך אלדעראדע און די, וואס זיינען געקומען מיט אים.

דורך אַ שמאָלן און פֿינסטערן קאָרידאָר איז גערטרודע געקומען צו עפּעס פֿינסטערע און נאַסע טרעפּ, וואָס זיינען געווען קוים באַלויכטן פֿון אַ לאָמפּ, וועלכער איז געשטאַנען אין דער נישע פֿון דער וואַנט. ראַמעניוס האָט גענומען דעם לאָמפּ און איז אַוועק אויף צופֿריער. די איבעריקע זיינען אים נאָכגעגאַנגען. אַלע זיינען געגאַנגען שווייגנדיקערהייט, גלייך ווי אוים מורא צו שטערן די קבר-שטילקייט. דער צאַנקענדיקער פֿלאַם פֿון דעם לאָמפּ האָט באַלויכטן אַלעמען מיט אַ אויסטערלישן מיסטעריעזן שיין. עס האָט זיך געדאַכט, ווי גערטרודע וואָלט געטראָגן עמיצנס אַן אָרון, און נישט קיין קעסטל מיט פּאַפּירן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז וואַלטער ראַמעניוס איז דער אומגעטרייסטער פֿאָטער, וואָס גייט באַגראָבן זיין געליבט קינד. מ'האָט אַראָפּגענידערט פֿון דעם טרעפּ איינער נאָכן אַנדערן, אַלץ נידעריקער און נידעריקער, אין עפּעס אַ פֿאַרדומפּענער פֿאַרמאַכטער הייל.

אין דער וואַנט פֿון דער הייל איז שוין געווען געמאַכט אַ גרויסע טיפֿעניש, גרעסער ווי פֿאַרן קעסטל. דאָ איז געשטאַנען אַן אַרבעטער מיט אַ רידל אין האַנט און ס'זיינען געלעגן עטלעכע גלאַט אַרומגעהאַקטע שטיינער ליים און האַפּנע. דאָ זיינען אויך געווען אינסטרומענטן, וואָס ווערן באַנוצט פֿון מויער-אַרבעטער.

ראַמעניוס האָט צוגענומען דאָס קעסטל פֿון גערטרודעס הענט און עס שטומערהייט אַריינגעשטעלט אין דער נישע.

ווען אין דער הייל וואָלט זיין כאָטש עטוואָס ליכטיקער, וואָלטן אָלדעראָדע און זיינע חברים געזען ווי דער אַלטער ראַמעניוס איז נאָך בלאַסער געוואָרן. מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט ער אויפֿגעהויבן אַ ציגל פֿון דער ערד און צוזאַמען מיטן מויערער — גענומען פֿאַרמויערן די נישע.

און אָלדעראָדע מיט די איבעריקע עדות פֿון דערדאָזיקער סצענע האָבן שווייגענדיק געקוקט, ווי דער אַלטער געלערנטער איז מקבר זיין אייביקן רום אין דערדאָזיקער שוואַרצער פֿייכטער וואַנט. דער אַלטער האָט געאַרבעט פֿיבערדיק-גיך. די ליים און וואַפּנע זיינען אַלע ווילע אים געפֿאַלן פֿון די

הענט. אלע ווילע האט ער זיך איינגעבויגן עס אויפצוהויבן און ווידער פארלארן, און ווידער זיך איינגעבויגן, ארויסשלאגנדיק זיך פון די כוחות און אפווישנדיק די גרוסע טראפנס שוויים, וואס האט זיך געגאסן פון זיין פנים.

—העלפט מיר, פארוואס העלפט איר מיר ניט! —האט ער געמורמלט ווי פאר זיך, ניט אכטנדיק אויף דעם, צי מ'הערט וואס ער זאגט, אדער ניט.

אלדעראדע האט אים גענומען דערלאנגען די ציגל. די אנדערע האבן אים דערלאנגט שטיינער, ליים, וואפנע.

— העלפט מיר, העלפט מיר גיכער!— האט דער אלטער ניט אויפגעהערט צו מורמלען.

און דער צאנקענדיקער פלאם פון דעם לאמפ האט מיט א ציטערנדיקן שיין באלויכטן די דאזיקע שווערע סצענע. די רויטע אפגלאנצן פון דעם פייער האבן אזוי ווי א ווייטער פלאקער געשפילט אויף די פייכטע ווענט פון דעם קעלער.

—הערט איר אלע, הערט! האט וואלטער ראמעניום ענדלעך געזאגט, פארמויערנדיק מיט ליים דעם לעצטן שפאלט אין נישע און פארשמירנדיק מיט שווארצער בלאטע די גאנצע נישע.

—דא ליגט באהאלטן דער גייסט פון אן אלטן געלערנטן מענטשן, פון וואלטער ראמעניום. דא ליגט באגראבן זיין איינאיינציקע, זיין גרויסע זאך! דא ליגט דער זין פון זיין לעבן! געדענקט־זשע דעם דאזיקן ארט, איר אלע, וואס זייט דא! אויב ראמעניוסעס קינדער וועט אומקומען אין שלאכט, אויף די שטאטישע מויערן, זאל דאס אייך ניט ארן! זארגן זאלט איר פאר זיין גייסט—און זאלט ניט לאזן דעם דאזיקן קעסטל צעפוילט ווערן. נעמט אם פון דאנען ארויס און ברענגט אים אריבער צו מיין אלטן פריינד, לאמבערט הארטעניוס פון נאארדען — ער וואוינט איצט אין בריל*).

---

*) לאמבערט הארטעניוס, דער רעקטאר פון דער לאטיינישער אקאדעמיע אין נאארדען, איז, בשעת דער צעשטערונג פון דער דאזיקער שטאט, פארשוינט געווארן פון טויט צוליב זיין געלערנטקייט. דעם זון זיינעם האט מען געהרגעט פאר אים אין די אויגן.

דעם אלטנס קול האט אזוי געציטערט, די ווערטער האבן געקלונגען אזוי שטיל און אומדייטלעך, אז קוים וואס מ'האט זיי געקענט דערהערן.

— וואס? וואס זאגסטו? האט אלדעראדע איבערגעפרעגט.

דא האט שוין וואלטער ראמעניוס איבערגעחזרט זיין בקשה הויך אויף א קול:

— זאגט איר מיר צו, אז איר וועט מקיים זיין, וואס איך בעט אייך? שווערט איר מיר, אז מיין נשמה וועט נים פארפוילט ווערן אין דערזאקער נאסער וואנט?

— אלטער פריינד, מעגסט זיין גאנץ רואיק! — האט אים אלדעראדע געענטפערט. — איך רייד צו דיר אין אלעמענס נאמען. אויב מ'וועט אונז נאר נים אויסהרגענען אלעמען, וועלן מיר פינקטלעך אויספירן דיין ווילן...

— און איצט וועל איך גיין מקבר זיין דעם זון מיינעם!...

קאַפּיטל נײַן.

דער טויטלעכער קאַמף.

איבער שטאָט האָט זיך שוין צעטראָגן דער שם, אַז די שפּאַניער האָבן אַ רוק געטאָן צום שטורים אַלע זייערע קרעפטן. די טויב, וואָס מ׳האָט אַרויסגעשיקט פון עסטערדאַם צו ווילהעלמען, איז אַריינגעפאַלן צו פרעדעריק דע־טאָלעדאָ אין די הענט. די שפּאַניער האָבן שוין געוואוסט, אַז די שטאָט הענגט אויף אַ האָר. איז דען שוין ניט גלייכער מיט איינמאָל מאַכן אַ סוף, ניט צו פּטרן די סאָלדאַטן דורך הונגער און מגפות?

דער שטורים האָט זיך שוין טאַקע אָנגעהויבן. אַ שטאַרקע מחנה שפּאַניער האָט זיך געלאָזט מאַ־שירן צום צפונדיקן טורים. אין שטאָט האָט מען דערציילט, אַז דערדאָזיקער טורים איז שוין איינגענומען, אַז די שפּאַניער האָבן אויך געפּרובט אויפרייסן די מערבדיקע טויערן, אָבער ס׳האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן. ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז וואַן־סמיסען איז געפערלעך פאַוואונדעט, אָבער אפילו פאַרוואונדעטערהייט וויל ער ניט איבערגעבן די קאָמאַנדע אין אַנדערע הענט. פילע האָבן געזען, ווי אַזוי מ׳האָט וואַן סמיסענען געטראָגן אויף אַ טראָגבעטל צום איבערבינדנגס־פונקט און פון דאָרטן צוריק צו דער שטאָטישער מויער.

וואַן־סמיסען האָט באמת טאַקע ניט געוואָלט שטאַרבן אין לאַזאַרעט. מיט אַ צעשמעטערטער לינקער האַנט האָט ער ווידער אָנגעפירט מיט דעם גאַנג פון דער שלאַכט.

די שפּאַניער זיינען ווירקלעך צוגעקומען צו די שטאָטישע ווענט און געקלעטערט אויף די מויערן אין געדיכטע מאַסן. פאַראוים זיינען געגאַנגען אַלבעס אַלטע וועטעראַנען. דער ווילדער קריגערישער אויסזען פון דידאָזיקע זעלנער, אויף וועלכע ס׳האָט

נאָך ניט אָפּגעטריקנט דאָס בלוט פֿון האַרלעם און עעכעלן, וואָלט אין אַן אַנדער צייט געוואָרפֿן אַן אימה אויף די פֿרידלעכע איינוואוינער פֿון עמסטערדאַם. איצט האָבן זיי פֿאַר גאָרנישט מורא געהאַט. מ׳קען זאָגן, אַז כמעט אַלע איינוואוינער פֿון שטאָט זיינען געווען אויף די מויערן און געקעמפֿט: די „זעלאַנדישע היצקעפּ״ מיט וואַן־דער־וועלט בראש, סאָלדאַטן און בירגער — אַלע האָבן זיך געשלאָגן איינער לעבן דעם אַנדערן. מ׳איז געשטאַנען אויף די ראַנדן פֿון די מויערוועגט, ווער מיט אַ שפּיז, ווער מיט אַ האַק, ווער מיט האַלעבאַרדע און ווער מיט אַ מושקעט. מ׳האָט זיך געשלאָגן — ווער עס האָט געקענט און מיט וואָס מ׳האָט געקענט. די קינדער האָבן אַרונטערגעקייקלט אויף די שפּאַניער שווערע שטיינער, וואָס זיינען געלעגן אָנגעגרייט אויף די ציינער פֿון דער מויער. די פֿרויען האָבן געגאָסן אויפֿן שונא זודיקן פּעך, געשפּריצט צעשמאָלצענעם בליי און צין. די זקנים האָבן געוואָרפֿן די שפּאַניער אויף די העלזער ברענענדיקע רייפֿן און שטריק. קרעכצן און קולות האָבן פֿאַרהילכט די לופֿט. מ׳האָט זיך געשלאָגן מיט רציחה — דערציילט דער פּינקס־שרייבער — מ׳האָט זיך געשלאָגן ווי יעדערער פֿאַר זיך און קעגן אַלעמען. אַיי, איז דאָס געווען אַ שלאַכט! די פֿאַרצווייפֿלטע קולות פֿון די מענטשן זיינען געווען אַזוי הויך, אַז זיי האָבן פֿאַרהילכט אַפֿילו דעם דונער פֿון דער שיסעריי און דעם אומאויפֿהערלעכן געריוש פֿון דעם אויפֿגערודערטן ים, וועלכער איז ממש געקראָכן אויף די דאַמבעס, אַזוי ווי וועלנדיק קומען דער שטאָט צו הילף.

ווען אַלדעראָדע, ראַמעניוס און זייערע באַגלייטער זיינען געקומען אויפֿן שטאָט־פּלאַץ, האָט דאָרט געהערשט אַ אמתע בהלה. אין דער ריכטונג צו דער שטאָטישער מויער זיינען געלאָפֿן מחנות מענטשן. עס זיינען געלאָפֿן בירגער און בירגערינס. עס זיינען געלאָפֿן פֿאַרוואונדעטע סאָלדאַטן! ווער עס האָט געטראָגן האָלץ פֿאַר די שייטערס, ווער אַ האַק, ווער אַ שטיין, ווער אַ היי־גאָפּל. די גליקלעכערע האָבן געהאַט אין די הענט שווערע אַרקעבוזן און אַרבאַלעטן. יעדער איינער האָט געפֿילט, אַז אָט

איצט איז עס געקומען די אַנטשיידנדיקע מינוט. יעדער איינער האָט שוין לאַנג באַשלאָסן אָפּצוגעבן זיין לעבן, אָבער פאַר זייער אַ טייערן פּרייז. די שטימונג פון דער גאַנצער מאַסע האָט געווירקט אויף דער שטימונג פון יעדען יחיד. די שטימונג פון דעם יחיד האָט געווירקט אויף דער שטימונג פון דער מאַסע. זי איז געווען אָנגעשריבן אויף אַלע פּנימער, האָט זיך אויסגעדריקט אויף יעדן געזיכט אין אַ באַזונדערן, אייגענעם שטייגער.

די קריגערישע שטימונג פון פאַרצווייפלטן קאַמף האָט גלייך באַהערשט אַלדעראַדען און זיינע פריינד, ווי נאָר זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן מיט דער מאַסע.

— פאָראויס, בירגער! האָט אַלדעראַדע אויסגעשריען מיט דער גאַנצען כּח פון זיין הילכיקן קול. — אין צוויי טעג אַרום זיינען מיר מנצח! מיר האָבן באַקומען הילף! מיין אַלטער פריינד וואַלטער ראַמעניוס איז אונז געקומען העלפן! לעבן זאָל-זשע די העלדישע פרייהייט! לעבן זאָל אונזער פאָטער ווילהעלם!

— לעבן זאָל אונזער פאָטער ווילהעלם!—האָבן זיך אָפּגערופן שטימען פון דער מאַסע.

דער המון האָט שוואַך פאַרשטאַנען אַלדעראַדעס ווערטער. די בירגער, וואָס זיינען געשטאַנען נעענטער, האָבן געהערט, וואָס דער בירגערמייסטער האָט געזאָגט. אָבער דער נאָמען ראַמעניוס האָט פאַר זיי לחלוטין גאָרנישט באַטייט — זיי האָבן דעם דאָזיקן מענטשן כּמעט ווי גאָרניט געקענט. די איבעריקע האָבן אפילו ניט געהערט אַלדעראַדעס ווערטער. זיי האָבן פאַרשטאַנען נאָר, אַז עמיץ גייט זיי צו הילף. ווער-זשע קען גיין אַז ניט דער פאָטער ווילהעלם? לעבן זאָל-זשע דער גרויסער קעמפער פאַר דער האָלענדישער פרייהייט!

איבער די גאַסן, איבער די פּלעצער, די שטאָטישע מויערן האָט זיך געשווינט צעטראָגן אַ קלאַנג, אַז ווילהעלמס חייל איז נאָענט, אַז דער בירגערמייסטער אַליין האָט עס נאָר-וואָס געזאָגט. און וואָס קען דאָ ניט זיין? אפשר איז ווידער געקומען צו פליען קיין עס-ערדאַם אַ טייבעלע מיט בשורות טובות פון דעם פּרינץ

אליין! לעבן זאָל-זשע דער פאָטער ווילהעלם!

דערדאָזיקער געשריי פון פרייד און האָפענונג האָט זיך גיך פאַרשפרייט איבער דער מאַסע. באַלד האָט ער שוין דער־גרייכט אויך צו די שטאָטישע מויערן, וואו עס האָט געפלאַקערט א פאַרביטערטער פאַרצווייפלטער געראַנגל. „לעבן זאָל אונזער פאָטער ווילהעלם!"—האָבן געשריִען די קעמפער, און דערדאָ־זיקער אויסגעשריי האָט עפּעס ווי אַריינגעבלאָזן אין זיי נייעם מוט און נייע קראַפט. שטאַרקער האָבן גענומען קלאַפן די פאַרח־לשטע הערצער, מיט מער פרישקייט האָבן גענומען אַרבעטן די פאַר־מאַטערטע הענט. די עסטערדאַמער זיינען אויפגעמונטערט גע־וואָרן. „די הילף, די הילף איז נאָענט! דער פאָטער פון דעם פאָטערלאַנד האָט געהאַלטן וואָרט!" א מחנה „זעלאַנדישע היצקעפּ" מיט וואַן-דער־וועלטן בראש האָבן זיך א וואָרף געטאָן אויף דעם מזרחדיקן טורים און אַרויס געשלאָגן פון דאָרטן די שפּאַניער. א סך זיינען דערהרגעט געוואָרן, א סך האָט מען אַרונטערגעשליידערט פון דער שטאָטישער מויער, א סך האָבן גענוסטט אויפן פאַראַפּעט פון דער וואַנט מיט פנימער אָפּגעגאָסן מיט זודיקן פעך...

—לעבן זאָל אונזער פאָטער ווילהעלם! לעבן זאָל אונזער פרייהייט!

דער שטורים האָט זיך ניט איינגעגעבן — דאָס האָט מען געזען באַשיינפּערלעך. אויף דער גאַנצער ליניע האָבן די שפּאַ־ניער געמוזט אָפּטרעטן. דער בייזער פלאַן פון פרעדעריק דע־טאָלעדאָ האָט געפּלאַצט. הונדערטער הרוגים האָבן באַדעקט די שטאָטישע מויער, איר צופוסנס, די וויסטע גאַסן פון דער אונ־טערשטער שטאָט. „אין דעם דאָזיקן בלוטיקן טאָג— ווערט דער־ציילט אין די האָלענדישע כראָניקעס — האָבן איבער דריי טויזנט מענטשלעכע נשמות זיך געשטעלט צום בית-דין של מעלה ענט־פערן אים פאַר דעם בלוט, וואָס זיי האָבן פאַרגאָסן אויף דער ערד". צוויי טויזנט פון זיי זיינען געווען שפּאַניער...

דער שטורים האָט מען מיט נצחון אָפּגעשלאָגן, אָבער דאָך איז עס געווען דער אָנהייב פון סוף. אויף מאָרגן האָבן שוין די

שפאַניער זיך געגרייט צו באַנייען די שלאַכט. פרעדעריק דע־טאָלעדאָ האָט שוין. געזען די פאַרצווייפלטע שוואַכקייט פון די עסטערדאַמער. וואָס איז די פעולה, וואָס ס׳האָט אָפגעשלאָגן דעם שטורים? סיי פאַר די שפאַניער סיי פאַר די עסטערדאַמער איז קלאָר באַשיינפערלעך, ווער וועט סוף־כל־סוף מנצח זיין...

די שפאַנישע סאָלדאַטן האָבן זיך געגרייט צום קאַמף. פון אַלע פּאָרטן איז געגאַנגען אַ פאַרשטאַרקטע קאַנאָנאַדע. הונדערטער שווערע גראַנאַטן זיינען געפלויגן אין שטאָט אַריין, צעשמעטערנדיק הייזער און הרגענעגדיק מענטשן. דער פאַר־צייטיקער גאָטישער טורים פון דעם וואונדערשיינעם קאַטעדראַל פון דער הייליקער גודולע איז צעשטערט געוואָרן. די קוראַנט־ן האָבן אויפגעהערט צו שפּילן די מלכותדיקע קאַפּיטלעך תהילים. גלייך ווי מאַכנדיק חוזק איבער דער פרומקייט פון די שפאַניער, האָבן די בירגער צונויפגענומען דאָס גאַנצע צירוואַרג פון אַלע קלויסטערס, אַלע הייליקע בילדער און דאָס באַנוצט אויף צו באַפעסטיקן די מויערן פון דער פעסטונג. דער פרומער קאַטויל, דאָן פרעדעריק דע־טאָלעדאָ האָט געברענט און געפייערט פאַר גרימצאָרן, צעזענדיק אַזאַ מין פאַרשוועכונג מצד די אַפּיקורסים. אַלם גמול פאַר אַזאַ חטא האָט ער באַפוילן אָנצוטאָן עינויים און דערנאָך געלאָזט אויפהענגען זיבעצן געפאַנגענע בירגער, בתוכם פינף פרויען. צווישן זיי איז אויך געווען איינער אַן אַנאַבאַפּטיסט, וועלכער האָט, בראָטנדיק זיך אויף די קוילן אין די גרעסטע יסורים, געזונגען אַן אַלט אַלבּיגאָיער ליד: „מעג דאָס בלוט פאַרגאָסן ווערן פאַר דער הייליקסטער זאַך אַפילו — איז עס ניט רעכט אין די אויגן פון גאָט!״

— דיין בלוט גיסט זיך פאַר די בילדער פון די הייליקע — האָט אים פרעדעריק דע־טאָלעדאָ מיט אַ געלעכטער געענטפערט.

*
* *

וואָס איז אָבער דער פאָטער ווילהעלם? וואו איז די הילף זיינע? איצט האָט זיך שוין קיינער אין עסטערדאַם מער ניט גע־

שטעלט דידאָזיקע פראַגע. דער נצחון איבער די שפּאַניער, אָפּגעהאַלטן אַפילו אויפן ראַנד פון אונטערגאַנג, האָט שטאַרק אויפגעהויבן דעם געפאַלענעם מוט פון די בירגער.

דריי טעג זײַנען זיי שוין אינגאַנצן געווען אומגעגעסן און דערהאַלטן די נשמה נאָר מיט וואַסער און מיט גראָז, וואָס מ'האָט נאָך געקענט געפינען אין די גאַסן און אויפן בית-הקברות.

ין אַ טאָגס האָט שוין געדאַרפט זײַן דער 7-טער פעברואַר, דער אָפּגעמאַכטער טערמין פון דער קאַפּיטולאַציע. אָבער וועגן קאַפּיטולאַציע האָט מען שוין ווידער אויפגעהערט צו טראַכטן. יעדער איינער האָט אויף עפּעס געהאָפט, אויף עפּעס געוואַרט.

ביים צופֿוסנס פון דעם צפון-מערבדיקן טורים, דעם טורים, וואָס איז געשטאַנען צום נאָענטסטן פון ים, איז אין דערזעלבער צייט געגאַנגען אַ פאַרשטאַרקטע אַרבעט. מ'האָט דאָ געגראָבן עפּעס אַ אומגעהײַערע ברייטע גרוב. ס'האָבן געאַרבעט עטלעכע צענדליק מענטשן פאַר אַמאָל. אַרום זיי האָבן געשמייעט הונדערטער אַנדערע אַרבעטער, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייער ריי אָפּצובײַטן די ערשטע פּאַרטיע. מ'האָט געאַרבעט מיט רידלען, מיט ברעכאײַזנס, מיט גראָבאײַזנס. טייל האָבן געגראָבן, טייל האָבן אַוועקגעטראָגן די ערד אָן אַ זייט. צענדליקער מענטשן זײַנען געווען פאַרנומען מיט שלעפן קלעצער, ברעטער און באַלקעס אויף צו באַפעסטיקן און אונטערשפאַרן די ערדענע ווענט. פון ערגעץ-וואו האָבן זיך דערטראָגן די קלעפּ פון ברעכאײַזנס און העק. דאָס האָט מען געבראָכן די דילן און די באַלקנס פון די שכנישע הײַזער, כדי צו באַקומען דאָס נייטיקע געהילץ. די אַרבעט איז געגאַנגען מיט אַ פיבערדיקער געשווינטקייט. אַזוי אַרבעטן די מאַטראָסן אויף אַ שיף בשעת אַן אוראַגאַן. אויף חקירהן זיך איז שוין דאָן ניט קיין צייט און אויף קיין שמועסן אויך ניט. יעדערער ווייס, וואָס ער האָט צו טאָן. יעדערער פאַרשטייט, ווי וויכטיק עס איז צו אײַלן זיך און צו אײַלן זיך...

בראש פון דערדאָזיקער אַרבעט איז געשטאַנען דער אַלטער אינזשעניער, דער מאַטעמאַטיקער וואַלטער ראַטעניוס. ער האָט מיט דער אַרבעט אָנגעפירט. ער האָט געוויזן די אַרבעטער,

וואָס צו טאָן פֿון צייט צו צייט האָט ער זיי אַפֿילו צוגעאײלט, הגם דאָס איז געווען גאַנץ איבעריק — סיי ווי האָט יעדער איינער געאַרבעט אַזוי גיך, ווי ער איז דאָס געווען אימשטאַנד...

דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט באַגראָבן זיין זון, באַגראָבן אויך דעם אייביקן רום זיינעם. ער האָט זיי באַגראָבן אין איין טאָג, אין איין שעה אַפֿילו. און באַגראָבן זיי, האָט ער זיך צו קבורה געבראַכט. ער האָט שוין אויפֿגעהערט צו זיין אַ איינוואוינער פֿון דער ערד, אַ לעבעדיקער מענטש, — ער איז געוואָרן אַ קדוש פֿון דעם בירגערלעכן חוב. אַך, וואָס פֿאַר אַ באַטרעף האָבן אַלע מיני ליידן לגבי די, וואָס זיינען אויסגעפֿאַלן אויף זיין גורל. ער האָט דערדאָזיקער נישטיקער, אומגעלומפּערטער ערד געבראַכט אַזאַ קרבן, אַזאַ גרויסן קרבן, וואָס קיינער האָט נאָך ביזאהער קיינמאָל, דאַכט זיך, ניט געבראַכט? אָ, האַלב ווילדער פֿינסטערער המון פֿון קליינע, הגם אומגליקלעכע מענטשעלעך! ווייסטו כאָטש ביסטו כאָטש מסוגל אָפּצושאַצן, וואָס האָט עס אים געקאָסט אומצוזייטן די אייביקע וואָרהייט אויף דעם קאַמף פֿון דעם טאָג? ווייסטו כאָטש וואָס פֿאַר אַ שרעקלעכן פּרייז דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט באַצאָלט פֿאַר זיין באַשלוס? אָבער, וואָס איז דאָ פֿאַראַן וואָס צו ריידן און צו טראַכטן דערפֿון! ווען דו זאָלסט עס געווען אַפֿילו וויסן, וואָלסטו פֿאָרט עס ניט געקענט פֿאַרשטיין ווי גרויס! דיר איז אומבאַגרייפֿלעך די שטרעבונג צו דער אייביקער וואָרהייט! דיר זיינען אומפֿאַרשטענדלעך די ליידן צוליב איר! היינט ביזטו נאָך מסוגל אָנצונעמען אַזאַ קרבן, ווי ראַמעניוס, אָבער מאָרגן, ווען דיינע געשעפֿטן וועלן בעסער ווערן און וועלן זיך איינרעגולירן, ווען עס וועט ווידער זיך אַוועקציען דיין זאַט און צופֿרידן לעבן — וועסטו פֿאַרגעסן אי אָן דעם קרבן, אי אָן דעם מענטשן, און וועסט נאָך אפֿשר פֿאַרוואַרפֿן מיט שטיינער ראַמעניוסן, פֿאַר וואָס ער קען זיך ניט צופּאַסן צו דיר, קען זיך ניט בוקן צו דיינע געטער! שוין אַ סך יאָרן איז אַוועק, ווי דער אַלטער געלערנטער האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף דעמדאָזיקן המון עפּעס פֿון אויבן אַראָפּ, און ניט

פֿאַר די מינוטן האָט ער געקענט ענדערן זיין קוק. אמת, ער האָט געמאַכט דעם המון אַ הנאה, אָבער דערפֿון איז ער, דער המון, נאָך ניט געוואָרן העכער אין זיינע אויגן. טאָ אַרבעט, רייסט זיך אונטער, איר נישטיקע מענטשעלעך, קעמפֿנדיק פֿאַר דעם גליק פֿון דער מינוט, ניט טראַכטנדיק און ניט וויסנדיק פֿון דער אייביקער וואָרהייט... ניט דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט שפּילט עשוס טאָפּלינזן אַזאַ טרויעריקע אומגליקלעכע ראָלע...

דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט שוין אַליץ אַרומגע־קוקט, אַליץ באַטראַכט פֿון דער שטאָטישער מויער אַרומטער. דאָס וויסן און די קענטשאַפֿט, וואָס ער האָט שוין געדענקט פֿאַר לאַנג פֿאַרגעסן, האָבן פּלוצלונג ווידער אויפֿגעוואַכט אין אים, און ער האָט ערנסט און פֿאַרזיכטיק זיך גענומען פֿאַר דער דורכפֿירונג פֿון דער שווערער און דרייסטער אונטערנעמונג. אפֿשר איז הערמאַן טאַקע באמת געווען גערעכט —אונטערגראָבן און אויפֿרייסן די דאַמבע איז אַפֿילו אַ דריסטער פּלאַן, אָבער ניט קיין אוממעגלעכער. בעסער געזאָגט, דאָס איז אַ האַרבע אויפֿגאַבע פֿאַר אַ אינזשעניער. באַטראַכטן און אויספֿאָרשן דעם כאַראַקטער פֿון דעם באָדן, באַטראַכטן און אויספֿאָרשן דעם גרונט, וואו די אונטערגראָבונג זאָל געמאַכט ווערן, אויסמעסטן און פּינקטלעך באַרעכענען די לענג פֿון דעם טונעל גופֿא, באַקלערן, ווי טיף אים צו גראָבן, ווי אַזוי צו שטעלן די אָנשפּאַרונגען, ווי אַזוי אַרויסנעמען די ערד און אויס־צופּאָמפּען דאָס וואַסער — איז דען דאָס אַליץ אַ אוממעגלעכע זאַך? אמת, די זאַך קען זיך אַמאָל ניט איינגעבן אויכעט, אָבער פּרובן מעג מען דאָך! די אַמאָליקע געניטשאַפֿט און וויסן האָבן אַליץ בולטער און בולטער אויפֿגעלעבט אין דעם אַלטנס מוח. ער האָט שוין געשאַפֿן דעם אַלגעמיינעם פּלאַן פֿאַר דער אַרבעט ער האָט שוין געוואוסט, ווי אַזוי און וואו אָנצוהייבן זי...

די אַרבעט האָט געברענט אונטער זיינע הענט. אַזוי ווי די מוילוואָרפֿן גראָבן זיך אונטער דער ערד, אַזוי האָבן זיך מענטשן געגראָבן און געריענט אין דעם דאָזיקן טיפֿן ברונים, וואָס איז

פארטיק געוואָרן אין משך פון עטלאַטלע שעה.

דער ברונים איז סאַמע ביזן דעק באַלייגט געווען מיט ברעטער. אַ גאַנצע סיסטעם טרעפּ האָט געפירט אַרונטער צו זײַן דעק. באַלד האָט מען אָנגעהויבן גראָבן דעם טונעל. דאָס איז געווען אַן אַרבעט פון מילבן, און זי האָט געקאָכט אַזוי ווי אין אַ מילבננעסט. דער באָדן איז געווען אַ ווייכער און אַ פייכטער. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דורכצוזאַפּן וואַסער. האָט מען געמוזט מאַכן אַ פעסטע דורכאויסיקע באַלייגעכץ, און דאָס האָט געפאָדערט אַ גוזמא אַרבעט און מאַטעריאַל. ניט מיד ווערנדיק, אָפּבײַטנדיק איינער דעם צווייטן, האָט מען כסדר צוגעבראַכט אַלץ פרישע און פרישע ברעטער, וואָס מ'האָט אַרויסבאַקומען פון די דורך גראַנאַטן צעשטערטע הייזער. מ'האָט געאַרבעט האַלב אין דער פינסטער און אַפילו אין דער פינסטער, וואָרים די לאָמפּן און די פאַקלען פלעגן זיך אַלע ווײַלע לעשן. פון אויבן האָט געטריפט אויף זיי וואַסער און זיך געשאָטן זאַמד. פאַרחלשטע, אויסגעהונגערטע אַרבעטער זײַנען אַלע ווײַלע געפאַלן פאַר מידקייט. מאַנכע פלעגן אַרויספויזען פון אונטער דער ערד, און אויף זייער אָרט פלעגן זיך גלייך מעלדן אַנדערע. די פרויען האָבן אויף בלאָקן אויפגעהויבן אַרויפצו קוישן מיט ערד. און אונטן, אויפן דעק ברונים, האָבן געאַרבעט אַפילו קינדער, געשאָטן די ערד אין די קוישן. מ'האָט געאַרבעט מיט רידלען, מיט קוועטש און אַפילו מיט די בלויזע הענט.

באַלד איז דער טונעל שוין דורכגעפירט געוואָרן אַריבער דעם תחום פון די שטאָטישע מויערן און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אונטער די חורבות פון דער אונטערשטער שטאָט. די אַרבעט איז געוואָרן נאָך שווערער. אַ סך בנינים זײַנען דאָרט געבויט געווען אויף פאַליעס, אַרײַנגעשלאָגענע זייער טיף אין דער ערד. אין אייניקע ערטער האָבן זיי פאַרצאַמט דער אונטערערדישן גאַנג. האָט מען זיי געמוזט אַראָפּזעגן און אַראָפּהאַקן אונטער דער ערד, און אַלע ווײַלע האָט מען מורא געהאַט, אַז אָט-אָט פאַלט אײַן דער שווערער געוועלב. דער באָדן איז געוואָרן אַלץ פייכטער און פייכטער, וואָס נעענטער דער טונעל איז געקומען

צום ים... עטלעכע מאָל האָט די באַלייגעכץ פון דעם אונטער־ערדישן גאַנג ניט אויסגעהאַלטן און זיך אָפּגעזעצט. ערטערווייז האָט די זאַמדיקע פּאָדלאָגע פון קאָרידאָר שיר זיך ניט אויפגעהויבן סאַמע ביזן געוועלב. און מ'האָט עס אַלץ געמוזט איבערמאַכן, בעסער מאַכן...

— די זון איז שוין פאַרגאַנגען, אַוועק אָפּרוען. אָבער די מענטשן האָבן אַפילו אין זינען ניט געהאַט אָפּצורוען. איין מחנה אַרבעטער פלעגט גלייך אָפּבייטן די צווייטע. די פאַרמאַטערטע, הונגעריקע, האַלב־טויטע מענטשן האָבן זיך געמוזט בייטן אַלע פינף מינוט. און פונדעסטוועגן איז די אַרבעט געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער. פון די פאָדערשטע גרעבער ביז סאַמע דעק ברונים, פון וואַנען ס'איז געווען אַן אַרויסגאַנג אַרויפצו, האָט זיך געצויגן אַ ניט איבערגעריסענע קייט מענטשן. יעדער ברעקל ערד איז אַריבער פון האַנט צו האַנט, אַריינפאַלנדיק סוף־כל־סוף אין קויש און פון דאָרטן אַרויפצו, וואו מ'האָט עס אויך איבערגענומען און אָפּגעטראָגן אָן אַ זייט. פון דערדאָזיקער ערד איז אויסגעוואַקסן אַ נייער רעדוט הינטער דער פעסטונגס־מויער, נאָך אַ אָנהאַלט קעגן די שפּאַניער.

ס'איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט. אָבער וואָס איז דען די אַלע מענטשן, דידאָזיקע אונטערערדישע מילבן, אָנגעגאַנגען, אַז אויפן הימל איז ניטאָ קיין זון, אַז ס'לייכט ניט די לבנה. זי האָט מער געשראָקן דאָס וואַסער, וואָס האָט דורכגעזאַפּט דעם גאַנצן באָדן צוליב דער נאָענטקייט פון ים און די שטאַרקע האַרבסטיקע רעגנס..

—לעבעדיקער! לעבעדיקער! — האָט געשריען מיט זיין הילכיקן קול אויף די אַרבעטער דער אַלטער וועטעראַן בראַמס בראָון, וואָס מ'האָט אים גערופן „גלית" פאַר זיין כוח און גרלע. דערדאָזיקער הינקעדיקער ריז, אַ בלינדער אויף איין אויג, איז געווען דער הויפּטאַרבעטער אין דער אונטערגראָבונג. דאָס זיצן באַלעגערטערהייט אין הונגער, דער טאָגטעגלעכער קאַמף אויף די מויערן האָבן ניט איבערגעלאָזט קיין שום שפּור אויף זיין געזונטער, מעכטיקער נאַטור.

—לעבן זאָל אונזער פרייהייט! האָבן זיך די וואַכלייט

איבערגעשריען אוים די טורימס פון דער פעסטונג.

—לעבן זאל אונזער פאטער ווילהעלם! האבן זיך אפגע־רופן די סאלדאטן און בירגער פון די פעסטינגס־מויערן.

אין שטאט איז געווען שטיל. אבער דער שפאנישער לאגער האט אפילו ניט אנגעהויבן צו רוען. פערד האבן גע־הירזשעט, געווער האט געקלונגען, און שיכורע סאלדאטן האבן, ווי זייער שטייגער איז געווען, זיך געריסן אויף די העלזער מיט זייערע ווילדע לידער. און איבער דידאזיקע אלע קלאנגען האט, ניט אויפהערנדיק, זיך ניט אפהאלטנדיק, סיי ביי טאג סיי ביי נאכט, איצט אזוי ווי מיט טויזנט יאר צוריק, געהערשט דער געדודער און רעש פון די ים־כוואליעס, וואס האבן זיך געשלאגן אן די דאמבעס.

— גיכער! לעבעדיקער! ס׳איז געבליבן צו גראבן סך־הכל א פינף און דרייסיק, פערציק קלאפטער!

בראמס בראון האט געוואוסט, ווי אזוי אונטערצוגעבן חשק די ארבעטער. — די זון וועט אויפגיין און די שפאניער וועלן מסתמא ווידער אנהייבן די שלאכט. און ס׳איז נאך ניט באוואוסט, צי וועט זי זיך ווידער ענדיקן פאר זיי מיט א מפלה... אלזא— לעבעדיקער! לעבעדיקער! זאלן די כוואליעס פון אקעאן אראפ־שווענקען פון דער נידערלענדישער ערד די פארהאסטע אונטער־דריקער!

קאפיטל צען.

ראמעניוסעס אייביקער רום.

דידאזיקע גאנצע נאכט האט דער אלטער וואלטער ראמעניוס אפילו ניט צוגעמאכט מיט אן אויג. ער האט אליין געצווייפלט אין דער הצלחה פון זיין אונטערנעמונג. דער גרונט איז א צו פייכטער און צו שוואכער. ער איז צו פיל דורכגעזאפט מיט וואסער. וועלן די באלקנס און די אונטערשפארונגען פון דער גאלעריע קענען אויסהאלטן די משא ערד און בנינים, וואס דריקן פון אויבן? ניט אומזיסט איז דאך דערדאזיקער ארט אמאל געווען דער גרונט פון ים! דאס וואסער קען נאך פארפלייצן די גאלעריע! קען נאך א שפאר טאן דעם באדן פון דער גאלעריע מאמע ביין באלקן! א, מאר א געפערלעכע און אומזיכערע אונטערנעמונג דאס איז! וויפיל פארזיכטיקייט, נעניטשאפט, וויסן און ארבעט פאדערט זי! כדי אויסצומיידן א דורכפאל, האט וואלטער ראמעניוס באשלאסן צו לאזן אין דער ארבעט נאך עטלעכע צענדליק הענט.

די דורכגעגראבענע גאלעריע האט זיך ערטערווייז שוין געמען זעצן. האט מען זי געמוזט ברייטער מאכן. כדי אפצופירן דאס וואסער האט מען נעמאכט א קאנאל און דורכגעלייגט א רער. דאס וואסער האט מען לכתחילה ארויסגעפאמפעט מיט כלים. דערנאך האט מען אוועקגעשטעלט א פאמפע. די אונטערשפארונגען האבן זיך ערטערווייז אונטערגעגעבן. האט מען זיי געמוזט פארבייטן מיט נייע. דער אלטער וואלטער ראמעניוס האט אפילו אויף קיין איין מינוט ניט פארלאזן די גאלעריע און דעם ברונים און האט שטארק השגחה געגעבן אויף דער ארבעט. דאס איז, דאכט זיך, שוין גאר קיין מענטש ניט געווען, נאר א מאשין. ער איז אינגאנצן פארטאן געווען אין זיי

ארבעט, אזוי ווי עס איז פארטאָן דער קאַפּיטאַן פון א שיף, וועלכע טרינקט זיך בשעת א שטאָרם. די אויגן האָבן אים געפינקלט ווי אין א פיבער פון אונטער די צונויפגערוקטע ברעמען. אויפן פנים איז געלעגן דער חותם פון א אימהדיקן נשמה־פיין. אמת, דער אלטער האָט זיך געפלייסט אויסצוזעען וואָס רואיקער, אָבער זיין רואיקייט איז עפעס געווען א דריקנדיקע. אזוי באהאלט זיך אָפט אונטער א שאָל פון אייז דער ברויזנדי־קער ים.

—לעבעדיקער, חברים, לעבעדיקער! האָט בראַמס בראָון נאָך נישט אויפגעהערט אויסצורופן, ביזן ים איז שוין געבליבן נישט קיין סך!

אָבער אויך ביז טאָג איז שוין געבליבן גאַנץ ווייניק. די בירגער האָבן געוואַרט אויף דעם אויפגאַנג פון דער זון פונקט מיט אזא אימה, ווי עס וואַרט דערויף דער פאַרמשפּטער צום טויט. אמת, אין דעם חושך האָט דורכגעבליצט עפּעס א שטי־קעלע האָפענונג אויך. אָבער גאָט מיינער, ווי שוואַך זי איז גע־ווען! וועט זיך איינגעבן אויפצורייסן די דאַמבע? וועט זיך איינ־געבן דורכצוגראָבן א קאָרידאָר פון הונדערט פופציק קלאַפטער אין א וואַסערע דרייסיק—פערציק שעה? און טאָמער גיט זיך עס נישט איין? וואָס־זשע וועט דאַמאָלסט זיין?

—דער מזרח האָט שוין אויפגעהעלט. פון דער פעסטונגס־מויער אַראָפּ, אין דעם אומדייטלעכן בין־השמשות פון דער אוועקגייענדיקער נאַכט, האָט מען שוין געקענט דערקענען די ווייסע קאַמען פון די כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער דעם שפּיגל פון ים? דער ווינט האָט זיך כסדר געשטאַרקט און האָט געטריבן צו די דאַמבעס טוראָדיקע מאַסן וואַסער. דער ים האָט געקרעשט און געדונערט. דאָס זיינען שוין נישט געווען די צערט־לענדיקע קלאַנגען פון כוואַליעס, וואָס שווענקען דעם ברעג. דאָס איז געווען א ווילדע מאַכט, וועלכע קריכט מיט גרימ־צאָרן אויף דער מחיצה, וואָס פאַרצאַמט איר דעם הפקר. די כוואַליעס האָבן געשמעטערט און גערודערט און זיך צעשלאָגן, זיך צעשאָטן און ווידער אויפגעשטאַנען און אויף א נייעם קאָן זיך

געהאַקט מיט עפּעס אַ מאָדנער סטיכישער רציחה. און די
דאַמבעס זיינען אַלץ נאָך געשטאַנען רואיק און אומבאַוועגלעך
פאַר דערדאָזיקער ווילדער אומאיינגעצאַמטער מאַכט און האָבן
רואיק באַגעגנט דעם דערצערנטן מעכטיקן אָנפראַל.

רואיק זיינען אויך געשטאַנען די מויער=ווענט פון עסטער=
דאַם, שיין זיך צייכענענדיק אויף דעם רויט געוואָרענעם פאָן פון
הימל מיט זייערע שאַרפשפיציקע טורימס און ציינער. ערגעץ=
וואו אויף די מויערן האָבן ווי רויטע שטערנדלעך דערברענט די
וואַכן=פייערן. ערגעץ=וואו האָט דורכגעפינקלט אַ שטאָלענע קאַס=
קע פון אַ סאָלדאַט אין אַ לעדערנעם פאַנצער מיט אַ מושקעט
אויפן אַקסל. די שטאָט האָט, ווייזט אויס, געשלאָפן. מערניט
ביים צופוסנס פון דעם צפון=מזרחדיקן טורים האָט געווימלט
פון מענטשן. אָבער אַלע בירגער און קריגער און דער גאַנצער
שטאָטראַט האָבן מיט געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט נאָכגעשפירט,
מיט וואָס וועט זיך ענדיקן די אַרבעט אונטער דער ערד...

און אין שפּאַנישן לאַגער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ
באַוועגונג פון מיליטער. דאָן פרעדעריק דע=טאָלעדאָ האָט, ווייזט
אויס, צוגעטראַכט עפּעס אַ נייעם פּלאַן. דער דורכפאַל פון דער
נעכטיקער אַטאַקע איז פאַר אים ניט געגאַנגען לאיבוד. ער האָט
באַמערקט, אַז דער געגנער האַלט זיך קוים מיט דער נשמה.
ער האָט באַמערקט זיין אויסגעמוטשעטן און פאַרחלשטן אויסזען.
מיט אַזעלכע האָט ער נאָך קיינמאָל ניט פאַרלאָרן קיין שלאַכט.
פרעדעריק דע=טאָלעדאָ איז איצט געגאַנגען אויף זיכער. נעכטן
נאָך האָט ער באַקומען אַ באַפעל פון אַלבאַ זיין פאָטער, וועל=
כער האָט געפאָדערט, אַז עסטערדאַם זאָל תיכף=ומיד גענומען
ווערן און אויסגעגלייכט ווערן מיט דער ערד און אַז די איינ=
וואוינער זאָל מען איבערגעבן דער פייער און שווערד און דער
הפקרות פון דעם פאַרביטערטן חייל.

פרעדעריק דע=טאָלעדאָ האָט געפּלאַנט מיט איין אָנט=
שלאָגענעם און האַסטיקן קלאַפּ צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד
פון די באַהאַרצטע בירגער, וואָס זיי האָט, קאָנטיק, „געהאָלפן
דער טייוול אַליין". וואָרים זיכט, ווי אַזוי האָבן זיי עס זיך גע=

קענט איבער דריי חדשים האלטן קעגן דעם גאט=געזאלבטן קריסטלעכסטן שפאנישן קיניג און זיין טרייען דינער דע=טאלעדא?

ווי נאר די זון איז ארויס פון איר פוטערפאס, האט זיך אנגעהויבן דער קאמף. דער ערשטער שאס איז געגעבן געווארן פון דער שפאנישער זייט. די בירגער האבן אויף אים ניט גע=ענטפערט. זיי האבן שוין געשפירט א דוחק אין גראנאטן און קוילן. די שפאניער האבן זיך געלאזט מארשירן צו דער שטאט אין עטלעכע קאלאנעס. זיי זיינען געגאנגען אין געשלאסענע רייען. וואן=סמיסען האט געווארט, זיי זאלן צוקומען נעענטער.

דער קאמף האט זיך אנגעהויבן אין עטלעכע ערטער פאר אמאל, ביי א פארשטארקטער קאנאנאדע פון די שפאנישע בא=פעסטיקונגען. ביידע צדדים האבן זיך געשלאגן נאך מיט מער פארביסנקייט ווי נעכטן. די שפאניער האבן זיך געווארפן אויף די באפעסטיקונגען ווי ווילדע חיות. זיי האבן געקלעטערט אויף די הילצערנע לייטערס, וואס זיי האבן צוגעשטעלט צו דער מויער. די פארטיידיקער פון עסמערדאם האבן זיך געווארפן אויף זיי מיט דער דרייסקייט פון פארצווייפלונג. דער ערשטער שפא=ניער, וואס האט זיך ארויפגעכאפט ארויפצו, איז געפאלן צוריק פון לייטער ארונטער, אבער דעם ארונטערגעפאלענעם פלעגן פארביטן א צווייטער, א דריטער, א צענדליק נייע. קוילן און פייער אין צעשמאלצן בליי האבן זיך געשאטן אויף זייערע קעפ, שטיינער זיינען געפלויגן און זודיקער פעך האט געשפריצט.

„דאס איז געווען ניט קיין שלאכט, נאר א גיהנום —" דערציילט דער פנקס=שרייבער. — „אין דעם פולווער=רויך האט מען גארנישט געקענט זען. עס האט געאווירט מיט פולווער, סמאלע און מענטשיש בלוט. א קרעכצן און א קריצעניש מיט די ציין איז געשטאנען אין דער לופטן, א קרעכצן פון די אפגעבריטע, פון די פארוואונדעטע, פון די גוססע מענטשן. אלץ העכער און העכער האט געדונערט די קאנאנאדע. די שפאניער האבן פארכאפט דעם מערבדיקן טורים. לויט א טראמפייטן־סיגנאל האבן די פארטיי=דיקער פון טורים אים גלייך פארלאזן. דריי וואנדעראס*) שפא־

*) 500 מאן.

ניע־ האָבן גלייך פאַרנומען זייער אָרט און אויסגעהאַנגען אויפן טורים אַ שפּאַניש פאָן. אין אַ מינוט אַרום איז דער טורים און די שפּאַניער און די פאָן אַרויפגעפלויגן אין דער לופטן. פון דער זייט איז דער שטורים אָפּגעשלאָגן געוואָרן*). אַ שטאַרקע אָפּטיילונג „זעלאַנדישע היצקעפּ" אונטער דער קאָמאַנדע פון וואַן־דער־וועלט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער ברעש פון דער שטאָטישער מויער, וואָס האָט זיך געבילדעט אויף דעם אָרט פון דעם אויפ־רייס, און האָט געשלאָגן און געבראַכט דאָס שפּאַנישע חיל. די פאַרהונגערטע זעלאַנדער האָבן גלייך אויפן אָרט אָפּגענומען ביי די דערהרגעטע שפּאַניער דאָס ברויט און עס תיכף דערשלונגען, אַפילו ניט צעקייטערהייט.

די בוואַליעס פון דעם שפּאַנישן מיליטער האָבן זיך היינט, אַזוי ווי נעכטן, צעקלאַפּט אָן די פעסטונגס־מויערן פון עסטערדאַם, זיך אָנגעשלאָגן, צעקלאַפּט געוואָרן און ווידער געשטראָמט. און ווי פריער האָבן אויף די פעסטונגס־מויערן געקלונגען די מו־טיקע טענער פון די געזן־לידער און דער באַגייסטערטער מעכ־טיקער אויסגעשריי:

— לעבן זאָל די האָלענדישע פרייהייט!

אָבער דאָס זיינען געווען גענאַרערישע אויסגעשרייען. אי וואַן־סמיסען אי אַלדעראָדע און די איבעריקע פירער פון שטאָט האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז אָט באַלד, די רגע, דאַרף נעמען אַ סוף צו דעם קאַמף. מ'קען דאָך פון מענטשן ניט פאַרלאַנגען, וואָס איז איבער זייערע קרעפטן. און די מענטשן, וואָס האָבן געקעמפט אויף די דאָזיקע מויערן, האָבן אַזוי אויך שוין אַרויסבאַ־וויזן איבערמענטשלעכע כוחות. די רייען פון די פאַרטיידיקער זיינען שיטער געוואָרן. איינע פון די ערשטע איז געפאַלען בער־טע באַקעלזאָן. ס'איז דערהרגעט געוואָרן דער פירער פון די „זע־לאַנדישע היצקעפּ" — וואַן־דער־וועלט. די שפּאַניער האָבן אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און אַריינגעוואָרפן אין שטאָט אַריין.

**) אזא פאַל איז געווען ביי דער באַלאַגערונג פון ליידען.

ס'זיינען דערהרגעט געוואָרן די דריי זקנים, וואָס זיינען געקו־מען צו ראַמעניוסן צוזאַמען מיט אַלדעראַדען. אויך די אַלטע גערטרודע, וועלכע האָט, נאָכדעם ווי זי האָט באַגראָבן הער־מאַנען, געקעמפט מיט די אַנדערע אויף די מויערן און געגאָסן אויף די שפּאַניער זודיקע סמאָלע, איז אויך דערהרגעט געוואָרן. דער אַלטער וואַן־סמיסען האָט באַקומען נאָך אַ שווערע וואונד... טויזנט נייע הרוגים האָבן באַדעקט די ווענט און דעם צופוסנס פון די מויערן. אָבער דער אַנבליק פון דידאָזיקע הרוגים האָט ניט אָפּגעשראָקן די לעבן געבליבענע. וואָס שטאַרקער דער מלאך־המוות האָט געשאַכטן, אַלץ מער איז געוואַקסן די פאַר־ביסנקייט פון די לעבעדיקע. מ'האָט זיך געשלאָגן ניט נאָר מיט געווער — מ'האָט זיך געשלאָגן אַפילו מיט די פויסטן. די מענטשן זיינען געוואָרן ווילדע חיות. די מלחמה איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ העסלעכער הריגה.

וואו־ניט־וואו האָבן די שפּאַניער ווידער איינגענומען די שטאָטישע מויערן, וואו־ניט וואו האָבן די עסטערדאַמער זיך אָן וואַקל געטאָן, אָפּגעטראָטן. אָן די פאַרוואונדעטע און דערהר־געטע האָט מען פאַרגעסן. אַלע האָבן זיך באַוואָפנט מיט וואָס נאָר יעדערער האָט געקענט און אַלע זיינען געלאָפן אין שלאַכט.

„די כוואַליעס האָלענדיש בלוט—ווערט דערציילט אין אַן אַלטן פּינקס—האָבן געראַשט, אַזוי ווי די אינדן אין אָקעאַן. טייכן בלוט זיינען געשטאַנען אויף דער שטאָטישער מויער. דאָס בלוט האָט געראונען איבער די טרעפּ—דאָס האָלענדישע בלוט און דאָס שפּאַנישע. און די גבורה פון די בירגער איז געווען אין לשער. פינף שעה נאָכאַנאַנד איז געגאַנגען די שלאַכט און די שפּאַניער האָבן ניט גובר געווען די פאַרהונגערטע אויסגעמוטשעטע בירגער און קיין שפּאַנישע פוס איז ניט אַריינגעקומען אין שטאָט אַריין ווייטער פון דער שטאָטישער מויער."

אַלדעראַדע האָט, אַזוי ווי אַלע, געקעמפט מיט אַ האַק אין דער האַנט קעגן די שפּאַניער אין די ערשטע רייען. זיין הוט, דורכגעשאָסן פון אַ קויל, איז אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ. די גרויע געדיכטע האָר האָבן געפלאַטערט אויפן ווינט. איבערן פנים האָט

גערונען בלוט פון א וואונד אויפן שטערן. דער אַלטער ביר־גערמייסטער האָט אַלעמען געוויזן, אַז ער באַהערשט ניט נאָר די פען און דאָס בוך, אַז ער קען זייער גוט קעמפן קעגן די, וועלכע עס איז אומזיסט צו איבערציינן און הכנעהדיק בעטן זיך ביי זיי.

אי האן־סמיסען אי אַלדעראַדע האָבן געוואוסט, אַז צוויי טורימס פון שטאָט זיינען שוין ביי די שפאַניער אין די הענט. אויב דער גרויזאַמער ים וועט תיכף ניט קומען צו הילף, וועט די שטאָט עסטערדאַם גענומען ווערן. שפאַניער זיינען מער, זיי זיינען שטאַרקער, זיי פאַרשטייען אויסגעצייכנט, אַז אַלע שאַנסן זיינען אויף זייער זייט.

אָפּגעווישט מיטן אַרבל פון קאָפּן דאָס בלוט און דעם שוויים, וואָס האָבן זיך געקייקלט איבער זיין פּנים, איז אַלדעראַ־דע צוגעלאָפן צום ברונים, פון וועלכן מ'האָט געגראָבן דעם טונעל. אין ברונים האָט אויך איצט, אַזוי ווי פריער, געשווימלט פון צענדליקער מענטשן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין ענדיקן זייער אַרבעט.

— פריינד מיינער, וואָלטער ראַמעניוס, איז ביי דיר אַלץ פאַרטיק? — האָט דער בראַווער בירגערמייסטער אַרונטער־געשריען אין ברונים אַריין.

— איין קלאַפּטער איז געבליבן! האָט עמיץ זיך אָפּגע־רופן פון אונטן.

— ברידער, שטרענגט אָן אַלע אייערע כוחות! ברידער, איר זאָלט זיך ניט שאַנעווען! צוויי שעה וועלן מיר זיך נאָך האַלטן, אין וואָס ווייטער וועט זיין — וועט זיך שוין אָן אייך!

אונטער דער ערד איז געגאַנגען אַ אָנגעשטרענגטע אַרבעט. מ'האָט געגראָבן די ערד מיט רידלען, מיט קווערט, מיט די פינגער. די אונטערשפּאַרונגען פון דער גאַלעריע זיי־נען אַלע ווילע איינגעפאַלן, באַדעקנדיק מיט וואונדן און ביילן די אַרבעטער. אָבער אין דעם פּייכטן, פאַרדומפּענעם חושך האָט מען דאָס בלוט ניט געזעען: אין דעם ווילדן אימפּעט פון דער אַרבעט האָט מען די וואונדן ניט געשפירט: איבער די פּנימער פון די אַרבעטער האָט גערונען בלוט, שוויים, קויט און

וואַסער, וואָס האָט לרוב געטריפֿט פֿון אויבן. מיט אַזאַ אָנ־שטרענגונג, מיט אַזאַ איםפּעט קען מען אַרבעטן אַ מינוט, צוויי, העכסטנס דריי. און דאָ האָט מען געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג, אָפּ־בייטנדיק איינער דעם צווייטן. די האַלב אויסגעגאַנגענע מענטשן האָבן געפֿונען אין זיך אַ כּוח איבערצוגעבן פֿון האַנט צו האַנט די קוישן מיט ערד. געווען אויך אַזעלכע, וואָס זיינען געפֿאַלן אין חלשות אויפֿן דעק פֿון דער גאַלעריע און פֿלעגן אַזוי בלייבן ליגן ביז זיי פֿלעגן קומען צו זיך. און ווען אין דער פֿינסטערניש פֿלעגט זיך דערהערן עמיצנס אַ קרעכץ, האָבן זיך גלייך געפֿונען אַ פּאָר באַהאַרצטע, וועלכע האָבן געשריען:

—לעבן זאָל די האָלענדישע פֿרייהייט!

און דומפּ האָבן דיזאָזיקע געשרייען אָפּגעקלונגען אין דער אונטערערדישער קבֿר־פֿינסטערניש. דאָך פֿלעגן זיי אַריינגיסן אין די נשמות פֿון די אַרבעטנדיקע פֿרישקייט און מונטערקייט און נייע קרעפֿטן.

און פֿאָראויס פֿאַר אַלעמען אין טונעל איז געשטאַנען גלית—בראַמס בראָון—און האָט מיט אַ אומגעהייערער אָנשטרענ־גונג געאַרבעט מיט אַ דיקן ברעכאייזן. מיט כּוח פֿלעגט ער אים אַריינזעצן אין דער ווייכער ערד און אַרויסגעקערט גרויסע בריל־עס ערד. אין דעמדאָזיקן אָרט פֿון דער אונטערגראָבונג האָט מען שוין געקענט הערן, ווי איבערן קאָפּ רוישט און רודערט דער ים. ס'האָבן זיך אַלץ אָפֿטער אָנגעגעבן מעכטיקע פּאַליעס, אויף וועלכע די דאַמבע האָט זיך געהאַלטן. אָט־אָט וועלן די שוואַכע אונטערשפּאַרונגען פֿון טונעל ניט אויסהאַלטן און דער ערדענער געוועלב וועט זיך עפֿענען און דאָס וואַסער וועט ברייט אַ שטראָם טאָן אין דעם אונטערערדישן קאָרידאָר אַריין.

וואו־ניט־וואו אין דעם געוועלב פֿון דער גאַלעריע זיינען שוין געלאָפֿן טייכלעך וואַסער, ריזלענדיק און רוישענדיק. אָט־אָט—און עס פּלאַצט די גאַנצע אונטערנעמונג! אוודאי—מ'זעט דאָך, אַז די זאַך האָט זיך ניט איינגעגעבן. דער אַלטער וואַל־טער ראַמעניוס האָט געזען קלאָר, אַז דער געוועלב וועט ניט

אויסהאלטן אפילו קיין צוויי שעה, אז לאדי וואס ס'וועט ניט געלינגען אויפצורייסן די דאמבע, נאר אפילו אריינלייגן אין קארידאר אזויפיל פעסער מיט פולווער, וויפיל ס'איז נייטיק אויפצורייסן א קאלאסאלע דאמבע וועקס קלאפטער די הייך און פינף און צוואנציק די ברייט, וועט מען נאך חס־ושלום ניט באוויזן. פופצן פעסער פולווער האט מען שוין געהאט אראפגעלאזט אין ברונים און אריינגעקייקלט אין קארידאר אריין. וועט דאס אבער קלעקן, אז די ריזעדיקע מאסע שטיין, האלץ און ערד, פון וועלכער די דאמבע איז געבויט, זאל ארויפפליען אין דער לופטן? ראמעניוס האט ארויסגעפאדערט נאך עטלעכע פעסלעך, כדי צו ארבעטן אויף זיכער.

די גאלעריע איז שוין ארונטערגעקומען אונטער דער דאמבע. נאך העכער האט געהילכט דער רעש פון די כוואליעס איבערן קאפ. נאך שטארקער און אפטער האט געטריפט וואסער פון אויבן. די פעסער האט מען געשטופט אינווייניק קוים מיט צרות, אלע ווילע פארטשעפענדיק די אונטערשפארונגען. די אונטערשפארונגען זיינען איינגעפאלן און צוזאמען מיט זיי האט זיך געשאטן די ערד. א פאס נאך א פאס האט מען ווי עס איז אריינגעשטופט און אװעקגעשטעלט אויפן באשטימטן ארט.

די ארבעט איז דורכגעפירט געווארן, די אונטערגראבונג איז געווען פארטיק!

בראס בראון האט שוין צוגעריכט די קנויטן צו די פעסער. עטלעכע מענטשן האבן געקייקלט איבערן קארידאר דאס לעצטע פעסל פולווער. דער אלטער וואלטער ראמעניוס האט געזאגט, ווי אזוי זיי פונאנדערצושטעלן.

— דער געוועלב זעצט זיך אפ! דער געוועלב זעצט זיך אפ! — האט פלוצלונג זיך דערהערט א קול פון דער פינסטער

די, וואס האבן געארבעט אין דער גאלעריע, געפאטפעט וואסער, ארויסגעטראגן די ערד, האבן זיך געלאזט לויפן. אין דער פינסטער האט מען געשטופט איינס דעם אנדערן, אומגעווארפן די אונטערשפארונגען, זיך אנגעקלאפט מיט די קעפ אין דעם אפגעזעצטן געוועלב, געפאלן איינער אויפן אנדערן, פאר־

שפּאַנדיק דעם אַריינגאַנג. דאָס איז געווען די פּאַניק פון אַ מאַסע, די פּאַניק פון מענטשן, וואָס זיינען טאַקע גרייט צו שטאַרבן אָבער האָבן זיך דערשראָקן פאַר דעם טויט, ווען דער טויט האָט זיך באַוויזן פּנים־אל־פּנים. איין בראַמס בראָאון האָט זיך ניט פאַרלוירן און ניט פאַרלאָזן די פּאָזיציע זיינע.

דער קאָרידאָר איז באַלד ליידיק געוואָרן. דער געוועלב האָט זיך ווירקלעך אָפּגעזעצט אין עטלעכע ערטער, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזעצט לאַנגזאַם און מיט הפסקות. בראַמס בראָאון האָט ניט געאיילט, געטאָן זיין זאַך—גרינדלעך צוגעפּעסטיקט די קנויטן און דערנאָך אַוועקגעפּויזעט צום אַרויסגאַנג. אַז ער איז בשלום אָנגעקומען אַהינצו, האָט ער שוין דאָרט קיינעם ניט געטראָפן. אַלע האָבן באַוויזן אַרויסלאַפן זיך פון אים איבער דעם שוואַכינקן הילצערנעם לייטער און האָבן זיך געשטויסן ביים ברוינים, אויף דער אייבערפלאַך פון דער ערד, אַרומטערקוקנדיק אונטן מיט האָפענונג און פחד.

בראַמס בראָאון, איז שוין אַלץ ביי דיר פאַרטיק?—האָט פון אויבן אַרונטערגעשריען וואַלטער ראַמעניוס.

— אַלץ אין אָרדענונג!—האָט גלית געענטפערט.

— בראַמס בראָאון, צינד אונטער!

און וואַלטער ראַמעניוס און צוזאַמען מיט אים דער גאַנצער עולם האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער שטאָטישער מויער. אַלע האָבן געאיילט זיך צו קוויקן מיט דער פּאַניק פון די שפּאַניער. דער ים האָט געברויזט און געדונערט פון דער ווייטנס. דער ווינט האָט געטריבן דאָס וואַסער אויף די דאַמבעס. לינקס האָט זיך געהויבן צום הימל אַ שוואַרצער זייל רויך, דאָס האָט געברענט דער מערבדיקער טורים, וועלכער איז שוין געווען ביי די שפּאַניער אין די הענט. פון רעכטס און פון לינקס און פון אַלע זייטן זיינען געגאַנגען צו דער שטאָט אַלץ פרישע און פרישע מחנות שפּאַניער. זיי זיינען געגאַנגען צעשאָטענערהייט, צופּוס און רייטנדיק, מאַכנדיק מיט די הענט און שרייענדיק הויך אויף אַ קול. פון דער שטאָטישער מויער האָט מען געהערט די קללות, וואָס זיי האָבן אַרויפגעשיקט צום הימל און אויף די קעפּ פון די

אַפּיקורסים. עס האָט זיך געהערט דער געטראַפּמל פון דער מחנה נים צום טאַקט און אַ געהילך פון שטימען. עס האָבן זיך גע־הערט, ווי מ'שרייט Ave Marie און Dies irae. פון דער נאָ־ענט האָט מען שוין אין דער מחנה געקענט דערקענען די מענטשן, פון דערווייטנס אָבער האָט זי אויסגעוויזן עפּעס אַ שוואַרצע, דורכ־אויסיקע וואַנט. דער פרימאָרגן איז געווען אַ פאַרנעפּלטער. די וויט האָט זיך געטרונקען אין אַ גרויער הילע. ס'איז געגאַנגען אַ דראָבנער רעגן און אַ ווינט האָט געפּייפט.

אויף דער מויער, מיט געווער אין דער האַנט, האָט זיך פאַרזאַמלט די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער שטאָט, וואַרטנדיק אויף דעם מאָמענט, ווען דער שונא וועט אונטערקומען גאָר נאָענט.

— דער טורים פון דער הייליקער בריגיטע איז גענומען פון די שפּאַניער! — האָט זיך דערהערט אַ געשריי פון הינטער דער שטאָטישער מויער.

— דער טורים פון דער הייליקער גולדע איז ביים שונא אין די הענט!

— מ'שלאָגט זיך אויפן פּלאַץ פון דעם הייליקן אַנטאָניוס. די שפּאַניער האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטאָט אַריין! אַ סוף שוין! אַ סוף!

טרויעריקע בשורות האָבן זיך געטראָגן פון אַלע זייטן. ווען וואַלטער ראַטעניוס און די, וואָס זיינען געווען מיט אים, זיינען אָנגעקומען צום פּאַראַפּעט פון דער שטאָטישער מויער, האָט שוין דאָרט ניט געהערשט מער די פריערדיקע שטימונג פון קאַמף. די פּנימער פון די קעמפער זיינען געווען פאַראומערט. פאַרוואָ־זשע האָבן זיי אַזויפיל געליטן? פאַרוואָס האָבן זיי זיך גערייכט אויף אַן אַנדער סוף? אָט קומט דער טויט אויף זיי... אָט שוואַרצן זיך די שפּאַנישע קאָלאָנעס... דער סוף קומט! דער סוף!..

בלאָס געוואָרן און געפאַלן ביי זיך איז אויך פּיטער אָלדע־ראָדע. קלאָר, אַז דער קאַמף איז פאַרשפּילט. ס'בלייבט נאָר איין ברירה — צו שטאַרבן!

— נו, וואָס, אַלטער פריינד, נו וואָס, דו געלערנטער

דאַמעניוס, האָסטו אויסגעפֿירט, וואָס דו האָסט זיך אָנגענומען?

וואַלטער ראַמעניוס האָט עפּעס ווי גאָרניט געהערט, וואָס זיין פֿריינד רעדט צו אים. ער איז געשטאַנען אויף דער מויער, אָנגעשפּאַרט אָן אַ שטיינערנעם צאָן, און האָט געקוקט אויף דעם אָרט פֿון דער דאַמבע, וואו עס האָט געזאָלט פֿאָרקומען דער אויפֿרייס.

קיין אויפֿרייס איז ניט געווען.

אָלדעראָדע האָט זיך געלאָזט לויפֿן צום ברונים, ווי ווייט נאָר ס'האָבן אים ערלויבט זיינע אַלטע מידע פֿיס, און האָט אַרונטערגעשריען:

— בראַמס בראָאון, צינד אונטער!

פֿון אונטן האָט מען קוים געקענט דערהערן גליטעם קול:

— דער קנויט איז פֿאַרגאָסן מיט וואַסער! דער קנויט ברענט ניט!

— בראַמס בראָאון! — האָט דער אַלטער בירגערמייסטער ווידער אויסגעשריען עפּעס מיט אַ מאָדנער פֿאַרצווייפֿלונג אין קול. — בראַמס בראָאון, צינד אונטער! די שפּאַניער זיינען שוין אין שטאָט! לעבן זאָל=זשע די האָלענדישע פֿרייהייט!

— לעבן זאָל אונזער פֿרייהייט! — האָט אים אָפּגעענטפֿערט אַ קול פֿון אונטער דער ערד.

עפּעס מיט דער פֿאַרצווייפֿלונג פֿון טויט האָט בראַמס בראַאון געכאַפּט דעם לאָמפּ און איז אַנטשלאָסענערהייט אַריין אין דעם אונטערערדישן קאָרידאָר. פֿון אויבן האָט זיך אויף אים געשאָטן ערד, וואַסער האָט זיך אויף אים געגאָסן. די אומפֿאַלנדיקע אונטערשפּארונגען האָבן אים געקלאַפּט איבערן קאָפּ און איבערן רוקן אָבער בראַמס בראָאון איז געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער. ערטערווייז האָט דער געוועלב זיך אַראָפּגעלאָזן. ערטערווייז זיינען פֿון אויבן געפֿאַלן ריזעדיקע שטיקער ערד און שטיין, ערטערווייז האָט דער באָדן פֿון דעם קאָרידאָר אַרויפֿגעשפּאַרט כמעט ביזן סאַמע געוועלב. בראַמס בראָאון האָט עפּעס ווי גאָרנישט ניט געפֿילט. ער האָט אָפּגעטרייסלט די ערד, געהיט דעם לאָמפּ

פונם וואַסער. וואו=ניט=וואו פלעגט ער זיך איינבייגן, וואו-ניט-וואו פלעגט ער פויזען אויפן בויך. ער האָט אוועקגע-שאַרט די אָפגעפאַלענע ערד אַזוי ווי אַ מוילוואָרף. הינטער אים זיינען איינגעפאַלן עטלעכע אונטערשפאַרונגען פאַר אַמאָל און האָבן אים פאַרצאַמט דעם אַרויסגאַנג אויף גאָטס ליכטיקער שיין. אָבער בראַמס בראָאון איז געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער, אפילו ניט מערקנדיק, אַז ער איז שוין אין קבר, אַז ער איז שוין אָפגעשלאָסן פון לעבעדיקע מענטשן און פון לופט און פון זונענשיין, אַז ער איז שוין אַריינגעקומען אין דער מלוכה פון די טויטע, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אויף אייביק די מלוכה פון די לעבעדיקע.

— לעבן זאָל=זשע די האָלענדישע פרייהייט!

און בראַמס בראָאון האָט מיט אַ פעסטער האַנט צוגעלייגט פייער פון לאָמפ צום פאַס מיט פולווער.

* *
*

אָלדעראָדע האָט איבער די געדרייטע און שמאָלע טרעפ אַרויפגעקלעטערט אויף דער שטאָטישער מויער אין דער אייגענער רגע, ווען עס האָט אַ קנאַל געטאָן דער ערשטער שפאַנישער זאַלפ. עטלעכע בירגער זיינען געפאַלן. די איבעריקע האָבן גע-ענטפערט מיט אַ זאַלפ פון די שטאָטישע מויערן.

דאָס געווער, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון די הענט פון די פאַרוואונדעטע און געהרגעטע, האָבן גלייך געכאַפּט די, וואָס זיינען נאָך געבליבן לעבן. אָלדעראָדע האָט אויך גענומען אַ שווערן אַרקעבוז און זיך אָנגעצילט אין דער שוואַרצער מאַסע, וואָס איז צוגעקומען צו דער מויער אַלץ נעענטער און נעענטער...

עס האָט אַ קנאַל געטאָן אַ צווייטער שפאַנישער זאַלפ. אָל-דעראָדע איז געפאַלן, אַרויסלאָזנדיק דעם אַרקעבוז...

און דריי טריט ווייט פון אים איז דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דעם אַרויסשטאַרץ פון דער

וואנט און האט איינגעשפיזט זיין בליק אין דעם רוישנדיקן ים. ער מוז זעען מיט זיינע אייגענע אויגן, אז זיין זאך האט ער דערפירט ביזן סוף. אט וועט זיך באלד די ערד עפענען. און דער אקעאן וועט א פלייץ טאן אויף דער יבשה. דער ים מוז קומען, ער וועט די רגע קומען צו הילף דער שטאט, ווארים די רגע וועט ער, וואלטער ראמעניום, אים עפענען דעם וועג. די לעצטע ארבעט פון וואלטער ראמעניום וועט ניט פלאצן. דער מזל איז ניט אזוי אכזריותדיק. ער קען ניט אוועקנעמען ביים מענטשן אלץ, וואס ער האט הייליקס און טייערס—אי דעם זון אי דעם דעם אייביקן רום, אי דאס רואיקע געוויסן, אי דעם גלויבן אין זיך גופא. אט באלד וועט די דאמבע ארויספליען אין דער לופטן און די כוואליעס פון ים וועלן א פלייץ טאן אויף דידאזיקע שווארצע אנקומענדיקע מחנות שונאים.

דער אלטער וואלטער ראמעניום איז געשטאנען אויסגעצויגן ווי הויך ער איז געווען און האט געווארט. זיין הויכע דארע געשטאלט האט זיך שארף אפגעצייכנט אויף דעם גרויען פאן פון הימל. די גרייז־גרויע האר האבן געפלאטערט אויפן ווינט, די אויגן האבן געפינקלט און דארשטיק, דארשטיק געקוקט אין דער וויט ארייז. דער אלטער געלערנטער האט פארגעסן אן דער מחנה שפאניער, האט פארגעסן אויך אן דעם, אז ער האט זיך ארויסגעשטעלט אונטער זייער פייער. ער האט ניט געהערט די קולות און שאסן, וואס האבן געקנאלט ארום אים. ער האט ניט געזען, ווי זיין אלטער פריינד אלדעראדע איז געפאלן, דערהרגעט געווארן אויפן ארט.

דער אלטער וואלטער ראמעניום איז געשטאנען און געווארט אויף דעם סוף פון זיין לעצטער ארבעט.

ערגעץ־וואו, עפעס וייט, זייער וויט, האט זיך דערהערט א דונערן. די ערד האט א ציטער געטאן. די שווארץ געווארענע רואינען פון דער אונטערשטער שטאט האבן זיך א וואקל געטאן. די שטאטישע אלטע מויערן האבן זיך אנגעהויבן צו טרייסלען. עס האט זיך דערהערט אן אויפרייס, א צווייטער, א דריטער—א גאנצע ריי אויפרייסן איינער נאכן אנדערן. א זייל

ווייסן רויך און פֿייער האָט אַ זעץ געטאָן הויך אין דער לופֿטן. שטיינער, קלעצער, ערד, שפּאַנישע האַרמאַטן, מענטשן — אַלץ מיט אַנאַנדער, וואָס איז געווען נאָר אויף דער דאַמבע, האָט זיך אָפּגעטיילט פֿון דער ערד און איז פֿלוצלונג אַרויפֿגעפֿלויגן אויף אַ משונהדיקער הויך. אין דער דאַמבע האָט זיך געעפֿנט אַ טויער און דאָס וואַסער, געטריבן מיטן ווינט פֿון דעם ים, האָט אַ פֿלייץ געטאָן מיט אַ מעכטיקן ברייטן שטראָם, עטלעכע קלאַפֿטער די הייך, מיטשלעפּנדיק מיט זיך שטיינער, קלעצער און זאַמד, מאַכנדיק זיך דעם וועג אַלץ ברייטער און ברייטער...

געשרייען פֿון אימה האָבן זיך אַ ריס געטאָן פֿון די מאַרשירנדיקע שפּאַנישע חיילות. און אויף דער שטאָטישער מויער האָט זיך אין דער אייגענער רגע דערהערט דער פֿריידיקער אויסגעשריי פֿון נצחון.

דער אַלטער וואַלטער ראַמעניום האָט זיך דערוואַרט אויף דעם סוף פֿון זיין אַרבעט. אָט איז געשען דאָס, וואָס ער, דער אָנטיילגעמער אין די שלאַכטן ביי סען-קאַנטען, האָט דורכגעפֿירט. באַלעגערטע! נעמט זיך אָן מוט און כּוחות! די הילף, וואָס איר האָט אויף איר געוואַרט אַזויפֿיל פּיינלעכע טעג, איז צו אייך אָנגעקומען! צו אייך איז אָנגעקומען הילף, אָבער דאָס איז ניט דער פֿאָטער ווילהעלם, דאָס זיינען ניט די געזן און אויך ניט דאָס חייל פֿון אַנדערע שטעט. דער ים איז אייך געקומען צו הילף, דער ים, וואָס חכמה, קענטשאַפֿט און וויסנשאַפֿט האָט אים אַ יאָג געטאָן אויף די שונאים! אייך איז געקומען צו הילף אַ שוואַכער, קראַנקער מאַן — דער אַלטער געלערנטער וואַלטער ראַמעניום!

און עפּעס אַ מאָדנע באַגייסטערונג האָט פֿלוצלונג באַהערשט דעם אַלטנס נשמה. מיטאַמאָל האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז אַ גבורה איז געשען, און דיזאָזיקע גבורה האָט געטאָן ניט קיין אַנדערער, חוץ ער. ער האָט פֿלוצלונג אויך פֿאַרשטאַנען, ווער עס נייטיקט זיך אין דעראָזיקער גבורה און האָט פֿאַרשטאַנען דאָס גליק, וואָס די העלדישע פֿאַרטיידיקונג פֿון עסטערדאַם וועט ברענגען דעם גאַנצן לאַנד...

און אויך די שטימונג פֿון דעם געהרגעטן הערמאַנען, פֿון זיין טייערן, געליבטן זון, האָט דער אַלטער פֿלוצלונג פֿאַרשטאַנען.

דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט זיך אַ צי אויס געטאָן, ווי הויך ער איז געווען, אַ ריס אַראָפּ געטאָן פֿון קאָפּ דעם הוט און אויפֿהייבנדיק אים אין דער הויך האָט ער מיט די לעצטע כּוחות אויסגעשריען מיט זיין אַלטן קול:

— לעבן זאָל די נידערלענדישע פֿרייהייט!

ווען עמיצער וואָלט געהערט דעמדאָזיקן אויסגעשריי, וואָלט ער דערשפּירט, אַז אין אים קלינגען אויך יונגטלעכע טענער.

אָבער דער אויסגעשריי פֿון דעם אַלטן געלערנטן האָט קיינער ניט געהערט. אַרום איז נאָך אַלץ געגאַנגען דער קאַמף, געקנאַלט די שיסעריי, זיך געגאָסן דאָס שפּאַנישע און האָלענדישע בלוט. די שפּאַניער האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דער נצחון איז ניט אויף זייער זייט, אַז זיי וועלן אַנטרינען פֿון טויט נאָר דאַן, ווען זיי וועלן נעמען די שטאָט. צונויפֿגעזאַמלט די בעסטע קרעפֿטן זיינע, האָט דאַן פֿרעדעריק דע-טאָלעדאָ זיך אַ וואָרף געטאָן אין שטאָט אַריין. פֿון דער מויער האָט זיך אויף די שפּאַניער אַ שאָט געטאָן אַ האָגל קוילן און גראַנאַטן. די שיסער האָט מען ניט געזעען. נאָר אויף איינעם פֿון די ציינער פֿון דער וואַנט איז געשטאַנען אַ הויכער דאַרער זקן אין שוואַרצע ברייטע בגדים און אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער הייך האָט ער געפֿאָכט מיט זיין הוט.

עס האָט אַ קנאַל געטאָן אַ שאָס, און דער זקן איז געפֿאַלן, געטראָפֿן פֿון אַ שפּאַנישער קויל אין דער ברוסט.

דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט געפֿונען זיין רו אין דערזועלביקער אייביקייט-אומענדלעכקייט, מחוץ רוים און צייט, וואו אַזויפֿיל מענטשן האָבן שוין געפֿונען זייער רו.

און דער ברוזנדיקער ים האָט עפּעס מיט אַ מאָרנעם גרימצאָרן גערוישט און געקראָכן אויף דער יבשה דורך דער טיר, וואָס דער אַלטער געלערנטער האָט אים גע-

עפֿנט. דער גיגאַנטישער שטראָם האָט ווי משוגענערווייז זיך געריסן אין דערדאָזיקער טיר אַריין און זיך צעגאָסן איבער דער ערד. די כוואַליעס האָבן געפּליעשטשעט און געדווישט. די ווייסע קאָמען פֿון די אינדן האָבן זיך ווילד געטראָגן פֿאָראויס, גלייך ווי דערפֿרייט, וואָס די יבשה איז ענדלעך אין זייער מאַכט. דאָס וואַסער האָט פֿאַרטרונקען די ערד אַלץ העכער, העכער און העכער, פֿאָלגנדיק דער קראַפֿט פֿון דעם ווינט און יענער צוציענדיקער קראַפֿט פֿון דער לבנה, וואָס דער אַלטער געלערנטער האָט אין איר אַנטפּלעקט.

קאפיטל עלף.

עפילאג.

אזוי האט זיך געעקט די געריממע באלאגערונג פֿון עסטערדאם. דאס איז געווען א נצחון פֿון רוחניות איבער גשמיות, א נצחון פֿון פֿרייהייט איבער אונטערדריקונג, א נצחון פֿון ליכט איבער פֿינסטערניש, פֿון ארמוזד איבער אחרימון, א נצחון פֿון דער וויסנשאפֿט, וועלכע איז ארויס אין גאס און זיך געשטעלט צום שוץ פֿון די באליידיקטע, אונטערדריקטע מענטשן, ביי וועלכע מ'האט אוועקגערויבט די עלעמענטארסטע מענטשלעכע רעכט.

אמת, דערדאזיקער נצחון איז געקויפֿט געווארן פֿאר א טייערן פרייז: ניינטהאלבן טויזנט פֿארטיידיקער פֿון עסטערדאם האט צוגענומען דער טויט. שפאניער איז אומגעקומען נאך מער. די בלוטיקע פראבעס צו נעמען עסטערדאם מיט שטורים האבן זיי געקאסט גאר ניט ביליג. נאך א גרעסערע צאל פֿון זיי איז אומגעקומען צוליב דעם אויפֿרייס פֿון די דאמבעס. די גאנצע סביבה ארום עסטערדאם אויף א שטח פֿון עטלעכע צענדליק קילאמעטער איז פֿארטרונקען געווארן מיט וואסער און זיך פֿארוואנדלט אין א ים. דאס וואסער איז געשטאנען אויף א הייך פֿון דריטהאלבן קלאפֿטער. פֿאר שרעק און פֿארצווייפֿלונג האבן די שפאניער מיט רציחה זיך געווארפֿן אויף די מויערן פֿון עסטערדאם, אבער דארט האבן זיי באגעגנט די קעמפֿער, וואס האבן זיך אנגענומען מיט נייעם מוט און פֿרישע כחות. די גאנצע שטאט איז געווען אויף די שטאטישע מויער־ווענט, אפֿילו זקנים, פֿרויען און קינדער. אלע קרעפֿטן זיינען אנגעווענדט געווארן, ביז מ'האט די שפאניער פֿאריאגט פֿון שטאט, אראפּגעווארפֿן פֿון די פֿעסטונגס־מויערן. זיך מייאש געווען אריינצוגיין אין שטאט און געפֿינען א שוץ פֿון וואסער אין עסטערדאם גופֿא,

האָבן די שפאַניער געמאַכט פליטה. פרעדעריק דע־טאָלעדאָ אַליין איז קוים ניצול געוואָרן, אַנטרונען אויף דער דאַמבע שווי־מענדיקערהייט. אַ שרעקלעכע מהומה האָט אַרומגענומען די שפאַנישע מחנה. די אַנטלאָפענע האָבן אין דער אימה געטרונ־קען איינער דעם אַנדערן. מאַנכע האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די אָפגעבראָכענע חורבות פון דער אונטערשטער שטאָט. אָבער די כוואַליעס האָבן זיי באַלד אַרונטערגעשווענקט, און די מענטשן זיינען צוזאַמען מיט די חורבות געפאַלן אין וואַסער אַריין.

און דאָס וואַסער איז אַלץ צוגעקומען און צוגעקומען. דאָס, וואָס וואַלטער ראַמעניוס האָט אָנגעהויבן, האָט פאַרענדיקט דאָס וואַסער מיט די אייגענע כוחות. מענטשן זיינען געלאָפן, געשוואומען, זיך געטרונקען, אויפגעהויבן זיך פון אונטער די כוואַליעס און זיך ווידער אַראָפגעלאָזט אונטערן וואַסער, גלייך ווי וואַשנדיק אין די כוואַליעס דאָס בלוט, מיט וועלכן זיי האָבן זיך באַפלעקט בשעת די שרעקלעכע פאָגראָמען אין מעכעלן, צוטפען און האַרלעם, גלייך ווי אויסקויפנדיק די שייטערס און די עינויים פון דער אינקוויזיציע, אַלע מיתה־משונהס פון אַלבאָ, די צביעות און פאַלשקייט פון קיניג.

די געזן, וואָס זיינען צוגעקומען צו עמסטערדאַם אויף זייע־רע לייכטע שיפן, האָבן פאַרענדיקט די מפּלה פון די שפאַניער. אָנגעלאָדן מיט עסנוואַרג, זיינען זייערע שיפן דעם אייגענעם טאָג צוגעקומען צו די מויערן פון דער שטאָט און מציל געווען פון הונגער־טויט די, וואָס זיינען נאָך געבליבן לעבן.

אַזוי איז אויסגעשפּילט געוואָרן די זאַך פון דער האָלענ־דישער פרייהייט. מיטן איינגעמען בריל, מיט דער פאַרטיידיקונג פון אַלקמאַאַר און עמסטערדאַם האָט זיך אָנגעהויבן די באַפרייאונג פון די פאַראייניקטע פראָווינצן. דאָ איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר דער מלוכה, וואו מיליאָנען מענטשן האָט זיך אין משך פון צענדליקער און אפילו הונדערטער יאָרן שפּעטער גע־לעבט אַ סך בעסער און גליקלעכער, ווי אין אַנדערע ערטער פון דער וועלט.

און וואָס איז געוואָרן מיט עמסטערדאַם? ניט לאַנג איז די

דאָזיקע שטאָט געלעגן אין חורבות. זי איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים פון דעם אַש אַזוי ווי דער פעניקס־פויגל. זי איז ווידער פאַרטיק געוואָרן מיטן אָקעאַן און האָט ווידער פאַרטריבן דעם ים הינטער דער דאַמבע, דער „פאָפערין". מ'האָט צוריק אָפגעבויט די אונטערשטע שטאָט, אָפגעבויט אפילו דעם קאַטעדראַל פון דער הייליקער גודולע, און ווידער האָבן די קוראַנטן אויף דעם־דאָזיקן קלויסטער געגומען שפּילן די קאַפּיטלעך תהילים.

דער פּינקס פון עסטערדאַם געדענקט זייער גוט אַלע עפּיזאָדן פון דער העלדישער פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט. דער שטאָטישער פּינקס־שרייבער, אַ פרידלעכער בירגער, וואָס האָט יונגערהייט געקעמפט אויף די עסטערדאַמער מויערן און אויף דער עלטער געשריבן זיינע זכרונות, האָט זייער געוויסנהאַפטיק פאַרצייכנט אויף די פּינקס־בלעטער אַלע געשעענישן פון די גרויסע פאַטאַלע טעג. ער דערמאָנט דעם פעטער אַלדעראָדע און דעם געלערנטן וואַלטער ראַמעניוס, און דעם היציקן געפאַלן הערמאַנען, און דעם מסירת־נפשדיקן בראַמס בראַאונען און אפילו די אַלטע דינסט גערטרודע. ער דערציילט אויך וועגן דער לוויה פון דיזאָזיקע מענטשן און וועגן די דענקמעלער, וואָס די דאַנקבאַרע בירגער האָבן געשטעלט אויף דעם קבר פון ראַמעניוס און זיין זון, און וועגן די אויפשריפטן, וואָס זיינען אויסגעקריצט אויף זיי. דיזאָזיקע אויפשריפטן האָבן אַ לאַנגע צייט געדינט פאַר די שפּעטערדיקע דורות אַ ביישפּיל זיך אָראָפּצונעמען. די פאָטערס פלעגן ברענגען זייערע זין צו די קברים און געלייענט זיי די אויפשריפט, וואָס פאַרפאַסט האָט זי אַ אומבאַקאַנטער מחבר. אָט איז דיזאָזיקע אויפשריפט:

Absint doli doloresque Simus homines fratresque·

„דאָ ליגט באַגראָבן דער עסטערדאַמער בירגער וואַלטער ראַמעניוס. ער איז דערהרגעט געוואָרן, ווייל ער האָט פאַרטיידיקט אונזער פרייהייט. ער איז געווען אַ געלערנטער מאַן און דעריבער האָט ער זי פאַרטיידיקט. דעררדאָזיקער דענקמאָל איז אים אויפגעשטעלט דורך די אַלגעמיינע כוחות פון די בירגער פון די פרייע פאַראייניקטע פּראָווינצן".

אויף הערמאַנס קבר איז געווען אַן אויפֿשריפֿט ענלעך אויף דער ערשטער. נאָך דעמזעלביקן לאַטיינישן טאָפּל-פֿערז וועגן די מענטשן-ברידער איז געשטאַנען אויסגעקריצט:

„דאָ ליגט הערמאַן, דער אַדאָפּטירטער זון פֿון ראַמעניוס. ער איז דערהרגעט געוואָרן, ווייל ער האָט פֿאַרטיידיקט אונזער פֿרייהייט. ער האָט געהאַט אַן איידל האַרץ און אַ ליכטיקע נשמה. ער האָט נישט געקענט זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט, צו-קוקנדיק די אומגערעכטיקייט פֿון די שונאים. ער האָט געוויזן דעם וועג, ווי אַזוי צו ראַטעווען עסטערדאַם".

דער עסטערדאַמער פּינקס-שרייבער ברענגט נאָך אַ סך אַנדערע פּרטים וועגן די, וואָס זיינען באַגראָבן אין די דאָזיקע קברים. נאָר וועגן איין זאַך דערמאָנט ער נישט.

ער דערציילט לחלוטין גאָרנישט, דערמאָנט נישט מיט איין וואָרט אפֿילו וועגן דעם ווּיסנשאַפֿטלעכן ווערק פֿון ראַמעניוס, גלייך ווי דער אַלטער מאַטעמאַטיקער וואָלט גאָרנישט געהאַט אויפֿגעטאָן פֿאַר דער ווּיסנשאַפֿט, גלייך ווי ער וואָלט גאָרנישט געשטאַנען אויף דער גרעניץ פֿון אייביקן רום.

גאַנץ פּשוט: דער מחבר פֿון דעם פּינקס איז געווען זייער אַן אָרנטלעכער, זייער אַ בראַווער, זייער אַ קלוגער מאַן, אָבער אויך זייער אַ פֿינסטערער מאַן.

פֿאַרוואָס-זשע האָט קיינער מיט קיין איין וואָרט נישט דער-מאָנט וועגן דעם קעסטל, וואו ס'איז געלעגן באַהאַלטן דער אייביקער רום פֿון דעם אַלטן ראַמעניוס?

דערפֿאַר, ווייל די אַלע מענטשן, וועלכע האָבן געוועזן, ווי דער אַלטער מאַטעמאַטיקער האָט באַגראָבן זיין רום אין דעם קאַלטן קבר, זיינען דערהרגעט געוואָרן בשעת דעם טויט-לעכן קאַמף אויף דער שטאָטישער מויער.

* *
*

דער אַלטער וואַלטער ראַמעניוס האָט זיך דערשלאָגן צו אַן אייביקן רום. דאָס איז אָבער געווען נישט דער רום, וועגן וועלכן ער האָט געחלומט.

* *
*

די שפּאַנישע זאַך אין די נידערלאַנדן איז פאַרשפּילט געוועזן אויף אייביק. זיבן נידערלאַנדישע פּראָווינצן — האָלאַנד, זעלאַנד, אוטרעכט, גראָנינגעם, צוטפען, העלדערן אין אָווערײַסעל האָבן זיך פאַראייניקט בּראש מיט אַן אַלגעמיינעם סיים, צונויפגעשטעלט פון אויסגעקליבענע בירגער. די אַלטע רעכט, די כאַרטיעס, די פרייהייטן, דאָס רעכט צו לעבן, מתפלל צו זיין און דענקען לויט זייער פאַרשטאַנד און פאַרלאַנג זיינען געוואָרן אַן אַלגעמיינער קנין. יעדע פּראָווינץ, יעדע שטאָט, יעדע געמיינדע האָבן באַקומען די מעגלעכקייט איינצואָרדענען זייער לעבן, שאַפן פאַר זיך אַזעלכע געזעצן, ווי זיי אַליין האָב געפונען פאַר נייטיק און ניצלעך ...

אמת, דאָס אַלץ האָט אויסגעקעמפט ניט קיין אַנדערער, ווי דאָס נידערלענדישע פאָלק אַליין. אָבער אין דערדאָזיקער גרויסער און הייליקער זאַך פון איינפלאַנצן די נידערלענדישע פרייהייט האָט געהאַט אַ שטיקל חלק אויך דער געלערנטער וואַלטער ראַמעניוס.

* *
*

ס'איז אַריבער אַ דריי הונדערט יאָר. אין יאָר 1853 איז צו עסטערדאַם דורכגעפירט געוואָרן אַ אייזנבאַן. דער וואָקזאַל איז אויסגעבויט געוואָרן אויף דעם אייגענעם אָרט, וואו ס'האָבן זיך אַמאָל דערהויבן די שפּאַנישע רעדוטן. די אונטערשטע שטאָט האָט זיך צעוואַקסן צוויי אָדער אַנדערטהאַלבן מאָל אַזוי גרויס. אויפן אָרט פון די אַלטע שמאָלע און פאַרדומפּענע גאַסן האָבן זיך אַוועקגעצויגן נייע, ברייטע גאַסן, פאַרבויטע מיט גרויסאַרטיקע פינפגאָרנדיקע הייזער. פון דער אַלטער שטאָט איז קיין שרידופליט ניט געבליבן. אויפגעהויט געוואָרן איז נאָר די ציטאַדעל מיט אירע פאַרצייטיקע מויערן. שטאָט האָט באַשלאָסן אונטערצוהאַלטן זי און אָפּהיטן אַלס זכר פאַר דעם יונגן דור וועגן דעם

העלדישן קאַמף, וואָס האָט זיך דאָ אַמאָל געפירט.

איינמאָל, ביים דורכפירן אַ נייע גאַס, האָבן די אַרבעטער זיך אָנגעשטויסן אויף עפּעס אַ פונדאַמענט, וועלכן מ'האָט געדאַרפט צענעמען. ביים פונאַנדערנעמען דעם פונדאַמענט האָט מען געפונען אַ גרויסן דעמבענעם קאַסטן, געשמידט אין אייזן און מעש. דאָס געפינס האָט אָנגעמאַכט אַ רעש צווישן די אַרבעטער, וועלכע האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן געפונען אַן אוצר. דער אינזשעניער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט, האָט געעפנט דעם קאַסטן. דערינען זיינען געלעגן ניט קיין טייערע שטיינער, ניט קיין גאָלד, נאָר אַ מאַסע געל געוואָרענע און דורכגעפייכטע פּאַפירן, באַשריבן מיט ציפער. אויף די פּאַפירן איז געלעגן אַ פּאַרמעט, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען געשריבן מיט אַ פּאַרצייטיקן כתב און מיט גרויסע אותיות:

Hoc est Walteri Ramenu, veritatis amici, mathematici Testamentum.

דער אינזשעניער האָט ניט געקענט זיך פונאַנדערקלייבן אין דעמדאָזיקן פּאַרמעט און האָט אָפּגעשיקט דאָס געפינס אין לײדענער אוניווערסיטעט, — אין דעם אייגענעם אוניווערסיטעט, וואָס איז מיט דריי הונדערט יאָר צוריק אויסגעבויט געוואָרן דורך דעם פירשט ווילהעלם פון אָראַניע צום זכרון פון דער העלדישער און איינגעגעבענער פּאַרטיידיקונג פון ליידען קעגן די שפּאַנישע חיילות.

די געלערנטע מאַטעמאַטיקער האָבן זיך באַצויגן צו דעם עסטערדאַמער געפינס מיט דער געהעריקער אויפמערקזאַמקייט: האָבן געבראַכט אין אָרדענונג אַלע געפונענע כתב-ידן, זיך פונאַנדערגעקליבן אין זיי, ניט געלאָזט גיין לאיבוד אפילו קיין איין שורה, קיין איין וואָרט, וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט דריי הונדערט יאָר צוריק.

דער פּראָפעסאָר, וואָס האָט גענומען אויף זיך די הויפּט-אַרבעט — פונאַנדערקלייבן זיך אין די אַנטדעקטע מאַנוסקריפּטן, האָט נאָכדעם ווי ער האָט תופס געווען זייער עצם, ניט געקענט אַ לאַנגע צייט קומען צו זיך פאַר איבעראַשונג: פאַר אים איז גע-

לעבן דאָס ווערק פֿון אַ גאון, דאָס ווערק פֿון אַ מעכטיקן מענטשלעכן שכל, באַוואָפֿנט מיטן פּינקטלעכן וויסן, וואָס גייט באַוואוסטזיניק אַלץ ווייטער אין דעם געביט פֿון דעם אומבאַקאַנטן און ניטדערפֿאָרשטן, לויט דעם באַשטימטן, שטרענג באַקלערטן וועג פֿון באַאָבאַכטונג, באַרעכענונג און עקספּערימענט. דער פּראָפֿעסאָר האָט מיט התפּעלות געלייענט די שורות, וואָס ראַמעניוס האָט געשריבן מיט דריי הונדערט יאָר צוריק. ער איז נשתומם געוואָרן איבער זיין וויסן און איבער דעם חוש, מיטן וועלכן ער האָט געטראָפֿן די וואָרהייט, און איבער זיין חריפֿות, מיט וועלכער ער האָט צוגעקליבן ראיות פֿאַר דער וואָרהייט, הגם ער האָט ניט געהאַט און האָט ניט געקענט האָבן אונטער דער האַנט דעם וויסנשאַפֿטלעכן אַפּאַראַט, וואָס עס איז דאָ ביי דעם היינטיקן מענטשן. וואַלטער ראַמעניוס איז דערגאַנגען און האַלב דערוויזן, וואָס פֿאַר אַ סיבה, וואָס פֿאַר אַ קראַפֿט טוט באַהעפֿטן אין איין סיסטעם סיי די אומגעזעענע אומענדלעך־קליינע טײַלכעלעך פֿון דער מאַטעריע, סיי די אין־לשער גרויסע וועלטן — די זון, די פּלאַנעטן און זייערע באַגלייטער. וואַלטער ראַמעניוס האָט געטראָפֿן און דערוויזן, אַז די פּלאַנעטן באַוועגן זיך אַרום דער זון ניט איבער קרייזן, נאָר איבער עליפּסיסן; ער איז אויך געווען אויף דעם ריכטיקן וועג נאָך צו אַ ריי אַנדערע אַנטדעקונגען, וואָס צוליב געוויסע סיבות, פֿאַר דעם פּראָפֿעסאָר אומבאַקאַנטע און אפֿשר אויך אומפֿאַרשטענדלעכע, האָט זיך ראַמעניוסן ניט איינגעגעבן זיי צו פֿאַרענדיקן מיט די אייגענע כּוחות.

אָבער דער אַלטער פּראָפֿעסאָר, וואָס האָט זיך פֿונאַנדערקליבן אין ראַמעניוסעס פּאַפּירן, האָט זיך לחלוטין ניט מצער געווען, וואָס דערדאָזיקער געלערנטער פֿון די אַמאָליקע צייטן האָט ניט פֿאַרענדיקט זיין אַרבעט.

וואָרים דאָס, וואָס ראַמעניוס האָט ניט דערענדיקט, האָבן נאָך אים דערפֿירט צו אַ סוף קעפּלער און ניוטאָן, און ניט נאָר דערפֿירט צו אַ סוף, נאָר זיי זיינען אפֿילו אַוועק נאָך אַ סך ווייטער.

און געשעען איז דאָס סך־הכל מיט עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער פֿון יענעם טאָג, ווען אין די פּאַראײניקטע פראָווינצן האָט זיך צום ערשטן מאָל אָנגעצונדן דער שטראַל פֿון בירגערלעכער און גייסטיקער פֿרייהייט, וועלכער האָט זיך פֿון דאַמאָלסט אָן שוין מער קיינמאָל דאָרט ניט אויסגעלאָשן.

ווילנער פאַרלאַג

פון

ב. א. קלעצקין

ווילנע, קליין=סטעפן גאס 23

נייע ביכער פאַר שול און זעלבסטבילדונג.

דער פאַרלאַג „ב. א. קלעצקין" איז צוגעטראָטן צום אַרויס=
געבן אַ גאַנצע ריי ביכער פאַר שול און זעלסטבילדונג.

אין דער ערשטער ריי ווערן אַרויסגעלאָזן פאָלגנדע פּאָפּולער=
וויסנשאַפטלעכע און לערנביכער:

1. יידישע געשיכטע — א. אפרתי. 1=טער טייל
2. „ „ „ 2=טער טייל

(רעקאמענדירט דורך דעם אוקראינישן יידישן דעמאקראטישן לערער פארבאנד און דורך דער צענטראלער שול=ארגאניזאציע אין ווילנע).

3. אָנשויאונגס=געאָמעטריע — מ. שאַליט.

(רעקאָמענדירט דורך דעם אוקראינישן יידישן דעמאָקראטישן לערער=פאָרבאנד).

4. דער מענטש (לערנבוך פאַר אַנאַטאָמיע)—אָטטאָ שמעיל אין דער איבערזעצונג פון ד"ר איסעל (בעל=כהשבוה).

חוצדעם זיינען פאַרטיק צום דרוק אַ גאַנצע ריי פּאָ=
פולער = וויסנשאַפטליכע ביכער פון רוסיש, דייטש
ענגליש און אַנדערע שפּראַכן, ווי:

פעלקער און לענדער:

אַמעריקע.	מצרים.	אינדיאַנער.
בריטאַניע.	אשור.	עסקימאָסן.
רוסלאַנד.	בבל.	סקאַנדינאַווישע מלוכה.
האָלאַנד.	רוים.	גריכנלאַנד און אַנד.